STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05637

NOR LAKHEN

Wolf Evensky

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Harold Perlmutter
in honor of
David Perlmutter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף איוועניסקי

נאָר לאַכעו

הומאָרעסקעס און מאָנאָלאָגען

1970

ברוקלין, נ. י.

WOLF EVENSKY

NOR LACHEN

Address of the Author

WOLF EVENSKY

1801 Avenue N

Brooklyn, N. Y.

Printed in U.S.A. by

OSBORN PRINTING CO.

135 Osborn St., Brooklyn, N. Y.

אינהאלט

ביכער 5
אוים מלחמה 7
ער איז רעטייערד 9
סאָשיעל סעקיוריטי 12
קריג און פרידען 14
ענדליך פרידען 15
צוגעטראָפען 17
א רחמנות נעבאך 19
פאַרלאָרען וואָג 21
דענטיסטען אין דער משפחה 22
דער נודניק 24
נישט זיין זיווג 26
זי האָט צייט 28
זי לאָזט איהם ווארטען 30
שווער צו פאַרשטיין די ווייבער 32
ער האָט מורא פאַר א גרושה 34
דאמענרעכט 36
א גמילת חסד 38
ביי אַלעמען גלייך 40
אַן ערליכער מענש 42
פאַרביטענע פאַרלאך 44
הלואי וואָלט עס אמת געווען 45
זי פאַרגעסט נעבאך 47
א חתונה מתנה 49
א רייזע קיין פלאָרידע 51
דאָס זייגערל 45
אַז ס'פעלט מזל 57
זי נעמט נקמה 59
מאן און ווייב 61
זיך געכאפּט אין צייט 63

זיין וואַקאַציע 65
אַ בייבי סיטער 67
אַ טענצער אויף דער עלטער 70
אַ נייע אַנשיקעניש 72
אין פלאָרידע הערט מען אַלערליי מעשות 75
זי נעמט נקמה 77
דער אפיקומן 80
פארלאָרענע מלוכה 81
געסט צום סדר 83
די זאַווערוכע 90
דער גרויסער נס 94
עס איז געשען 98
אַ ניט געהאַלטענע רעדע 101
אויף פּראָבע 103
זי אנערקענט אים ניט 107
דער ריכטיגער פּלאַץ 109
ג ע ס ט 111
אוים ליבע צום טאַטען 112
דער יורד 116
אסתר׳קע 118
ב י נ ג אָ 123
אַ באַזוך אין שפּיטאָל 126
אַ חלום 129
טאַטע־מאַמעס צער 131
מציאות 134
אַ ווייב׳ס טענות 135
קרייוודעס 137
אַ ניקעל 139
איך כאַפּ פיש 144
אַ פארשטענדיגער ריכטער 148
לייקוואוד און פלאָרידע 151

א שכן 152
וואָס ער טוט טויג ניט 155
צעשטערטע פריינדשאפט 157
אַן אויטאָמאָביל 160
דער פינאַנס רעפּאָרט 163
א גליקליכער שידוך 165
דער כח פון א געניץ 167
א זוהן א דאָקטער 170
קרבן פון טעלעוויזשאָן 172
ר׳ חיים דער חזן 175
אומזיסט געווארט 178
א מאן׳ם פּראָבלעמען 181
א ראָמאנטישער שווינדעל 183
א באַזאר 186
אַ סדר אויף א שיף 188
א גוטער שכן 193
מיין בעסטער יום-טוב 195
א דאָקטער 197
ארייננעפאלען 199
דער היסטאָרישער טאָג פון דערלייזונג 202
גוואלד, דער אויטאָמאָביל 204
יע, פארהייראט, ניט פארהייראט 205
זיין ווייבס דיעטע 206
ארייננעפאלען 208

וואָלף איוועניסקי



פאָרוואָרט

אין געלט בין איך קיין מאָל רייך געווען, דערפאַר אָבער, האָב איך אין בוך פון לעבען זעהר אַ סך געלערענט, אום מיין הונגער נאָך וויסען צו זעטיגען.

דאָס ביסעלע שכל וואָס ג־ט האָט מיר צוגעטיילט האָט מיר רוען ניט געלאָזט. איך האָב געזוכט, געפאָרשט, פיל געלעזען, געגארט האָב איך דאָס לעבען צו פאַרשטיין ניט נאָר פאַר מיר אַליין, נאָר אויך מיט מיינע מיטמענשען זיך טיילען.

מיט מיינע אויגען האָב איך א סך אומרעכטען געזען, אָבער אויך א סך שעהנקייט, גוטסקייט ,און מענשליכקייט. איבערהויפט איז מיר גאָט׳ס וועלטעל אין אלגעמיין זעהר געפעלען. מיין באַגייס־טערונג וועט מיר ביז אין קבר באַגלייטען. אַזאַ אויסערגעוויינליכע פאַרשטעלונג ווי די וועלט מיט אַלץ וואָס איז אין איר צו זען און צו פילען, איז ווערט יעדען פרייז וואָס אונזער לעבען פאָדערט פון אונז. מיט מיין סענטימענטאַלע האַרץ אָדער נשמה האָב איך כסדר ניט נאָר מיינע אייגענע געפיהלען פאַרשטיין געוואָלט, נאָר אויך די ליידען פון די, וואָס קענען זיך ניט באַקלאָגען, מיט זיי מיטפיהלען און פאַר זיי עפּעס מאָנען.

איך ווייס דאָס פילע פון מיינע פריינד וועלען פיליכט פון מיין שרייבען הנאה האָבען און עפּעס לערנען. מיין הומאָר וועט זיי אָפּפרישען און פאַרטרייבען דעם אומעט. אויב עס וועט זיי צופרידענ־שטעלען וועט עס ביי מיר ווערט זיין מיין מיה און אָנשטרענגונג.

מיט מיין טיפער ליבע צום לעבען, מיט מיין גרויסע באַגייס־טערונג צו גאָט׳ס וועלטעל, מיט אכטונג און האָפענונג צו דער אימער יונגער מענשהייט, וואָס וועט מיט דער צייט, האָף איך, די וועלט פאַרשענערן שלים איך מיין פאָרוואָרט צו די וועלכע וועלען מיינע געקליבענע שריפטען לעזען.

וואָלף איוועןסקי

ב י כ ע ר

(הומאָרעסקע)

מיין פריינט און קאָלעגע שרייבערמאַן האָט מיך אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן און געבעטען צו טאָן אים אַ געפעליגקייט.

— דהיינו — האָב איך אַ פרעג געטאָן — און געקלערט אודאי נויטיגט ער זיך אין א גמילת־חסד׳ל.

ער דערציילט מיר, אַז פריינט, קאָלעגען און לאַנדסלייט האָבען אראַנזשירט פאַר אים אַן ערן אָוונט, לכבוד דאָס דערשיינען פון זיין נייעם בוך „העכער פון הימעל״, און ער האָפט צו פאַרקויפען ביי דעם אָוונט אַ גרויסע צאָל ביכער. בכן פאַרלאַנגט ער פון מיר, אַז איך זאָל זיך מטריח זיין און קומען אים העלפען נעמען די ביכער אין זאַל.

— אָבער איך בין היינט זעהר פאַרנומען — האָב איך אים דערקלערט — איך קאָן דאָס ניט טאָן.

— איר מוזט מיר טאָן די טובה! האָט ער מיך ניט אָפּגעלאָזט — איר ווייסט דאָך, אַז איך בין א שוואכער מענש און קאָן ניט טראָגען קיין פעקלעך.

— נעמט מען אַ טעקסי — האָב איך אים גע׳עצה׳ט.

— דאַרף מען דאָך האָבען מיט וואָס צו באַצאָלען! — האָט ער גע־ענטפערט — און דערצו וויל איך אייך טאַקע אויך האָבען צו מיין אָוונט!

בקיצור, ער האָט אַזוי לאַנג איינגע׳טענה׳ט מיט מיר, ביז־וואַנען ער האָט ביי מיר גע׳פועל׳ט, אַז איך זאָל קומען נעמען די ביכער אין זאַל אריין.

געקומען צו מיין פריינט אהיים, איז ער שוין געווען גרייט צו גיין.

— איך דאַנק אייך זעהר פאַר דער טובה — האָט ער הארציג געזאָגט — און דאָס איז דער באַגאַזש, וואָס איך גיי נעמען — דרייסיג ביכער. איך האָף אַז איך וועל זיי אלע פאַרקויפען.

וואָס פאַר א פראַגע! — האָב איך אים צוגעגעבען מוט. — איך גלויב אז אייער נאָמען איז באַוואוסט צו אלע אידישע לייענער.

און אָט זיצען מיר אין אויטאָ. מיין פריינט, שרייבערמאַן דערציילט מיר, די שוועריגקייטען וואָס ער האָט געהאַט אין אַרויסגעבען דעם בוך;

ווי ער האָט ניט דערשלאָפען, ניט דערעסען, ווי ער האָט אַוועקגעגעבען אַזוי פיל צייט, מי און געזונט, ווי ער האָט זיך אָנגעבאָרגט וואו ער האָט געקענט. איצט האָפט ער, אַז ביים היינטיגען אָוועט וועט ער קענען פאַרקויפען אַ גרויסע צאָל ביכער צו קענען אביסעל ארומצאָלען די חובות.

— עס וועט זיכער זיין אַ דערפאָלג! — רוף איך זיך אָפּ און איך וועל די ביכער ניט דאַרפען פירען צוריק.

— איר ווייסט? — טוט ער צו מיר פלוצים א זאָג — איך האָב געדאַרפט מיטנעמען מער ביכער. די דרייסיג ביכער וועלען ניט זיין גענוג פאַר אַזאַ גרויסען עולם, ווי ער דערוואַרט.

און ער בעט מיך, אַז מיר זאָלען זיך אומקערען און נעמען כאָטש נאָך א צוואנציג ביכער.

און אָט יאָגען מיר זיך מיט פופציג ביכער, און מיין קאָלעגע שרייבער־מאַן פאַנטאזירט וועגן דעם אָוועט, ווי דער זאַל וועט זיין געפּאַקט מיט פאַרערער און זיינע ביכער וועלען צעכאַפּט ווערען ווי מצה־וואַסער און —

— איר ווייסט? — גיט ער צו מיר א זאָג, נאָכדעם ווי מיר זענען שוין איינגעפאָרען א מהלך־רב — די פופציג ביכער וועלען ניט זיין גענוג. איך דערוואַרט א זעהר גרויסען עולם. איז השיבנו נאָזאד — און מיר נעמען נאָך פופציג ביכער.

אָט זיינען מיר אין זאַל. עס נעמט ניט לאַנג און דער זאַל ווערט אָנגע־פילט. מיר לייגען אויס די ביכער פראָמינענט אויף אַ טיש און ענדליך עפענט דער פאָרזיצער דעם אָוועט.

די רעדנער איינער נאָכ׳ן צווייטען ריידען וועגען בוך און לויבען זעהר שטאַרק דעם מחבר. דער עולם איז ענטוזיאַסטיש.

אַ באַרימטע שוישפּילערין לייענט פאַר א קאַפּיטעל פון דעם בוך און דער זאַל הילכט פון אַפּלאָדיסמענטען.

צום סוף האַלט דער פאָרזיצער א וואַרעמע רעדע און אַפּעלירט צום עולם צו קויפען דאָס בוך און העלפען שרייבערמאַנ׳ען צו באַצאָלען דעם חוב, וואָס ער קומט דעם דרוקער, און אויך העלפען דער אידישער ליטע־ראַטור...

א גרופּע יונגע פרויען לאָזען זיך ארויס איבער׳ן זאַל צו פאַרקויפען

דאָס בוך. זיי ריידען, בעטען און אַפּעלירען, אַז מען זאָל קויפען דאָס בוך.

ענדליך אנאָנסירט דער פאָרזיצער, אַז פון אַן עולם פון הונדערט און זעכציג האָבען זעקס געקויפט ביכער!...

אָפּפירענדיג אהיים מיין פריינט מיט די פיר און ניינציג ביכער, רופט ער זיך צו מיר אָפּ:

— איר ווייסט, אַז אונזערע אידען זיינען אַ מערקווירדיג פאָלק, זיי פאַרערען זייערע שרייבער, גיבען זיי אָפּ כבוד און אנערקענונג און זשאַלעווען אויך ניט קיין אפּלאָדיסמענטען... דאָס אינספּירירט מיך אַרויסצוגעבען אַ צווייטען בוך.

איך האָב געוואונשען מיין פריינט מר. שרייבערמאַן, אַז ער זאָל האָבען מער דערפאָלג מיט זיין צווייטען בוך...

אוים מלחמה

(הומאָרעסקע)

אַזוי שנעל ווי מר. קרוגמאַן האָט „רעטאירד", האָט ער אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט זיין פלונית׳טע, און זיי האָבען אָפּגעמאכט, אַז פון איצט אָן און ווייטער מוז הערשען פרידען אין הויז.

— איצט, אַז איך „רעטאיר",— האָט מר. קרוגמאַן געגעבען צו פאַר־שטיין זיין אידענע, — וועל איך דארפען מיט דיר פאַרברענגען גאַנצע טעג אין דער היים, וויל איך אַז אין הויז זאָל הערשען פרידען.

— פרידען! פרידען! — האָט די מרס. קרוגמאַן אונטערגעכאַפּט — גענוג מלחמה געהאַלטען! גענוג געקריגט זיך!... איצט, אויף די עלטערע יאָרן, נויטיגען מיר זיך אין פרידען.

— פרידען! פרידען! — האָט מר. קרוגמאַן, אַ צופרידענער, נאָכגע־זאָגט זיין פלונית׳טעס ווערטער — דערפאַר וועלען מיר זיך ווינטער אַריבער־כאַפּען קיין פלאָרידע און זומער פאַרברענגען אין די בערג. אָבער דערהויפּט דארפען מיר האָבען פרידען.

מרס. קרוגמאַן האָט געהאַלטען וואָרט. זי האָט זיך אינגאַנצען געענ־

דערט. זי האָט אויפגעהערט צו שרייען, קאָמאַנדעווען, ליאַרמען און מאַכען סקאַנדאַלען, און איז געוואָרען שטיל ווי א טייבעלע.

מר. קרוגמאַן האָט אָנגעקוואָלען, זעענדיג ווי זיין אידענע, וואָס האָט אים אלעמאָל פארפאָלגט, און איר מויל פלעגט ניט רוען אַ גאַנצען טאָג, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א ליב, צאַרט מלאכל...

און טאָמער פלעגט זי זיך אמאָל פאַרגעסען און פלעגט וועלען עפענען איר מענה־לשון, פלעגט מר. קרוגמאַן איר גלייך דערמאָנען, אַז ער איז „ריטאַירד" און קאָן ניט פאַרנעמען אירע רייד.

— די רעגירונג צאָלט אונז סאָשעל סעקיוריטי — פלעגט ער פאַר איר לעקטשורען, — אַז מיר זאָלען קאָנען אויסלעבען אונזערע יאָרען אין רו און אין פרידען, און ניט אויף צו קריגען זיך.

די מרס. קרוגמאַן פלעגט דאַן בלייבען שטיין מיט אן אָפען מויל און פלעגט ניט קאָנען אויסריידען קיין וואָרט.

די נעקסט־דאָריגע, מרס. פאַפקין, און אַלע שכנים אין הויז, וואָס האָבען געוואוסט, אַז די קרוגמאַנס קריגען זיך, האָבען ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס פלוצלינג איז ביי זיי אין הויז געוואָרען אַזוי שטיל.

זיי האָבען געמוזט געווינען אַ גרויס געווינס! — האָט די מרס. גיטלין געשפּאַסט — און זיי האָבען פאַר א ווילע זיך פאַרגעסען צו קריגען.

אָבער, אַז עס איז אַריבער א פאַר חדשים, האָט די שטילקייט און רו־איגקייט אין הויז איר אָנגעהויבען צו אינטריגירן. עס האָט דער מרס. קרוג־מאַן אָנגעהויבען צו ווערען מאָנאָטאָן, אומעטיג. זי האָט אָנגעפאַנגען נאָך עפּעס צו בייַנקען...

איין אָוונט נאָך סאַפּער, ווען זיי זענען געזעסען און זיך צערעדט פון אמאָליגע יאָרען, האָט די מרס. קרוגמאַן א זיפץ געטאָן.

— וואָס זיפצסטו, מיין טייערע? — האָט מר. קרוגמאַן איר געפרעגט.

— אָט, איך ווייס אַליין ניט, — האָט זי געענטפערט, — עפּעס אַ מאָדנער אומעט איז באַפאַלען אונעזר הויז, זינט מיר האָבען אַריינגעבראַכט דעם פרידען...

— איך... איך פאַרשטיי דיך ניט! — האָט מר. קרוגמאַן איר איבערגעשלאָגען — וואָס מיינסטו מיט דעם?

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? — האָט מרס. קרוגמאַן געענטפערט — אמאָליגע צייטען איז געווען לעבעדיג, פריילין. מיר פלעגען זיך צעקריגען... איך פלעג ווערען ברוגז... דו פלעגט מיך איבערבעטען... עס פלעגט ווערען שלום... אַלץ פלעגט אָפּגעפרישט ווערען... דאָס לעבען האָט געהאַט א זין און אינהאַלט... אָבער איצט גייט מען אויס פון איינזאמקייט...

— יאָ, יאָ, — האָט מר. קרוגמאַן נאָכגעזאָגט זיין אידענע. — אמאָליגע יאָרען איז געווען אַנדערש. מען איז געווען איינגער, שטאַרקער. מען האָט געקאָנט פירען מלחמה... אָבער היינט בין איך „רעטאַירד", בין א סאָשעל־סעקיוריטיניק און איך נויטיג זיך אין פרידען

מרס קרוגמאַן האָט זיך צוגעהערט צו איר מאַנ'ס רייד און האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט.

ער איז „רעטייערד"

(הומאָרעסקע)

— כ'האָב אַלע מאָל גע'חלום'ט, אַז ווען איך וועל ריטאַירען, וועל איך קענען אַביסעלע געניסען פון לעבען און קענען אויסרוען מיינע גלידער האָט מיין שכן, מר. קוגעלמאַן, פאַר מיר אָנגעהויבען אויסגיסען זיין ביטער האַרץ, ווען מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט אין אונזער פּאַרקעל כאַפּען א שמועס.

— איך האָב זיך אַלע מאָל פאַרגעשטעלט דעם טאָג, ווען איך וועל ווערען פריי פון דער אַרבעט און אָנהויבען געניסען פון גאָט'ס שיינער וועלט, וועל איך נישט דאַרפען אויפשטיין פאַרטאָג און אויף איין פוס א כאַפּ טאָן א קאַפּע מיט א זעמעל און זיך לאָזען, אַן אַן אָטעם, לויפען צו דער סאַבוועי, און דערנאָך ווערען אַריינגעשטויסען אין א דושנער און פאַרשטיקטער קאַר, און צום סוף קומען צו דער אַרבעט אַן אויסגעמאַטערטער.

— אגב — האָט מר. קוגעלמאַן ווייטער גערעדט — האָב איך אויך געהאַט אַ חוב אָפּצוגעבען מיין פלונית'טע, פאַרגיטיגען איר פאַר די פינף און פערציג יאָר, וואָס איך האָב זי פאַרנאַכלעסיגט. איר ווייסט דאָך, די אויגען זענען אָפּען און די באַדערפעניש איז גרויס, ווייל מען אַריינכאַפּען

וואָס מער. כאַפּט מען אַריין אָווערטאַים. אַרבעט מען א וויקענד איר ווייסט דאָך, האָב איך געקלערט, אַז ווען איך וועל רעטאַירען וועל איך קאָנען מיין אידענע אונטערהאַלטען און פאַרשאַפען איר אַ ביסעל פאַרגעניגען.

און מר. קוגעלמאַן צעוואָרימט זיך און ער רעדט ווייטער

און אַט איז געקומען דער טאָג, ווען איך בין געוואָרען פריי פון דער אַרבעט. איך האָב זיך אויפגעהויבען גאַנץ פריי, אָפּגעגעסען מיין פרישטיק, און זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין דעם פּאַרקעל, וואו אַלע ריטאַי־ערטע קומען זיך צוזאַמען. ווען איך בין דערנאָך געקומען אַהיים, האָב איך גלייך דערקענט, אַז מיין אידענע איז עפּעס א ביסעל אַנגע׳ברוגז׳ט.

— וואו ביזטו געווען? — האָט מיין אידענע מיט אַ באַהאַלטענעם כעס מיך אויפגענומען.

אַט, איך האָב מיר גענומען אַ שפּאַציר אין דערביייאַיגען פּאַרקעל.

— אבי איך האָב געמיינט אַז ווען דו וועסט רעטאַירען, וועל איך, האָבען א נוצען פון דיר.

— וואָס א שטייגער, וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל פאַר דיר טאָן? — האָב איך זיך נישט געוואָלט צעקריגען מיט איר.

— אַט, כאַפּ זיך אַרויס און ברענג מיר א טוצען אייער, אַ האלב פונט פּוטער און עטליכע ראָלס. יאָ, איך האָב שיער נישט פאַרגעסען, קויף מיר אויך אַ פינף פונט קאַרטאָפעל.

ווען איך בין געקומען מיט די אַלע זאַכען אהיים, כאַפּט זי זיך, מיין אידענע, אַז זי האָט מיר פאַרגעסען צו זאָגען, אַז איך זאָל זיך אַריינכאַפּען צום בוטשער און ברענגען דאָס פלייש, וואָס זי האָט געהאָט באַשטעלט. נו, לויף איך שוין צום בוטשער און ברענג דאָס פלייש. דערנאָך זעץ איך זיך אַוועק לייענען א צייטונג.

— זיי אזוי גוט — טוט זי מיר א זאָג — איך האָב א באַנדל וועש פאַר דעם לאָנדרימאַט.

קומענדיג צוריק מיט דעם באַנדעל געוואַשענע וועש, טרעפט מיר מיין שכנה, מרס. גוודמאַן.

— אַט דאָס הייסט א גוטער מאַן! — מאַכט זי מיר א קאָמפּלימענט. און מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז דער דאָזיגער קאָמפּלימענט וועט אויסגיין צו מיין קאָפּ.

— דו ווייסט — זאָגט צו מיר מיין אידענע מיט א געבעט — דו וואָלסט זיך פאַרדינט א מצווה, ווען דו וואָלסט מרס. גודמאַנ׳ס באַנדעל וועש אויך געגומען צום לאָנדרימאַט. זי איז אַזאַ גוטע נשמה, דער מאַן אירער ליגט, נעבעך, אין האָספּיטאַל, מיט אַ האַרץ־אַטאַקע, און זי אַליין איז אויך קוים וואָס זי לעבט.

לויף איך שוין מיט דעם צווייטען באַנדעל וועש, און איך קום אהיים אַ פאַרמאַטערטער.

— מאַקס! — הער איך פלוצלינג א געשריי פונקט דעמאָלט, ווען איך זיץ און פּאַלג נאָך א פּראָגראַם אויף טעלעוויזיע — מאַקס! כאַפּ זיך אַרוי ס און קויף מיר שוין א פּאָר פונט ציבעלעס. איך האָב זיך ערשט איצט גע־כאַפּט, אַז איך האָב נישט קיין ציבעלעס פאַר די געפילטע פיש. פאַרגעס אויך נישט קיין פעפער און קיין צימערינג. און גיב אַכטונג ,אַז מען זאָל דיר געבען גוטע ציבעלעס, נישט קיין פאַרפוילטע אָדער צוגעלעגענע.

ווען איך ברענג אהיים די ציבעלעס, און מיין אידענע נעמט זיי פון מיר, לאָזט זי באַלד אַרויס אַ געשריי, אַז איך מוז באַלד צוריקלויפען אין סטאָר און זיי בייטען.

דו הערסט? — טוט מיין אידענע א זאָג צו מיר, ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט די געפילטע פיש — אָט האָסטו א טעלער מיט פיש פאַר אונזער ליליען, זי און איר מאַן וועלען זיך פשוט מחיה זיין.

ווען איך קום צוריק פון מיין טאָכטער ליליען, שטייט שוין פאַר מיר אָנגעגרייט אַן אנדערער טעלער מיט געפילטע פיש.

— דאָס איז פאַר אונזער סילוויען — זאָגט צו מיר מיין אידענע — די קינדער גלייכען אַזוי מיינע פיש! זע, אַז דו זאָלסט נישט איינשלאָפען און איבערלאָזען די פיש אין באָס.

— מיינט איר דאָך — פאַרענדיגט מר. קוגעלמאַן — אַז מיט דעם ענדיגט זיך עס. הויבט זיך גאָרנישט אָן! אויף צומאָרגענס דאַרף איך אוועקטראָגען פיש צו מיין טאָכטער רחל׳ע און אויך צו מיין שנור. און אַזוי האַלט זיך מיט מיר מיין אידענע אין איין שאַפען, און זי לאָזט מיך נישט אויף קיין איינציגער מינוט ניט אַרויס פון אויג...

— און כ׳האָב איצט שטארק מורא — האָט מיין שכן, מר. קוגעלמאַן, צוגעגעבען מיט שפּאָס — אַז אויב אָנקעל סעם וועט זיך דערוויסען, אַז איך אַרבעט, וועט ער מיר אויפהערען שיקען די סאָשעל סעקיורעטי טשעקלעך..

„סאָשעל סעקיוריטי״

(הומאָרעסקע)

ווען בערל האָט דערגרייכט די עלטער פון פינף און זעכציג יאָר, האָט זיין פלונית׳טע אָנגעהויבען מיט אים צו קנעלען, אַז ער דאַרף „ריטאַירען״.

— ווי לאנג וועסטו זיך נאָך פּלאָגען און מאַטערען אין דיינע צרות׳-דיגע ביזנעס און גאָרניט האָבען? בעסער ריטאַיער וועסטו קריגען סאָשיעל סעקיוריטי.

— אָבער איך וועל ניט קריגען גענוג, אַז איך זאָל קענען מאַכען אַ שטיקעל לעבען— טענה׳ט בערל.

— און ווען האָסטו געמאַכט אַ שטיקעל לעבען? — ענטפערט אים זיין אידענע סאַרקאַסטיש.

— און ווער האָט דיך סופּאָרטעט די אַלע יאָרען, וואָס מיר זענען געווען פאַרהייראַט? — ווערט שוין בערל אין כעס.

— אַז אָך און אַז ווי צו אַזאַ סופּאָרטען! — האלט אים זיין אידענע אין געבען נידלען.

— און פון וועמענס פּראַצע האָט מעקסעלע אויסגעשטודירט פאַר לאָיער, און היימעלע פאַר אַן אקאונטענט? — גיט בערל ניט אויף.

— קנאַפּ, נעבעך, זיינען זיי ארומגעלאָפען אין די שרעקליכסטע וועטערען פאַרקויפען צייטונגען אום צו קענען שטודירען — לאָזט אים זיין אידענע ניט אָפּ.

— אָבער פאר וואָס זיין איינגע׳עקשנ׳ט און ניט ריטאַירען און קריגען סאָשיעל-סעקיוריטי, און ניט דאַרפען דרייען זיך דעם קאָפּ, ווען עס קומט צו באַצאָלען אַ ביל ...

— איך קען ניט ריטאַירען? — בעט זיך בערל — איך קען ניט.

איך מוז ווארטען ביז וואנען איך וועל זיך אַרויפּאַרבעטען אויף די מאַקסימום סאָשיעל־סעקיוריטי.

— דו וועסט דאַרפען לאַנג ווארטען ? — שפּאסט פון אים זיין פלונית־סע, — דו ארבעטסט זיך שוין אַרויף דיין גאנצען לעבען.

— אָבער איצט וועט דאָס געשען ! — ענטפערט בערל מיט זיכערקייט, — איצט מוז דאָס געשען !... איך דאַרף נאָר האָבען א פּאָר גוטע סעזאָנען און איך בין פאַרזאָרגט.

— אויב דו האָסט זיך שוין ביז איצט נישט אַרויפגעאַרבעט צו קריגען די מאַקסימום סאָשיעל סעקיוריטי, איז אַרויסגעוואָרפען די מי, — לאָזט אים זיין אידענע נישט אָפּ — עס איז צו שפּעט !...

— וואָס שפּעט ! ווען שפּעט ! — ווערט בערל אַן אנגעצונדענער, — פינף און זעכציג יאָר הייסט נאָך נישט אלט... א סך מענשען אין דער עלטער האָבען א סך דערגרייכט און זיך אַרויפגעאַרבעט...

— דערציייל מיר נישט קיין באָבע־מעשיות ! — גייט בערל'ס אידענע אַן מיט איר מאַנאָלאָג — דו וועסט זיך מאַטערען און מאַטערען און ביי דעם וועסטו בלייבען...

— דו וועסט נאָך זען, — גיט בערל נישט אויף, — אַז די ביזנעס וועט זיך פאַרבעסערען און איך וועל זיך נאָך אַרויפאַרבעטען צו קריגען די מאַקסי־מום סאָשיעל סעקיוריטי...

— לאָמיר האָפען — ווערט שוין זיין אידענע אַביסעל ווייכער.

און בערל קערט וועלטען, פאַרגעסט אַז ער איז אַן אַנגעגריפענער און איז נישט קיין יונגערמאַן. האָוועט און שמאיעט און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, און וויל צייגען זיין אידענע, אַז ער איז נאָך נישט אויסגעשפּילט ; אַז ער קען זיך נאָך אַרויפאַרבעטען און קריגען די מאַקסימום סאָשיעל־סעקיו־ריטי און זיין פאַרזאָרגט אויף דער עלטער.

וואָלף איווענסקי

קריג און פרידען

(מאָנאָלאָג)

איך זאָג אייך, אַז די בעסטע צייט ווען איך געניס פון פרידען, איז ווען מיין ווייב דערקלערט מיר קריג. איך זע, אַז אייך גלויבט זיך דאָס ניט. אַז אייך לייגט זיך דאָס ניט אויפ'ן שכל. איר זייט חושד, אַז איך בין ניט ביים זינען... ווייל וועלכער מענש האָט ליב קריג?

זאָג איך אייך נאָכאמאָל, אַז די איינציגע צייט ווען איך האָב פרידען, איז ווען מיין פלונית'טע דערקלערט מיר קריג און הערט אויף מיט מיר צו רעדען...

ווען ביי אונז הערשט פרידען, איז גלייך ווי זי עפענט אויף די אויגען אַזוי הויבט זי אָן צו רעדען, און עס פאַרמאַכט זיך ניט ביי איר א גאַנצען טאָג דאָס מויל און רעדען האָט זי תמיד וואָס. דאָ האָב איך דעם האנטוך ניט אוועקגעלייגט אויף אָן אָרט ווען איך האָב זיך געוואשען; דאָ האָב איך דאָס בוך געלאָזען אויפ'ן טיש, אנשטאָט אריינצולייגען אים צוריק אין ביכער־שראנק; דאָ האָב איך פאַרגאָסען א ביסעל וואַסער אויפ'ן פלאָר ווען איך האָב זיך געוואשען, און דאָ האָב איך זיך ניט אויפגעפירט ווי עס דאַרף צו זיין ווען מיר זענען געווען צו־גאַסט ביי איר פאמיליע, און נאָך פילע אַלטע חטאים מיינע האַלט זי אין איין דערמאָנען ווען מיר זענען בשלום צווישען זיך...

אָבער אַזוי גיך ווי זי דערקלערט מיר קריג, דאן ווערט זי שטיל ווי א פיש. זי רעדט ניט איין וואָרט. זי דערלאַנגט מיר דאָס עסן, מאכט מיר מיין בעט, דערלאַנגט מיר מיינע וועש, און אַלץ אָן א וואָרט אויסצורעדען.

וואָס פאַר אן עולות איך זאָל דערמאָלט ניט באַגיין, ווערט פון איר פאַרשוויגען...

איך קום אהיים ווען איך וויל. זי איגנאָרירט אַלץ. איך האָב דעמאָלט פרייהייט אין הויז. איך טו וואָס איך וויל און זי שוויגט. איך פיל זיך, אַז דער קריג האָט מיר געבראַכט שלום און שלוה אין הויז... אָבער לאַנג וויל זי דעם קריג ניט אָנהאַלטען...

ס'גייט אוועק א פּאָר טעג, אַ וואָך, און מיין ווייב הויבט אָן אַרויסשיקען

די טויב פון פרידען. צום ערשטען הויבט זי אָן צו רעדען כלומר׳שט צו זיך אַליין, א באַווייז אז זי וויל אויפגעבען דעם קריג.

אָבער איך וויל זיך ניט לאָזען פאַרנאַרען. איך וויל, אַז דער ברוגז זאָל אָנהאלטען וואָס לענגער.. אָבער מיין פלונית׳טע וועגדט אָן איר גאַנצע סטראַטעגיקע צו ענדיגען דעם קריג. זי הויבט אָן צו באַנוצען פאַרשידענע מיטלען ביז וואַנען עס ווערט ווייטער פרידען.

און אַזוי ברענגט מיר דער פרידען ווייטער קריג... נו, פרעג איך איך, בין איך ניט גערעכט, אַז דער קריג איז דער בעסטער מיטעל אָנצו־האַלטען דעם פרידען?...

ענדליך פרידען

(הומאָרעסקע)

מר. פרידמאן האָט זיך אָפגעקריגט מיט זיין פלונית׳טע דריי טוצען יאָרן פון זייער פאַרהייראטען לעבען. דער פרידען איז ביי זיי אַלעמאָל געשטאַנען אויף הינערשטע פיסלעך. פאַר יעדער קלייניגקייט פלעגט זיין אידענע ווערען אָנגעשטויסען, ברוגז, און דערקלערען קריג...

און פאַרוואָס צו קריגען זיך האָט זי אַלעמאָל געפונען אָן אויסרייד; דאָ האָט מען איר פוגע־בכבוד געווען. ווען זי איז געווען צו־גאַסט ביי משפחה; דאָ האָט זיך איר פארוואַלט א דימענט רינגל, ווי איר שוועגערין האָט געקראָגען צו איר געבורטס־טאָג! און דאָ האָט זיך איר פארוואָלט א מינק־קאָוט, ווי איר שכנה האָט נאָר־וואָס געקויפט, א. אז. וו.

דער קריג פלעגט אָנהאלטען אַזוי לאַנג — ביז דער פרידליכער מר. פרידמאַן פלעגט זיך אונטערגעבען.

און טאָמער פלעגט זיך מר. פרידמאן אמאָל פאַר׳עקשנ׳ען און וועלען שטעלען זיין פלונית׳טע אַ ווידערשטאנד, פלעגט זי אָנפאַנגען צו נוצען אַזוינע אויסטערלישע, ווילדע קריגס־מעטאָדען און סאַבאָטאַזש און אָנטאָן אים אַזוינע צו־להכעס׳ן, אַז דער שטילער, פרידליכער און נאַאיווער מר. פרידמאַן פלעגט דאַנקען גאָט, אַז ער האָט צוריק געקענט דערגרייכען א שלום מיט איר.

זיינע פריינט פלעגען אים אויפמערקזאם מאכען, פאַרוואָס ער מוטשעט

זיך אָפּ א גאַנץ לעבען מיט אזאַ פּגע־רע, וואָס האלט אים אין איין דערגיין די יאָרן. און ער פלעגט, אויף זיין נאַאיווען, רואיגען שטייגער, ענטפערען:

— קיין קריג האלט ניט אָן אייביג. עס מוזען קומען פרידען... מען דארף נאָר האָבען געדולד.

און אַזוי האָט מר. פרידמאַן געלעבט א לעבען פון קריג־און־פרידען, מער קריג ווי פרידען, און האָט אַלץ געהאָפט, אַז זיין פלונית׳טע וועט זיך ענדערן און וועט אויפגעבען דעם קריג.

עס איז געווען א פרימאָרגען, ווען מר. פרידמאַן האָט זיך געאיילט צו דער ארבעט. ער האָט נאָר־וואָס געהאט אָ רוגז מיט זיין פלונית׳טע.

ער האָט נאָך דעם קורצען שלום, וואָס ער האָט געגאָסען, געהאט מיט איר א שטאַרקען איבעררייד. ער איז געגאַנגען און געטראַכט, וואָס פאר א סטראַטעגיקע ער זאָל נוצען פאר דעם נייעם קריג, וואָס זיין אידענע האָט אויף אים אָרויפגעצוואונגען.

ער האָט געמאכט פאַרשידענע פּלענער — צי ער זאָל זי „אַפּיזען״, ווי אימער, אָדער ער זאָל פירען דעם קריג ביז׳ן סוף...

ער האָט אפילו קיינמאָל ניט געהאלטען פון קריג, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך פאַר׳עקשנ׳ט און געוואָלט פירען אָ קריג, כדי צו געווינען א שטענדיגען פרידען. ער איז זיך אַזוי געגאַנגען פאַרטאָן אין פאַרשידענע רעיונות, און האָט ניט באמערקט, ווי א טעקסי איז אויף אים שנעל אַרויף און אים אומגעוואָרפען.

עס איז געוואָרען א טומעל, א גערודער. א מענגע מענשען האָט זיך ארום אים אַרומגעקליבען. מען האָט געשריען, געליארעמט, פּאָליציי איז אָנגעקומען, זיי האָבען אַרויסגערופען אָן אמבולאנס און אים צוגענומען אין שפּיטאָל.

אַז מען האָט דער מרס. פרידמאַן אָנגעזאָגט, אַז איר מאַן איז אין שפּיטאָל, האָט זי געכאַפּט א טעקסי און, הענדום־פּענדום, אָן אָטעם, געקומען צו לויפען.

— וואָס איז געשען! ווי איז צו מיר! — האָט די מרס. פרידמאַן, קוקענדיג אויף איר מאַן געטענה׳ט — אין אַזאַ צושטאנד! וואָס זאָל איך טאָן? דו ליידסט נעבעך שמערצען! — האָט זי ניט אויפגעהערט צו קלאָגען

— איך לויף שוין רופען אַ ספּעציאַליסט.

— מען דאַרף ניט קיין ספּעציאַליסט, — האָט מר. פרידמאַן אין א שוואַכער שטימע געענטפערט — איך וועל שוין איצט פילען בעסער... איך פיל שוין בעסער... און דערצו זאָגט דער דאָקטאָר, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אפשר קאָנען גיין אהיים.

זינט יענער פּאַסירונג האָט די מרס. פרידמאַן אויפגעגעבען דעם קריג, און עס הערשט ביי זיי אין הויז שלום ושלוה.

צוגעטראָפען

יונה האָט געהאט אויסצושטיין געברענטע צרות פון זיין פלונית׳טע פאַר זיין געוואוינהייט צו נעמען אַביסעלע פונ׳ם ביטערן טראָפּן פאַר׳ן עסען.

— גוט, יעצט פילסטו שוין בעסער — פלעגט זי סאַרקאַסטיש אַ זאָג טאָן צו אים, ווען ער פלעגט מאכען א לחיים פאַר׳ן עסען — און פלעגט גלייך עפענען איר מענה לשון — אַז עס פלעגט זיך אים שיער דאָ עסען שטעלען אין האלז.

— זיכער ! — פלעגט ער ענטפערן מיט א שמייכעל — יעצט בין איך אַן אנדער מענש, און דער אַנדער מענש האָט מער געדולד און אויסדויער זיך צוצוהערען צו דיינע לעקציעס.

— אָבער ווען דו וואָלסט זיך צוגעהערט צו מיינע לעקציעס וואָלסטו ניט פאַרזוכט פון דעם ביטערען טראָפּען, ווייל ס׳קאָסט געלט און ס׳איז אומגעזונט.

— זינט ווען ביזטו געוואָרען א דאָקטאָר און ווייסט אַז ס׳איז אומגעזונט — פלעגט יונה ניט אָפּלאָזען זיין פלונית׳טע.

— מ׳דאַרף ניט זיין קיין דאָקטאָר צו וויסען, ׳אַז דאָס שאַדט צום געזונט און מען טאָר דאָס אין מויל ניט נעמען

— וואָס ווייסען די דאָקטוירים — פלעגט יונה מיט ביטול ענטפערען.

— אָט האָט מיין פאָטער ע״ה אריינגעלעבט ביז זיבען און ניינציג יאָר און האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו נעמען א שנעפּסעל פאַר׳ן עסען.

אַזוי פלעגט אימר פאַרקומען א רוגז צווישען יונה׳ן מיט זיין פלונית׳טע צוליב דעם ביטערען טראָפּען.

דערהויפּט פלעגט יונה זיך פילען ניט אָנגענעם. ווען ער איז געווען געלאַדן מיט זיין פלונית׳טע צו א שמחה, ער פלעגט דעמאלט וועלען מיט גוטע ברידער זיך משמח זיין און א לעב טאָן. פלעגט אָבער זיין אידענע ניט ארונטערנעמען די אויגען פון אים. פלעגט ער נעבעך קוקען ווי אַלע לאָזען זיך וואוילגיין און ער פלעגט זיצען ווי אַ געפּענטעטער און די סלינע פלעגט ביי אים רינען פון מויל.

און טאָמער פלעגען גוטע־ברידער צושטיין צו אים, אַז ער זאָל מאכען מיט זיי א „לחיים״ איז גלייך אויסגעוואקסען לעבען אים זיין אידענע און ער האָט פאַרלאָרען דעם אַפּעטיט פאַר דעם . . .

נאָר אַט איז יונה קראַנק געוואָרען און האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט מיט אַ הויכען פיבער.

— זאָל איך רופען דעם דאָקטאָר ? — האָט זיין פלונית׳טע ביי אים געפרעגט.

— מען דאַרף ניט קיין דאָקטאָר ! — האָט יונה געענטפערט — דער דאָקטאָר קען מיר גאָרניט העלפען.

— אָבער דו האָסט אזאַ הויכען פיבער ! — האָט זיין אידענע זיך ביי אים געבעטען — דו מוזט האָבען אַ דאָקטאָר.

— טו ווי דו פארשטייסט ! — האָט ענדליך יונה דאָס איבערגעלאָזען צו זיין אידענע.

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט אונטערזוכט יונה׳ן, האָט ער אויסגעפונען, אַז ער ליידט פון אַ קאַלד און האָט אים פאַרשריבען אַ מעדיצין.

— „נעמט צו ביסלאַך שנאַפּס״ — האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט יונה׳ן פאַר׳ן אַוועקגיין — דאָס וועט אייך טאָן אַ סך גוטעס.

— שנאַפּס ? ! — האָט יונה׳ס פלונית׳טע פאַרוואונדערט איבערגע־פרעגט דעם דאָקטאָר — שנאַפּס גאָר ?

— יע ! — האָט דער דאָקטאָר איבערגע׳חזר׳ט — זאָל ער נעמען אביסעלע פאַר׳ן עסען — דאָס איז זעהר גוט פאַר אים.

פון דעמאָלט אָן נעמט זיך יונה א שנעפסעל פאַר׳ן עסען און זיין אידענע זאָגט ניט קיין וואָרט און יונה האַלט שוין איצט פון דאָקטוירים, און זאָגט: אז זיי קענען אויפ׳ן קוק דערקענען א מענשען׳ס קראַנקהייט. . .

א רחמנות, נעבאך !...

הומאָרעסקע

עס איז אַ גרויסער, ביטערער רחמנות אויף די גילבערטס. קיינער פון דער פאַמיליע, פריינט און לאַנדסלייט קומען זיי ניט באַזוכען.

און דער רחמנות איז ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען ארים און נויטיגען זיך אין הילף, נאָר, פאַרקערט, וואָס זיי זיינען צו רייך... הערט די געשיכטע:

די ערשטע יאָרען, נאָכדעם ווי מר. רייכמאַן איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך געטוליעט צו משפחה און לאַנדסלייט. אמאָל האָט ער געכאַפּט א גמילות חסד׳ל ביי אַ לאַנדסמאַן, צו באַצאָלען פאַר א חודש דירה געלט; אמאָל האָט ער ביי איינעם פון דער משפחה געכאַפּט א הלואה׳לע, צו קענען זיך דורכדרייען...

מר. גילבערט איז געוואָרען אַן אקטיווער מיטגליד אין דעם לאַנדס־מאַנשאַפט פאַראיין און פלעגט גיין צו די מיטינגען און צו אַלע אונטערנע־מונגען. הכלל, ער איז מיט אלעמען געווען א גוטער ברודער.

פלעגט ער אַנטרעפען א קרוב פון דער משפחה, אָדער אַ לאַנדסמאַן, האָט ער זיך מיט אים ארומגעכאַפּט, אים אויסגעפרעגט ווי אים גייט און וואָס ער מאכט, און געבענדיג יענעם זיין אַדרעס, פלעגט ער אים איינלאַדען צו זיך אהיים.

ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען זיך אַרויפצואַרבייטען. ער האָט אָנ־געהויבען צו בויען הייזער, און ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, ער איז געוואָרען רייך, און ער האָט זיך אַרויסגעצויגען קיין בענסאָנהוירסט.

איצט אז ער פלעגט אָנטרעפען אַ פריינד אָדער א לאַנדסמאַן, פלעגט ער זיך מאַכען, אַז ער זעט אים ניט, אָדער אַז ער קען אים ניט... און אַז יענער פלעגט אים געבען א שטעל־אָפּ און א זאָג געטאָן:

— סעם, דו דערקענסט מיר ניט? פלעגט ער, א פאַרשעמטער זיך אַנטשולדיגען.

— דו וויסט, — פלעגט ער אַ זאָג טאָן מיט באַרימעריי, מען האָט צו טאָן מיט אַזויפיל מענשען, מען דאַרף פירען אַזוינע גרויסע געשעפטען,

מען האָט אַזוי פיל זאַכען אויפ׳ן קאָפּ — איז אַ וואונדער אַז מען פאַרגעסט זיך אַז עס זיינען דאָ לאַנדסלייט אויף דער וועלט?... ווען זיין ווייב פלעגט אים אמאָל מאכען א פאַרוואורף, פארוואָס ער דערווייטערט זיך פון ד׳ער משפחה, פארוואָס ער מיידט אויס לאַנדסלייט און פאַרוואָס ער וויל קיינעם ניט קענען, פלעגט ער אַוועקלייגען אַזאַ לעקציע:

— דו ווייסט, אַז לאַנדסלייט, פריינט און משפחה זיינען אַן אָנשיקעניש אויף דער וועלט... זיי זיינען פּאַראַזיטען... זיי קומען זיך אָנפרעסען און אָנזוי־פען, אָדער ווען זיי נויטיגען זיך אין א גמילות־חסד׳ל — דאטס־אָל! די קליגסטע זאַך איז זיי אויסצומיידען און פאַרגעסען אין זיי...

— אָבער פאַרוואָס האָסטו זיך אינטערעסירט מ׳ט זיי, ווען דו ביזט געווען א קבצן און פלעגט דאַרפען אָנקומען צו זיי פאַר א גמילות־חסד׳ל? — פלעגט אים זיין ווייבעל אָפּענטפערען אויף צוריק — איצט ביזטו געוואָרען א גאנצער קנאקער...

דאמאָלסט בין איך ניט געווען דאָס וואָס איך בין איצט — פלעגט מר. גילבערט ענטפערען מיט א שמייכעלע — איצט בין איך א גרויסער מענש, מיין נאָמען איז באַוואוסט... שפּעטער, ווען מר. גילבערט איז געוואָרען נאָך רייכער האָט ער זיך איינגעהאנדעלט א פראַכטפולען „קאטעדזש״ ערגעץ אין לאָנג־איילאַנד, האָט זיך איינגעשאפט קאָסטבארע מעבל, טייערע שפּיגלען, אימפּאָרטירטע פאַרשידענע טעפּיכער און נאָך זעלטענע חפצים וואָס פאַרכאפּען דאָס אויג.

זיצען, נעבאַך איצט די גילבערטס אינ׳ זייער רחבות׳דיגען מיליי־נערסקען הויז און וואַרטען, אַז עמיצער זאָל קומען זיי באזוכען. זיי וואָלטען זעהר וועלען, אַז משפחה, פריינד און לאַנדסלייט זאָלען קומען זען זייער לוקסוסדיגע, רייכע היים; זיי וואָלטען וועלען פאַר זיי זיך איבערנעמען מיט זייער רייכקייט... אָבער קיינער קומט צו זיי ניט און וויל זיי ניט קענען...

נ אָ ר ל א כ ע ן

פאַרלאָרען וואָג...

עפּעס בין איך געוואָרען ניט מיט אַלעמען און בין אַוועק צו מיין דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר, אַ הויכער, אַ דארער, מיט ווייניג האָר אויפ'ן קאָפּ און אַ בייזליכער, האָט מיך געהייסען זיך אויסטאָן, האָט אויסגעהערט מיין האַרץ, גענומען מיין בלוט־דרוק, געהייסען מיר אָטעמען טיף, געקוקט מיר אין נאָז און אין די אויגען, האָט מיך אָפּגעוואויגען און נאָכדעם ווי ער האָט מיר געשטעלט עטליכע פראגען, האָט ער זיך מיט אַן ערנסטען טאָן אָפּגערופען: איך מוז אייך שטעלען אויף אַ דיעטע! איר מוזט פאַרלירן וואָג!

און באלד האָט ער מיר דערלאנגט אַ קאָנווערט מיט דריי פאַרשידענע קאָלירטע פּילען, אַז איך זאָל נעמען דריי מאָל אַ טאָג. דערצו האָט ער מיר געגעבען אַ פּייפּערל מיט אַ גאנצער מגילה, וואָס איך מעג עסען און וויפיל איך זאָל עסען און האָט מיך געהייסען קומען אין אַ וואָך ארום.

שלינג איך די פּילען און קוק אויף דעם פּייפּערל, דאָס הייסט: אויף מיין דיעטע און גיי ביסלעכווייז אויס פון הונגער... איך ווער שוואכער פון טאָג צו טאָג... איך פיל, אַז די כוחות פאַרלאָזען מיך...

פונקט צו דער וואָך בין איך ווידער ביים דאָקטאָר. ער עקזאמינירט מיך ווידער. הערט אויס מיין האַרץ, נעמט מיין בלוט־דרוק, קוקט מיר אין די אויגען און וועגט מיך ווידער אָפּ, און טאדעלט מיר הלמאי איך פאַרליר ניט קיין וואָג: „איך מוז אייך שטעלען אויף אַ שטרענגערער דיעטע!" — מאכט צו מיר דער דאָקטאָר ערנסט — „איר האָט גאָרניט פאַרלוירען קיין וואָג..."

און ער גיט מיר ווידער אַ פּייפּערל, דאָס הייסט אַ שטרענגערער דיעטע, הייסט מיר וויטער שלינגען דריי מאָל אַ טאָג די פּילען און זאָגט מיר אַן שטרענג אַז איך זאָל זיין זעהר אָפּגעהיט מיט'ן עסען.

ווידער קוק איך אויפ'ן פּייפּערל און הונגער גאַנץ געשמאַק. איך פּאָלג אויס די דיעטע פּינקטליך. מיין מאָגען טאנצט אַ שדים־טאַנץ. איך קען קוים שלעפּען מיינע פיס... איך פיל, אַז איך גיי אויס ווי אַ ליכט.

פונקט צו דער וואָך בין איך ווידער ביים דאָקטאָר. ווידער אַן עקזאַמינײשאָן, און צו ענדע וועגט ער מיך ווידער אָפּ.

— איך מוז אייך ווידער שטעלען אויף אַן אנדער דיעט! — מאַכט צו מיר דער דאָקטאָר שטרענגט — איר פאַרלירט גאָרניט קיין וואָג.

פאָלג איך דער נייער דיעטע און עס שוין גאָר ווי אַ פויגעלע.. איך קען קוים שלעפּען מיינע פיס... איך פיל אַז מיינע כוחות פאַרלאָזען מיך. און ווען איך דאַרף גיין צום דאָקטאָר מוז איך שוין נעמען אַ טעקסי... און ווידער גיי איך דורך אַ שטרענגען עקזאַמינײשאָן. דער דאָקטאָר קנייטשט דעם שטערען, פינטעלט מיט די אויגען און ווען ער וועגט מיך ווידער אָפּ, זאָגט ער צו מיר מיט כעס:

— איך מוז אייך שטעלען אויף אַן אויסערגעוויינליכער דיעטע. איר קענט ניט פאַרלירען קיין וואָג.

און ער גיט מיר אַ נייעם פּייפּערל און הייסט מיר דער נייער דיעטע אָפּהיטען שטרענג, ווען ניט איז מיין לעבען אין געפאַר.

נעם איך די נייע דיעטע און זעגען זיך מיט איר גאַנץ איידעל. איך הויב אָן צו לעבען אויף מיין אייגענער דיעטע.. איך עס מיינע ליבסטע מאכלים און איך פיל מיך גאַנץ גוט.

אין אַ וואָך אַרום בין איך ווידער ביי מיין דאָקטאָר. ער באַטראַכט מיך ווידער פון קאָפּ ביז די פיס, וועגט מיר אָפּ און צו ענדע זאָגט ער צו מיר מיט אַ שמייכעל:

— אייער לאַגע איז צופרידענשטעלענד! איר האָט ענדליך פאַרלוירען וואָג. גייט אָן מיט דער דיעטע...

דענטיסטען אין דער משפחה

(הומאָרעסקע)

מען זאָגט אַ ווערטעל. אַז „פון צווי ניאַנקעס בלייבט דאָס קינד אָן אַ נעזעל" און איך בין געבליבען אָן ציינער, ווייל מיר האָבען צוויי דענטיסטען אין אונזער פאַמיליע.

הערט אַ געשיכטע: אַז עס האָט מיר אָנגעהויבען וויי טאָן די ציינער

און איך האָב נעכט ניט געקענט צומאַכען מיט קיין אויג. רופט זיך צו מיר אַפ מיין אידענע: גיי צו צו אונזער אַנקעל, מר. לאַפּידוס, און ער וועט שוין זען, וואָס ער קאָן טאָן פאַר דיר.

בין איך אַוועק צו אונזער אַנקעל, דעם דענטיסט, ער האָט מיר פאַר־זיכטיג אונטערזוכט מיין מויל ציינער און האָט מיך געראַטען צו מאַכען „פּלעיטס".

האָט זיך דערוואוסט מיין ווייב'ס פלימעניק, איר שוועסטער'ס א זון, וואָס האָט נאָר וואָס געעפענט אַ דענטיסט־אָפיס. און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א ריכטיגע חתונה... ער איז צו מיר געקומען צו לויפען מיט א טענה: סטייטש!... אַן אָנפאַנגער ניט געבען קיין שאַו... וואו איז יושר?... דערצו האָט ער מיר געגעבען צו פאַרשטיין, אַז ער איז פון די מאָדערנע דענטיסטען און ער ארבעט לויט די נייעסטע, בעסטע מעטאָדען... אַז ער שלעפּט ארויס א צאָן, גיט מען ניט קיין פּינטעל מיט אַן אויג. און אַז ער פּיקסט אויס א מויל ציינער, אָדער פּאַסט צו אַ פּאַר „פּלעיטס", פילט מען ניט, אַז מען האָט זיי אין מויל...

האָב איך זיך מיישב געווען מיט מיין אידענע און מיר האָבען איינ־געזען, אַז ער האָט רעכט און איך בין אַוועק צום פלימעניק.

אַז מיין אַנקעל האָט זיך דערוואוסט אַז איך בין אַוועק צום פלימעניק, איז ער געקומען צו לויפען מיט אַ כעס: סטייטש! — האָט ער גע'טענה'ט — אַן אָנפאַנגער געטרויסטו צו פיקסען דיינע ציינער?... — ער האָט מיר אַוועק־געלייגט א לעקציע וועגען „פּלעיטס". ער האָט מיר אָנגעהויבען אויסרעכענען אַ צעטעל פון קאָזינס, טאַנטעס און אַנקעלס, וועלכע ער האָט געפיקסט די ציין און זיי זענען אַלע צופרידען. דערצו האָט ער מיר געגעבען צו פאַרשטיין, אַז צוצופּאַסען „פּלעיטס" דאַרף מען האָבען יאָרען פון דערפאַרונג און מען טאָר נישט אָנפאַרטרויען אַן אָנפאַנגער, אַן עקספּיריענס.

האָב איך זיך ווידער מיישב געווען מיט מיין פלונית'טע, און עס איז געבליבען, אַז איך זאָל גיין צו דעם אַנקעל מאַכען די „פּלעיטס", ווייל ער איז אַ דענטיסט מיט א סך עקספּיריענס.

האָט דער דענטיסט, דער פלימעניק, געמאַכט א „ויצעקו": סטייטש:

ער, אַ דענטיסט, מיט די נייעסטע מאָדערנסטע מעטאָדען און אים ניט געבען א „שאָו״? און ער איז געוואָרען ברוגז אויף אונז.

און איצט קערט זיך וועלטען אין אונעזר פאמיליע. עס האָבען זיך געשאפען צוויי צדדים. איינער האַלט מיט׳ן אָנקעל, און דער צווייטער מיט דעם פלימעניק. מען קריגט זיך און מען ברוגז׳ט זיך, און די גאַנצע פאַמיליע גייט כאַדאָראַם.

און איך גיי דערוויל ארום אָן ציינער און לייד פון מאָגען, קען ניט עסען, אַלץ דערפאַר, וואָס גאָט האָט געשטראָפט אונעזר פאַמיליע מיט צוויי דענטיסטען...

דער נודניק

(הומאָרעסקע)

מיין לאנדסמאַן מענדעל איז אַזאַ סאָרט מענש, וואָס טראָגט נישט קיין זייגער, דאַרף נישט קיין זייגער און גלויבט נישט אין קיין זייגער...

ער סענה׳ט אַז אַ זייגער איז ווי אַ קאַפריזנע קינד. מען דאַרף אויף אים קוקען, אים אָנדרייען און ווען מען דאַרף האָבען די צייט, שטעלט ער זיך אין גאַנצען אָפּ...

דאָ אנומעלט שפּאַציר איך מיר אויף דער גאַס, פאַרטיפט אין רעיונות, מיין אידענע איז אַוועק שפּילן מאַ־דזשאַן צו אירער אַ פריינדינע, און איך האָב מיר געהאט אַ פרייען אָוונט.

העלאָו! האָב איך פלוצלונג דערהערט א שטימע פון הינטער זיך — און ווען איך האָב זיך אומגעקוקט, האָב איך דערזען מיין לאַנדסמאַן מענדעל.

ווייס איך שוין פון דערפאַרונג, אַז מענדלען דאַרף מען אלעמאָל פרעגען וואוהין ער גייט און דערנאָך גייט מען דעם אַנדערן וועג און מען באַפרייט זיך פון אים.

— איז וואוהין גייט איר דאָס אזוי שפּעט? — טו איך אַ פרעג מענדלען.

— אָט, איך גיי דאָס איצט צו מיין טאָכטער אָפּצונעמען מיין אידענע, וואו איז זי געווען אַ בעיבי סיטער — האָט מענדעל געענטפערט.

— און וואוהין שפּאַצירט איר דאָס? — האָט מענדעל מיך צוריק אַ פרעג געטאָן.

— אַט גיי איך איצט אהיים, ווייל איך פיל שוין מיד, — האָב איך געענטפערט.

— וועל איך אייך באַגלייטען! — לאָזט מיך מענדעל נישט אָפּ.

צוקומענדיג צום הויז, רופט זיך אָפּ מענדעל צו מיר:

— איך גלויב, אַז ס׳איז אייך מאַנאַטאָן צו זיצען אַליין מיט די פיר ווענט, דעריבער וועל איך מיט אייך פאַרברענגען דעם אָוונט.

און אָט זיצט מענדעל אויף אַ ווייכען טשער און דערציילט מיר די צרות, וואָס ער שטייט אויס פון זיין פלונית׳טע, זינט ער האָט רעטאירד. זי האלט זיך מיט אים אין איין שאפען, אין איין ארומשיקען אים: ער דאַרף פאַר איר אַלעס אַיינקויפען, און וואָס ער קויפט איר איין געפעלט איר ניט. שיקט זי אים בייטען, קריגט ער געזידעלט פון די סטאַרקיפּערס און זי מאכט פון אים אַש און בלאָטע.

און מענדעל זיצט און רעדט און ס׳נעמט נישט קיין סוף. עס ווערט שפעט. איך קוק אויפ׳ן זייגער אפשר וועט ער פאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין.

— איר ווייסט? — שלאָג איך איבער מענדלען, — אַז איך האָב היינט געארבעט שווער און בין זעהר מיד.

— יע, — ענטפערט מענדעל — איך זע, אַז איר זענט שלעפעריג און מיד, און בלייבט זיצען ווייטער...

נעם איך אויסטאָן די שיך, און קלער, אַז אפשר וועט מענדעל פאַרשטיין, אַז ער דאַרף שוין גיין און לאָזען מיר גיין שלאָפען.

— איר טוט זעהר אַ גוטע זאַך וואָס איר טוט אויס די שיך — מאכט צו מיר מענדעל — איר וועט איצט פילען מער באקוועם און בלייבט זיצען ווייטער...

נעם איך אויסטאָן מיין אויבערהעמד און גלויב, אַז דאָס וועט אפשר העלפען און מיין לאַנדסמאַן וועט פאַרשטיין, אַז ס׳איז שוין צייט צו גיין...

— אָט אַזוי — שמייכעלט מענדעל, — איצט וועט איך זיין אַ סך אַנגענעמער און קיהלער, און ער רירט זיך נישט פון אָרט.

זעענדיג, אַז אַלע מיינע תרופות העלפען נישט, און מענדעל זיצט זיך ווי נישט אים מיינט מען דאָס, האָב איך געגעבען אַ כאַפּ אַרויף מיינע פּאַדזשאַ־מעס און האָב זיך געלאָזט צום שלאָף צימער.

— איר ווילט געוויס גיין שלאָפען? — האָט דיך ענדליך מענדעל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ — האָט מיר א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט! — האָב איך אים נאָכגעזאָגט.

נישט זיין זיווג

(הומאָרעסקע)

ווען יונה שפּיגעלמאַן איז אָפּגעוועזן אַן אלמן מער ווי א האלב צענדליג יאָר, האָט ער באשלאָסען, אַז ס'איז שוין צייט צו הייראַטען.

— שוין גענוג אָנגעפּלאָגט זיך אַליין! שוין גענוג געגעסען אין די רעסטאָראַנען און געוועזן איינזאַם און פארלאָזען; שוין צייט אַביסעלע גע־ניסען און הנאה האָבען פון לעבען.

און חתונה האָבען האָט יונה באשלאָסען נאָר מיט אַ פרוי, וואָס זאָל זיין איגנער פון אים; וואָס זאָל קענען אַביסעלע אויפבלאָזען זיין יוגענט און מאכען זיינע עלטערע יאָרען אָנגענעם און אינטערעסאַנט.

און טאָמער פלעגען זיינע קינדער און פריינט אים אויפמערקזאם מאכען, אַז ער מאכט אַ פאלשען שריט; אַז פאַר א מאַן אין זיינע יאָרען איז נישט ראַטזאַם צו הייראַטען מיט א צו יונגער פרוי, פלעגט יונה מיט כעס ענטפערען:

— וואָס פאַרגינט איר מיר נישט! קנאַפּ האָב איך זיך אָנגעליטען פון מיין טויבען? כסדר געוועזן קראַנק; דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען, מעדיצינען; געדאַרפט זיך מיט איר אָפּגעבען טאָג און נאכט; תמיד געוועזן צוגעבונדען צום הויז און קיין איין גוטען טאָג נישט געהאַט.

און יונה שפּיגעלמאַן איז אַוועק צו מרדכי'לען דעם שדכן, טאַקע זיינער אַ לאַנדסמאַן, און יענער האָט אים אויסגע'שדכנ'ט א ווייבעלע אַן אַנטיק, מיט אלע מעלות.

פאַרשטייט זיך, אַז אַן נדן איז דאָס ניט געגאַנגען. יונה האָט געקויפט

פאַר זיין צוקונפטיגע לעבענס-באַגלייטערין א גרויסען טייערען, דימענטענעם רינג, נאָך איר פאַרלאַנג נאָך.

אַז יונה איז מיט זיין יונג ווייבעלע געקומען פון זייער האָנימון, האָט דאָס ווייבעלע פאַרלאַנגט פון אים, אַז זיי זאָלען זיך איבערציען אין א מאָדערנעם אַפּאַרטמענט און קויפען אַפּ-טו-דעיט״ מעבל.

— דו פאַרשטייסט ? — האָט זי מיט א גוטמוטיג שמייכעלע אים דערקלערט — מיר הייבען איצט אָן א ניי לעבען.

איז ווי פאָלגט מען נישט א יונג שיין ווייבעלע — האָט יונה געקלערט — וואָס האָט זיך אונטערגענומען אויפצולעבען זיין יוגענט און מאַכען אים גליקליך! האָט ער איר אַלץ נאָכגעגעבען.

יונה איז געווען מער ווי צופרידען נאָכצוגעבען זיין ווייבעל׳ס יעדען קאַפּריז, יעדען פאַרלאַנג, אַבי זי זאָל זיך פילען גליקליך.

— דו ווייסט ? — זאָגט דאָס ווייבעלע ווען יונה קומט אהיים א פאַרמאַטערטער, נאָך א טאָג ארבעט — היינט ווייזט מען א גוטע „פיקטשע״ אין נאָכבאַרשאַפט! און מיר וועלען נאָך „סאַפּער״ עס גיין זען.

גייט נעבעך יונה מיט זיין יונג ווייבעלע און שלאָפט דערביי איין... וויל זיין ווייבעל ניט ליידען; מאַכט זי אים פאַרוואורפען: „מ׳שלאָפט ניט איין, ווען מ׳האָט א יונג ווייבעל ביי דער זייט״!

— היינט גייען מיר שפּילען בינגאָ — זאָגט זיין ווייבעלע צו יונה׳ן, ווען ער זיצט אַ פאַרמאַטערטער נאָך סאַפּער — איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיך אַמוזירען.

זיצט יונה ביי דער בינגאָ און קען דעם קאָפּ נישט האַלטען אויף זיך. ער איז מיד, אויסגעמאַטערט. ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר זיין ווייבעל, וואָלט ער געכאַפּט א דרעמעל. ער ציילט די מינוטען, אַז דאָס שפּיל זאָל זיך שוין ענדיגען און ער זאָל קענען גיין אַהיים זיך אָפּרוען.

— נו, האָסטו זיך ניט אמוזירט ביי דער בינגאָ — מאַכט צו אים זיין ווייבעלע גייענדיג אהיים — יונה מוז צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ און זאָגען „יע...״.

— היינט האָבען מיר אַ דענס אין קלוב! — אנאָנסירט זיין ווייבעלע: ווען יונה מאַכט זיך באַקוועם פאַר דער טעלעוויזיע צו כאַפּען א דרעמעל: — היינט וועלען מיר טאַנצען און זיך אַמוזירען.

נו, טאנצט נעבעך יונה א גאַנצען אָוונט מיט זיין יונג ווייבעלע און קען זיך קוים האַלטען אויף די פיס. ער טאנצט מיט גוואלד, מיט אָנשטרענגונג; — עס פעלט אים אויס אָטעם.

ער פילט, אַז באַלד, באלד וועט ער אָוועקפאַלען; אָבער ער מוז זיך האלטען שטייף. ער טאָר ניט זאָגען קיין וואָרט...

נו, מאטערט דאָס יונג ווייבעלע אַזוי אויס יונה׳ן מיט׳ן טאנצען, אַז ווען ער קומט אהיים קען ער ניט רירען מיט קיין אבר...

זונטאָג שלעפט אים זיין ווייבעלע צו „קארד־פארטיס״, באַזאָרען און צו פריינט: און גיט אים ניט קיין שאנס זיך אָביסעל אויסצורוהען.

און יונה שפּיגעלמאן גייט נעבעך אַרום אַ פאַרמאַטערטער, א ניט־אויס־געררוטער און טראכט איצט, אַז זיינע קינדער און פריינד האָבען געהאַט רעכט, ווען זיי האָבען אים געראַטען נישט צו הייראַטען מיט א צו־יונגער פרוי...

זי האָט צייט

(הומאָרעסקע)

דער איד האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען מיר אויפ׳ן באַנק, האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעטעל און האָט גלייך אָן הקדמות אָנגעהויבען:

— א מאָדנע פאָלק די פרויען! — האָט ער אַ פאַרביטערטער זיך צערעדט — מען קען ביי זיי קיין טאָלק ניט דערגיין. זיי פאַרבלייבען פאַר אייך א געהיימניס דעם גאַנצען לעבן!

— וואָס האָט איר צו די פרויען? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן — עפּעס זענט איר צופיל פאַרביטערט קעגן זיי־?

— ווייסט איר נאָך גאָרנישט! — האָט ער זיך מיט מער פּאַטאָס צעלאָזט — קענט איר נאָך ניט די פרויען! זענט איר מסתמא, ניט פאַרהייראַט — זענט איר?...

— האָט איר ניט געטראָפען! — האָב איך אים איבערגעשלאָגען אין מיטען — איך בין טאַקע יאָ פאַרהייראַט און פיר אַ גליקליך, צופרידען פאַמיליע־לעבן.

— איר הערט — איז ער אָנגעגאַנגען ווייטער — איך בין שוין אַן אַלמן אַ שיינע פּאָר יאָר און וואָס זאָל איך אייך זאָגען? שדכנים לאָזען מיר ניט אָפּ, מען האָלט מיר אין איין דאָקוטשען, אין איין מאַטערען, אין איין ברענגען כלות. מען ברענגט מיר יונגע, מיטעליעריגע און באַיאָרענטע ווייבער. הכלל, איך קען זיך פון די שדכנים ניט אָפּטשעפּען... זיי גיבען מיר ניט קיין רו; זיי ווילען מיך נאָר חתונה מאַכען.

— וואָלט דאָך דאָס ניט געווען אַזוי שלעכט, — רעדט דער איד ווייטער — מען קען דאָך אייביג ניט זיצען אַליין מיט די פיר ווענט. איז אָבער די צרה, וואָס די אַלע ווייבער, וואָס די שכנים ברענגען צו מיר, געפעלען מיר נישט. דערצו זענען זיי צו פּראַקטיש, פרעגען מיר גלייך צו איך פאַרמאָג אַ קאַר; וויפיל איך פאַרדין און צי וועל איך זיי קענען פאַרשאַפען די אַלע לוקסוסען, וואָס זיי דערוואַרטען...

— לעצטען פסח, אין אַ האָטעל אין די בערג, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ שיינע, בלאָנדע פרוי, וואָס איז געזעסען ביי מיין טיש. זי איז מיר גלייך געפעלען געוואָרען, איר שמייכעל, איר אַרט רעדען און איר איידעלער באַנעמען זיך, האָט מיך פאַרכאַפּט. די גאַנצע אַכט טעג פסח האָבען מיר פאַרבראַכט צוזאַמען. איך האָב זיך גיט געקענט אָפּרייסען פון איר. צום סוף, ווען מען האָט געדאַרפט פאָרען אהיים, האָט זי מיר געגעבען איר אַדרעס.

— בקיצור, מיר האָבען אָנגעהויבען אויסצוגיין, פאַרברענגען צוזאַמען, גיין אין מאָוויס, טעאַטערס, א. א. וו. איך האָב די פרוי באמת ליב געקראָגען. דאָס גלייכען: זי מיך... איך פלעג זיך קוים דערוואַרטען די מינוט זיך מיט איר צו טרעפען.

— אַז ס׳איז אַוועק אַ שטיקעל צייט און איך האָב מיט איר אַ שמועס געטאָן וועגען תכלית, האָט זי מיט אַ שמייכעלע געענטפערט:

— וואָס האָט איר קיין צייט ניט? — מען דאַרף ניט כאַפּען! מען דאַרף איינער דעם צווייטען גוט דערקענען. איך זיץ אַזוי לאַנג אַן אַלמנה, וועל איך וואַרטען נאָך אַביסעל צייט...

— אַזוי גיי איך אויס מיט דער פרוי און קיין טאָלק קען איך ביי איר נים דערגיין. ווען איך רייד מיט איר וועגען הייראַטען שמייכעלט זי און זאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן צייט...

— און אַז איך פרעג איר וויפיל איז דער שיעור צו וואַרטען שמייכעלט זי ווידער און ענטפערט, אַז מען דאַרף האָבען געדולד; אַז מען דאַרף ניט כאפּען... אַז צו זיין פאַרהייראַט וועלען מיר ניט פאַרזאַמען... ס'איז זעהר אינטערעסאנט און אַמוזירענד צו פירען אַ שטיקעלע ליבע פאַר דער חתונה, ווייל נאָך דער חתונה איז שוין צו שפּעט...

— נו, פרעג איך איך? — האָט ער פאַרענדיגט — זיינען ניט חוה'ס סעכסער אַ געהיימניס, וואָס ס'איז זיי שווער צו פאַרשטיין?

זי לאָזט אים וואַרטען

(הומאָרעסקע)

איך האָב אים געטראָפען אין לאָבי פון אַ אידישען טעאטער, אין ניו־יאָרק, א שבת אָוועט. ער האָט שנעל אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק קוקענדיג אויפ'ן זייגער און מורמלענדיג עפּעס אונטער זיך. ענדליך, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר און אַ פרעג געטאָן ווי שפּעט ס'איז.

— איר האָט דאָך אַן אייגענעם זייגער — האָב איך אים אויפמערקזאם געמאכט — איז צו וואָס אָנקומען צו יענעם.

— אויף מיין זייגער איז מיר שוין מיאוס געוואָרען צו קומען — האָט ער שמייכלענדיג געענטפערט — און וואָס מער איך קוק אויף מיין זייגער, אַלץ נערוועזער ווער איך, און אַלץ שנעלער לויפט די צייט.

אַזוי שפּעט און זי איז נאָך ניטאָ! — האָט ער ניט אויפגעהערט צו מורמלען; שפּאַנענדיג איבער'ן לאָבי און קוקענדיג אַלע ווייל אויפ'ן זייגער — זי וועט זיכער ניט קומען. זי וועט דאָס מאָל אויך ניט האַלטען קיין וואָרט.

איר הערט? — האָט ער זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט — מיין נאָמען איז יאָסעל, און דאָ וואו יאָסעל קומט, ווערט פריילעך און לעבעדיג. אַז איך באוויז זיך אין פאַרקל וואו די „סאָשעל־סעקיורניקעס" זיצען און חלומ'ען פון זייערע אמאָליגער יוגענט, ווערען זיי אויפגעלעבט. איך פאַרטרייב פון זיי זייערע דאגות און זאָרגען און זיי ווערען גאָר אינגער. איך בין אַ טענצער, אַ זינגער און אַן אונטערהאַלטער. פּרוּיען לעקען פון מיר די פינגער. איך

ווייס דעם סוד, ווי אַזוי צו מאכען מענטשען צום לאכען... אַז איך דערצייל א מעשה׳לע האַלטען זיך די פרויען אין קאַטשען פון געלעכטער. מיין גאַנץ לעבען האָב איך געהאַלטען אין איין שפּילען ליבעס מיט פרויען און פון אַלע ליבעס איז גאָרנישט געוואָרען, און איך בין פאַרבליבען א בעטשלאָר...

איך בין פאַרבליבען א בעטשלאָר — האָט יאָסעל נאָך אמאָל איבער־גע׳חזר׳ט — ווייל איך האָב געוואָלט זיין פריי און ניט זיין צוגעבונדען צו איין פרוי.

אָבער דאָ מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, האָב איך זיך צופעליג באַקענט מיט אַ פרוי, דזשעני הייסט זי, איז דאָס שוין איינמאָל א דזשעני! אַ פריילּיכע, אַ לוסטיגע, א לעבעדיגע — איך זאָג אייך א ברען! זי האָט מיך באַצויבערט מיט׳ן ערשטען קוק. איך האָב זיך אין איר פאַרליבט מיטן גאַנצען פייער פון מיין בעטשלערישער נשמה. וואָלט דאָך שוין געווען גוט, איז אָבער... און וואו נאָך אַן „אָבער״ איז אַ צרה, און די צרה מיט דזשעני׳ן איז, וואָס זי האַלט ניט פון אַפּאָינטמענטס, ווען נאָר זי מאַכט מיט מיר אַן אַפּאָינטמענט זיך ערגיץ וואו צו טרעפען, לאָזט זי מיך וואַרטען און קומט ניט.

נו, קען מען אויסהאַלטען פון אַזאַ דזשעני?

און אַז איך פרעג זי פאַרוואָס זי מאַכט מיך צום נאַר און לאָזט מיך אומזיסט וואַרטען, ענטפערט זי מיט א שעלמישען שמייכעלע, אַז עס פאַרשאַפט איר פיל פאַרגעניגען צו לאָזן אַ מאַן וואַרטען אויף איר, זי פילט זיך זעהר געהויבען, ווען זי ווייס, אַז מען וואַרט אויף איר. מען שטייט און קוקט אויפ׳ן זייגער, ציילט די רגע׳ס און מינוטען און מען איז נייגעריג זי צו זען... זי טענה׳ט אַז וואָס מער אַ מאַן וואַרט אויף אַ פרוי, אַלץ מער שטייגט די ליבע צו איר...

מיינט איר דאָך אוודאי, אַז יאָסעל ווערט ברוגז אויף איר, וואָס זי מאַכט אים צום נאַר — הויבט זיך נישט אָן.

— זי וואַרפט מיר צו א שמייכעלע און אַלץ ווערט פאַרגעסען.

— איז פאַרוואָס מאַכט איר מיט איר אַפּאָינטמענטס, ווען זי מאַכט אייך כסדר צום נאַר און קומט נישט — האָב איך אים געפרעגט.

— ווייל איך האָב אויך הנאה דערפון — האָט ער פאַרשעמט געענט־פערט. דאָס וואַרטען אויף איר מאַכט מיר זעהר געהויבען. דער געדאַנק, אַז

זי וועט יעדע מינוט אָנקומען און מיר באַגריסען מיט איר רייצענדיגען, ליבען שמייכעלע מאכט מיין הארץ צו קלאַפּען שטארקער און מאכט מיך פילען יונגער.

אָבער דאָ האָט ער נאָך אמאָל א קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער און מורמלענדיג אַז זי וועט שוין ניט קומען, איז ער פאַרשוואונדען אין דער טומעלדיגער גאַס.

שווער צו פאַרשטין די ווייבער

(הומאָרעסקע)

מיין שכן האָט זיך שטילערהייט אריינגעשליכט צו מיר אין הויז, האָט געבעטען אנטשולדיגונג, וואָס ער שטערט מיין רו, און האָט גלייך אָנגעהויבען.

— איר הערט — האָט ער זיך צו מיר געווענדט — איך האָב איצט א מאָדנעם פּראָבלעם. איך קאָן זיך קיין עצה ניט געבען. איך גלויב, אַז איר קאָנט מיר אַרויסהעלפען.

— וואָס איז אייער פּראָבלעם? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— אַז מען וויל — האָט ער זיך צורוקענדיג נענטער אביסעל צו מיר פאַרשעמט געענטפערט — איז דאָס ניט קיין פּראָבלעם. א סך מענער וואָלטן זיך געוואונטשען צו האָבען אַזוינע פּראָבלעמען. אָט, איר ווייסט דאָך די פרויען מיט זייערע נאַרישע קאַפּריזן, ווילדע איינפאַלען און איינגעשפּאַרטקייט. מיין פרוי איז ניט קיין אויסנאַם. נו, האָט זי זיך פאַר׳עקשנ׳ט דעם זומער און וויל בשום אופן נישט פאָרען אין קאַנטרי.

איז דאָך גוט! — האָט איך אויסגערופען — וועט איר ניט זיין איינזאַם, וועט איר ניט דאַרפען פאַרברענגען מיט די פיר ווענט, וועט איר ניט דאַרפען עסען אין די רעסטאָראַנען און אַרומבלאָנקען גאַנצע נעכט איינער אַליין.

— טויג דאָס ערשט נישט! — האָט מיין שכן, ווישענדיג דעם שוויס, געענטפערט — מיין וואַקאַציע איז קאַפּוט, און איך וועל האָבען א פאַרשטערטען זומער.

— איך פאַרשטיי אייך ניט — האָב איך אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין — האָט ער מיר ניט געלאָזט ענדיגן — אַ גאַנץ יאָר בין איך ווי אַ געפאַנגענער ביי מיין פרוי. מיין פלונית׳טע איז פון דעם מין פרויען וואָס האָבען ליב צו הערשען, צו קאָמאַנדעווען, צו געבען באַפעלען, וואָס זי זאָגט מוז איך איר פאָלגען. דערצו דאַרף איך איר אָפּגעבען אַ רעכענונג וואו איך טו זיך אַ קער, זי לאָזט מיך ניט אויס פון אויג. וואָס איך טו איז איר ניט געפעלען. איך טאָר מיט קיינעם נישט אויסריידען קיין וואָרט. פאַר יעדער קלייניגקייט ווערט אַ קריג, און ווען איר פירט מיט איר אַ קריג, מוזט איר אַלעמאָל פאַרלירען. דערצו דאַרף איך איר האַלטען אין איין אַרומפירען צו אירע חבר׳טעס צו שפּילען מאַ־דזשאַן, קאָרטען, בינגאָ, א. א.וו. הכלל, זי לאָזט מיר ניט האָבען קיין איין רואיגע מינוט.

— אָבער דאָך — זאָג איך צו אים — בלייבט איר ניט אליין, ווי אַלע מענער, וואָס זייערע פרויען פאָרען אַוועק אין די בערג און זיי דאַרפען זיך פּלאָגען דעם גאַנצען זומער. אייער פרוי איז איך געטריי, זי וויל אייך ניט איבערלאָזען אַליין.

— ווער זאָגט דאָס, אַז איך פּלאָג זיך! — האָט ער מיט כעס אויסגעשריען — פאַרקערט, ווען איך בלייב אַליין, לעב איך אָפּ, קום איך צו זיך, רו איך זיך אויס, איך ווער אַ נייער מענטש, און ווייס פון אַ וועלט... איר הערט — האָט ער זיך אַביסעלע צעוואָרעמט, פאַרויכערענדיג אַ פּאַפּיראָסל — איר הערט, איך צייל די טעג, וואָכען און מאָנאַטען, אַז דער ליבער זומער זאָל שוין קומען און מיין פלונית׳טע זאָל אַוועק אין די בערג. יאָ, ווען זי גייט אַוועק אין די בערג, דאַן הויבט זיך אָן מיין וואַקאַציע. איר לאַכט, האָז אָבער דאָס איז דער ריינער אמת. אַזוי שנעל ווי מיין פלונית׳טע פאָרט אַוועק, ווערט אין הויז שטיל, רואיג, אַ רעגעלער גן־עדן. קיינער שרייט ניט, ליאַרעמט ניט, קאָמאַנדעוועט ניט, קיינער שאַפט זיך מיט מיר ניט. איך פיל ווי אַ פויגעלע וואָס ווערט באַפרייט פון אַ שטייג... אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אַ גאַנץ יאָר, אַז מיין אידענע איז אין הויז, טאָר קיינער צו מיר ניט קומען, איך טאָר זיך ניט זען מיט מיינע באַקאַנטע, משפחה, א. א. וו. איך ווער אָפּגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט, ווי איך וואָלט געווען זיין אין אַ פּריזאָן.

— איז וויבאַלד אייער פלונית׳טע טוט אַלץ פאַרקערט וואָס איר

זאָגט איר— האָב איך זיך אָפּגערופּען — טאַ באַשטייט, אַז זי זאָל זומערען מיט אייך אין שטאָט און דאַן — — —

— איר זייט גערעכט, איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט... איר האָט גע־טראָפען אין פּינטעל אַריין... — האָט מיין שכן מיר ניט געלאָזט פאַרענדיגען— יאָ, דאַן וועט זי שוין יאָ פאָרען אין קאַנטרי.. יאָ, איר האָט מיך אַרויפ־געפירט אויף אַ דרך... און אפשר — האָט מיין שכן פאַרענדיגט און אַ שמייכעל האָט זיך צעשפּרייט אויף זיין פּנים — שפּילט מיין אידענע מיט מיר טעאַטער. זי וויל אויספירען, אַז איך זאָל זי שיקען אין אַ מאָדערנעם האָטעל, דאָרט וואו אירע חברטע׳ס פאָרען ?

יאָ — האָב איך צוגעגעבען — עס איז שווער צו פאַרשטיין די ווייבער.

ער האָט מורא פאַר א גרושה

(הומאָרעסקע)

ווען מר. זעמעל איז פאַרבליבען אַן אלמן, האָט ער באַשלאָסען, אַז ער וועט מעהר נישט הייראַטען.

אזאַ גוטע, איבערגעגעבענע פרוי, ווי איך האָב געהאַט, וועל איך מעהר נישט קריגען — האָט ער אַרגומענטירט — איז וואָרום זיך מאַכען נאַריש און הייראַטען נאָך אמאָל ?

אָבער שדכנים האָבען געהאַלטען אַן אויג אויף דעם העלדישען, קרעפּטיגען מר. זעמעל מיט זיין געדיכטען קאָפּ שוואַרצע האָר וואָס האָט אים צוגעגעבען אסך חן. אָט די שדכנים האָבען אים געהאַלטען אין איין דאַקוטשען מיט שידוכים און אים נישט געגעבען קיין רו.

נו, ווי געפעלט אייך די מלכה׳לע, וואָס איך האָב נעכטען פאַר־געשטעלט ? — פלעגט דער שדכן אים אַ פרעג טאָן — איז זי נישט קיין צאַצקעלע ? — פלעגט ער צולייגען מיט א שמייכעלע.

זי געפעלט מיר זייער גוט — פלעגט מר. זעמעל ענטפערן — אָבער...

אָבער וואָס ! — פלעגט דער שדכן וועלען וויסען די אורזאַך.

זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז א גרושה — פלעגט מר. זעמעל קורץ ענטפערן.

און אַז א גרושה, איז וואָס ? — פלעגט דער שדכן אים נישט אָפּלאָזען — איך ווייס פון א סך מענער, וואָס האָבען געהייראַט מיט גרושות און זיי לעבען גליקלעך און צופרידען.

אז א מאן גט אָפּ אַ פרוי — פלעגט מר. זעמעל זאָגען מיט אויטאָריטעט — מסתמא טויג זי נישט און ער האָט זיך פון איר געגוג אָנגעליטען.

דער שדכן פלעגט אַן אנטוישטער אַוועקגיין, אָבער ער פלעגט אין מר. זעמעל'ן נישט פאַרגעסען.

אין א קורצע צייט ארום פלעגט דער שדכן צונויפפירען דעם מר. זעמעל'ן מיט אַן אנדערע פרוי.

ווי געפעלט איך די דאַמעלע, וואָס איך האָב אייך נעכטען פאַרגע־שטעלט ? — פלעגט דער שדכן קומען צולויפען א פאַרסאָפּעטער צו מר. זעמעל אויף מאָרגען.

זי געפעלט מיר זייער גוט ! פלעגט מר. זעמעל ענטפערען, אָבער —

וואָס איז שוין ווידער אַן „אָבער" ? — פלעגט דער שדכן זיין נייגעריג צו וויסען.

איך האָב פון איר אויסגעפונען, אַז זי איז אַן עגונה און אַז איר מאַן האָט זי פארלאָזען שוין זיבען יאָר. איז וואָס ? פלעגט דער שדכן זיך חידוש'ן און נישט קענען פאַרשטיין פארוואָס מר. זעמעל איז געגען דעם שידוך ? — זאָל נאָר האלטען ביי א שידוך און איר מאַן וועט זיך אָפּזוכען און זי וועט פון אים אָרויסקריגען א גט.

איר פאַרשטייט ? — פלעגט מר. זעמעל ענטפערן, — אז אויב א מאַן לאָזט איבער אַ פרוי און פאַרשווינדט, מסתמא איז זי געווען אַ פגע־רע, אַ מרשעת, און דעריבער איז דער מאַן אנטלאָפען, וואו די אויגען האָבען אים געטראָגען.

גלויבט נישט אין אַזוינע נארישקייטען — פלעגט דער שדכן וועלען צונישט מאַכען זיינע אַרגומענטען.

אָבער מר. זעמעל האָט געהאַלטען, אַז די איינציגע פרוי, וואָס ער וואָלט גענומען אין באַטראַכט און געהייראַט, איז נאָר אַן אלמנה . . .

אַזוי האָבען די שדכנים געהאָרעוועט שווער און ביטער צו פאַר־הייראַטען דעם מר. זעמעל, אָבער אַן דערפאָלג.

ביז וואנען מר. דרעהקאָפּ, דער שדכן, א איד מיט א קאָפּ אויף די פּלייצעס, האָט זיך דער וואוסט פון דעם אַז ער וויל נאָר הייראַטען אַן אלמנה. עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּיפּיגער דאַמעלע, וואָס האָט אים דערציילט, אַז זי איז אַן אלמנה, איר מאַן איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אין אַן אויטאָמאָביל-אומגליק — האָט זי געזאָגט.

מר. זעמעל האָט זיך אין איר פאַרליבט און געהייראַט.

נאָך דער חתונה, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זי איז גאָר א גרושה.

איצט זאָגט מר. זעמעל, אַז ער האָט געלעבט אין טעות, אַז מיט אַ גרושה קען מען אויך לעבען א גליקליך און צופרידען לעבען.

„דאמענרעכט"

(הומאָרעסקע)

אויב איר פאַרט אין באָס אָדער סאָבוועי און לעבען אייך שטייט א צאַרטע דאַמעלע און קוקט אויף אייך, זייט ניט צו סענטימענטאל און לאָזט ניט אָפּ אייער „סיט".

איר קענט נאָך האָבען די זעלבע דערפארונג וואָס איך האָב געהאַט.

דאָ אַנומעלט — עס איז געווען פאַרנאַכט, אין דער „ראש־האָוער" — די טרעין איז געווען געפּאַקט, דערשטיקט צו ווערען. איך בין גראַדע געווען פון די מזל׳דיגע, וואָס האָבען געהאַט אַ „סיט".

זיץ איך מיר אויף מיין „סיט", די אויגען אריינגעגראָבען אין אַ ציימונג און בין פאַרטאָן מיט די געעשעענישען, וואָס קומען פאָר אין אונזער וועלטעל.

ווען איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען, האָב איך לעבען מיר דערזען אַ צאַרטע, איידעלע דאַמעלע אָנהאַלטענדיג איר צאַרטע הענטעל אַן סטראַפּ.

מיין מענערשער שטאָלץ האָט זיך אין מיר גלייך דערוועקט און איך זיך געוואָלט גלייך אויפהויבען און געבען איר מיין „סיט". אָבער איך האָב גלייך דערפילט מייני מידע פיס פון א טאָג שווערער אַרבעט און איך האָב זיך אָפּגעהאַלטען, און צוריק איינגעגראָבען מיינע אויגען אין דער ציימונג.

אָבער דאָ האָב איך זיך ווידער באַגעגענט מיט אירע אויגען און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט ווי זי זאָגט: „אַ שיינער קאַוואַליער ביזטו, אַז דו לאָזט אַ שוואַכע, צאַרטע דאַמע שטיין און אַליין זיצסטו".

האָב איך שוין מער ניט געקאָנט פאַרטראָגען איר בליק, איך האָב זיך שנעל געגעבען אַ הויב אויף און איר אָפּגעלאָזען מיין „סיט".

און זי האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און זיך ניט גערירט פון אָרט, ווי איך וואָלט איר אָנגעטראָגען אויפ׳ן היגער־אויג.

— זעצט זיך! — האָב איך צו איר געזאָגט, דענקענדיג, אַז זי פאַרשטייט ניט וואָס איך וויל פון איר, — אָט האָט איר אַ „סיט".

זי האָט זיך אַלץ ניט גערירט פון אָרט, אָנהאַלטענדיג זיך אָן הענטעל פון קאַר.

קוקען מיר איינער אויפ׳ן צווייטען ווי ברוגז׳ע און איך שטיי ווי אַ פאַרלאָרענער און עס טוט מיר שוין באַנג וואָס מיר האָט זיך פאַרוואָלט צו זיין אַ קאַוואַליער און אָפּגעבען אַ דאַמע מיין פּלאַץ.

— זייט ניט אַזוי סענטימענטאַל — האָט זי סאַרקאַסטיש אָפּגע־ענטפערט, — איר נויטיגט זיך אין דעם „סיט" מער ווי איך. איר קוקט אויס מיד און שוואַך. מיר פרויען זיינען שוין ניט אַזוי הילפלאָז ווי אַמאָל און קענען אונזער שטעטעל באַשטיין.

אַ צווייטע דאַמעלע, דאַר ווי אַ שפּאָן, וואָס איז געשטאַנען און זיך געראַנגעלט מיט׳ן הענטעל פון קאַר, אַז זי זאָל ניט פאַלען, האָט איר אַרויס־געהאָלפען.

— יע, די מענער דענקען נאָך אַלץ, אַז מיר זיינען שוואַכע וועזענס און ווילען אונז באַהאַנדלען ווי הילפלאָזע באַשעפענישען.

איך האָב זיך אַ פאַרשעמטער צוריק אַראָפּגעלאָזען אויף מיין „סיט" און גענומען זיך צו מיין צייטונג, אום אויסצומיידען די בליקען פון די ארומיגע פּאַסאַזשירען.

נו, פרעג איך אייך, דאַרף מען זיין אַ גוטער און אָנבאָטען אַ „סיט" צו חוה׳ס טעכטער?

וואָלף איוועניסקי

א גמילת חסד

(הומאָרעסקע)

— איך ווייס, אַז איר שרייבט פאַר׳ן „אמעריקאנער״, און איך גלויב, אַז דאָס וואָס איך וועל אייך דערציילן וועט אייך צוניץ קומען פאַר א הומאָרעסקע — האָט דער באַברילטער איד ביי מיין טישל זיך צו מיר אָפּגעד רופען, זופענדיג זיין טעפּעלע הייסע קאַווע.

— איר הערט? — האָט ער, ניט וואַרטענדיג אויף מיין ענטפער, אָנגעהויבען — איך האָב אַלעמאָל, א שוואכקייט צו טאָן יענעם אַ טובה, ספּעציעל ווען עס קומט צו א גמילת־חסד׳ל, און איך קאָן אויך ניט אָנטזאָגען, ווען יענער בעט מיך צו זיין אַ גוט־זאָגער, אָדער אונטערשרייבען א נאָטל. הגם עס האָט מיך שוין געקאָסט געגוג רבי־געלט, קאָן איך יענעם ניט מעיז־פּנים זיין. איך קאָן ניט אָנטזאָגען, ווען עמיצער ווענד זיך צו מיר צו באָרגען א פּאָר דאָלאר.

דאָ אנומעלט קומט צו מיר אַריין א שכנה און שטעלט זיך פאַר מיר פאַר אַלס מרס. פּלאטקין. זי אנטשולדיגט זיך, וואָס זי באלעסטיגט מיך, און צום סוף דערציילט זי מיר, אַז אַזוי ווי ביי איר מאַן איז געשטאָרבען זיין ברודער, און ער האָט געדאַרפט זיצען שבעה, האָט ער ניט געקראָגען זיינע שכירות. איז, בכן, בעט זי מיך, אַז איר זאָל איר אויסבאָרגען צען דאָלאַר פאַר א וואָך צייט.

איך האָב איר אויסגעליען די צען דאָלאַר און זי האָט מיך צוגעזאָגט דאָס אָפּצוגעבען אין א וואָך, אָדער צוויי וואָכען ארום.

און טאַקע פּונקט צו דער צייט האָט זי מיר אָפּגעבראכט דעם חוב און האַרציג באַדאנקט.

אין א פּאָר וואָכען ארום איז מיין שכנה, די מרס. פּלאטקין, ווידער געקומען נאָך א גמילות־חסדל, זי האָט מיר דערציילט, אַז איר מאַנ׳ס פאָטער האָט פּלוצלינג געקראָגען א האַרץ־אטאקע און איז דערפון געשטאָרבען, און איר מאַן זיצט שבעה. בכן, איז זי פאַרענגט, און דאַרף האָבען א פינף־און־צוואנציגער, זיך „אויסצודרייען״, ביז וואנען איר מאַן וועט קריגען זיין „פּיידע״.

נאָר לאכען

איך האָב איר געליען די פינף־און־צוואנציג דאָלאַר, און זי האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו באַצאָלען אַזוי שנעל ווי מעגליך.

עס איז אַוועק א לאַנגע צייט, און די מרס. פלאַטקין איז ניט געקומען אָפּצאָלען דעם חוב.

מיט א חודש צוריק איז די מרס. פלאַטקין ווידער געקומען. זי האָט זיך אַנטשולדיגט, וואָס זי האָט מיר ניט אָפּגעבראַכט דעם חוב, ווי זי האָט מיר פאַרשפּראָכען — ווייל איר מאַן איז פון ערגערניש קראַנק געוואָרען און האָט די גאַנצע צייט ניט געאַרבעט.

איך האָב זי געטרייסט, אַז זי דאַרף זיך ניט זאָרגען פאַר דעם חוב; אַז איך וועל וואַרטען ביז וואַנען איר מאַן וועט געזונט ווערען, און זי וועט מיר דאַן אָפּגעבען.

— געזונט זאָלט איר זיין! אַ לעבען אויף אייך! — האָט זי מיך אָנגעהויבען צו בענטשען, מיט טרערען אין די אויגען — איך וויים, אַז איר זייט אַ גוטער דימענטענער מענש, און דערפאַר וועט אייך גאָט העלפען!

און טאַקע גלייך ווי זי האָט געענדיגט מיך בענטשען, האָט זי מיר, מיט א רחמנות פנים דערציילט, אַז זי איז שולדיג באַלד פאַר צוויי חדשים דירה־געלט, און דער לענדלאָרד האָט איר אָנגעזאָגט, אַז אויב זי באַצאָלט אים ניט די רענט, וועט ער זי מאַכען צו מופען. איז, בכן, פאַרלאַנגט זי פון מיר, אַז איך זאָל איר טאָן די געפעליגקייט, און אויסבאָרגן פאַר א חודש דירה־געלט, און זי וועט מיר אין אַ וואָך, אָדער צוויי, אָפּגעבען דעם גאַנצען חוב.

— נו, האָב איך געמוזט לייען מיין שכנה פאַר א מאָנאַט דירה־געלט, כדי זי זאָל אָפּווישען די טרערען פון אירע אויגען.

אַז ס'איז אַריבער צוויי, דריי און פיר וואָכען, און די מרס. פלאַטקין איז ניט געקומען גוט־מאַכען דעם חוב, וואָס זי איז שולדיג, האָב איך צוגעשיקט א שליח צו איר פאַר'ן חוב.

דער שליח האָט אויסגעפונען אַז די מרס. פלאַטקין האָט זיך אַרויסגעצויגען מיט א וואָך צוריק, און קיינער ווייסט ניט וואו; אַז דאָס געלט האָט זי פאַרשפּילט אין קאָרטען און אין בינגאָ... אַז איר מאַן האָט, פון ערגערניש, געקראָגען אַ האַרץ־אַטאַקע און איז געשטאָרבען.. און אַז איך בין ניט איר

אײנציגער קרבן, נאָר דער בוטשער, גראָסערימאַן און דער לענדלאָרד זוכען זי אויך אַרום.

נו — האָט ער פאַרענדיגט — דאַרף מען זיין אַ גוטער און טאָן יענעם א טובה ?

ביי אַלעמען גלייך

(הומאָרעסקע)

משה דער אַפּערייטאָר איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט אַן אויס־געשעפּטער, אַן אויסגעמאַטערטער. ער האָט היינט געהאַט זעהר אַ שלעכטען טאָג אין שאַפּ. דער פאָרמאַן האָט זיך געהאַלטען אין איין טשעפּען צו אים און אין זוכען הסרונות אויף זיין אַרבעט. ער האָט אַלץ אַרונטערגעשלונגען און געשוויגען. איצט האָט ער זיך געזעצט א הונגעריגער צום טיש וואַרטענ־דיג אַז דאָס ווייב זאָל דערלאַנגען דעם „סאַפּער".

— נו, — האָט אים זיין פלונית'טע דערלאַנגט די ערשטע פאָרציע — האָסטו שוין געקראָגען דאָס געלט פאַר'ן קאָוט ?

— לאָז מיך פריער אָפּעסען ! — האָט משה אַ הונגעריגער זיך ביי איר געבעטען — איך האָב היינט געהאַט זייער א ביטערן טאָג אין שאַפּ.

— ווער דאַרף דאָס וויסען ! — האָט די מרס. דאַבקין מיט א טאָן העכער זיך צעשריען — דו מיינסט אַז איך וועל היינטיגען ווינטער אויך פרירען אין דער שמאטע וואָס איך טראָג ?

— אָבער איך בין הונגעריג ! — האָט משה איר איבערגעשלאָגען אינ־מיטען. — גיב מיר עסען און דערנאָך וועלען מיר רעדען פון וואָס דו ווילסט נאָר אליין.

— דו קאַלטער לונג און לעבער, וואָס דו ביזט ! — האָט מרס. דאַבקין נישט אויפגעהערט צו געוואַלדעווען, — דו האָסט מיך שוין ניט איין מאָל צו נאַר געמאכט.

— אָבער לאָז מיך פריער אָפּעסען — האָט משה זיך קאָנטראָלירט מיט די לעצטע כוחות — איך האָב אַ גאַנצען טאָג נישט געגעסען..

— א נעבעך אויף אים ! — ער מיינט אַז ער ער וועט זיך אַרויסדרייען

און מיר נישט קויפען קיין קאָוט. ער מיינט אַז ער וועט מיר פאַריידען די ציינער.

— אָבער גיב מיר פריער אָפּעסען! — האָט משה זיך נישט אויס־געהערט צו בעטען ביי זיין פלונית׳טע, וועלכע האָט אַנגעהאַלטען איר מאָנאָ־לאָג, — איך בין הונגעריג! און משה האָט ענדליך געכאַפּט זיין „העט און קאָוט״ און האָט פאַרלאָזען דאָס הויז.

צוקומענדיג צום ווינקל גאַס, ערשט זיין פריינט יאנקל קומט אים אנטקעגען.

— העלאָו, יאנקעל! וואו איילסטו זיך דאָס? שוין נאָך סאַפּער?

— וואָס סאַפּער! ווען סאַפּער! — האָט יאנקעל קורץ געענטפערט, — איך אייל זיך דאָס צו דיר.

— וואָס איז געשען? — האָט משה געפרעגט.

— מיין פלונית׳טע האָט מיר דערלאַנגט א פאַרציע סאַפּער, אַז איך האָב קוים געטראָפען די טיר. בכן, אַזוי ווי אונזער נעקסט־דאָריגע האָט געקראָגען א „דאַימאָנד־רינג״ צו איר געבורטסטאָג — האָט זיך מיין אידענע אויך פאַרוואָלט א „דיימאָנד״־רינג — און טאָקע גלייך!

— איז וואָס איז געשען? — האָט משה געוואָלט וויסען.

— זעסט דאָך, וואָס עס איז געשען! — האָט יאנקעל געענטפערט, — זי האָט נישט אויפגעהערט צו באָמבאַדירען וועגען אַ „דאַימאָנד״־רינג, האָב איך געכאַפּט מיין „העט און קאָוט״ און בין אַוועק א הונגעריגער.

— אויב אַזוי — האָט זיך יאנקעל אָפּגערופען — לאָמיר זיך צוכאַפּען צו אונזער פריינט מעקס דעם פּרעסער און דאָרטען וועלען מיר אָפּכאַפּען דאָס האַרץ און פאַרברענגען דעם אָוונט.

קומענדיג נישט ווייט פון מעקס׳עס הויז — ערשט מעקס קומט זיי אנטקעגען.

— וואוהין יאָגט מען זיך דאָס? — האָט משה איבערגעשלאָגען מעקס׳ן.

— אַט לויף איך דאָס טאָקע צו דיר, משה — האָט מעקס געענט־פערט.

— וואָס עפּעס פלוצלינג?

— פלאָרידע איז שולדיג! — האָט ער קורץ געענטפערט.

— איך פארשטיי נישט וואָס דו פּלוידערסט! — רעד קלאָרע דיבורים.

— וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין, — מיין ווייבעל האָט היינט דערהאלטען א בריוועל פון אירע א חבר׳טע אין פלאָרידע, אַז זי פאַרברענגט דאָרט זעהר גוט! אַז דאָרט איז טעם גן־עדן . . . נו, האָט זיך איר פאַרוואָלט פלאָ־רידע! איז פרעגט שוין גאָר נישט! האָט זי מיר, אנשטאָט סאַפּער דערלאַנגט א פאַרציע פלאָרידע, אַז איך האָב קוים געטראָפען די טיר. . .

— אויב אַזוי חברה — האָט משה געמאכט א פאַרשלאַג — לאָמיר די ערשטע זאך ארייננגיין אין א רעסטאָראַן שטילען אונזער הונגער.

אַן ערליכער מענש

(הומאָרעסקע)

דער פארשוין האָט זיך צוגעזעצט לעבען מיין טישעל, אין קאפעטעריע מיט א טעלער פלייש אין האַנט, און האָט גיך זיך גענומען צו דער אכילה.

פאַרטיג געוואָרן מיט׳ן עסען, האָט ער אַרויסגענומען א צייטונג פון קע־שענע און זיך גענומען לייענען.

— שווינדלער! גרעפטערס! זשוליקעס! — האָט ער זיך געקאָכט און זיין פּנים האָט אָנגענומען א מאָדנעם אויסזען. — נישטאָ קיין ערליכער מענש צווישען די פאָליטישענס. איר הערט? — האָט ער זיך צעלאָזען, פאָכענדיג מיט דער צייטונג — מען האלט אין איין אונטערזוכען, און וואָס מער מען אונטער־זוכט אַלץ מער געפינט מען. עס איז א מעשה אָן א סוף. דער רעזולאַטאַט פון די אַלע אונטערזוכונגען איז אַז די גרעפטערס קריגען מער דערפאַרונג און וויסען בעסער ווי צו פאַרדעקען זייערע נישט כשר׳ע און טונקעלע מאַכינאַציעס.

איר פארשטייט? — האָט ער זיך צעוואָרימט און זיין קול איז געוואָרען העכער — איר עפענט א צייטונג און גלייך לייענט איר וועגען גרעפט און שווינדעל אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ גאַנץ נאטירליכע זאך. אָט האָט מען אנ־דעקט גרעפט און שווינדל אין די שלעפּ־קאַר־ביזנעס, וואו עס זיינען געווען פאַר־מישט דאָקטוירים, לאָיערס און אויך פאָליציי באַאַמטע... און באלד האָט מען אנטדעקט קונקעל־מונקעל ביזנעס אין דער באָרד אָוו עדיוקיישאָן, וואו עס

זיינען געווען פאַרמישט גאָר הויכע באַאַמטע... און אויב מען זאָל אָנהאלטען די אונטערזוכונגען, ווייסט איין גאָט, וואוהין עס קען דערפירען!...

— און מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַלץ? — האָט דער פאַרשוין זיך נישט אויפגעהערט צו קאָכען, און האָט מיר נישט געלאָזט עפענען דאָס מויל. — אָט נעמט אַזוינע ספּאָרטס ווי בעסקעט־באָל, אָדער פוט־באָל, אַזוינע פאַרשפּרייטע און פּאָפּולערע שפּילען, וואָס אַמוזירען הונדערטער טויזענטער מענשען, האָט אויך דאָ די האנד פון די שווינדלערס דערגרייכט. א סך פון די שפּילער זיינען באַשטראָפט געוואָרען.

— נו, האָט דער פאַרשוין געגוואַלדעוועט, — פרעג איך אייך, זיינען דאָ ערליכע מענשען אויף דער וועלט?

— איך גלויב, אַז יע, — האָב איך א זאָג געטאָן. — ווייל ווען נישט, וואָלט די וועלט נישט געקענט עקזיסטירען.

— נישט אמת! — האָט דער פאַרשוין געדונערט. — איר דאַרפט אַן ערליכען מענשען זוכען מיט ליכט און דאַן וועט איר אים ערשט נישט געפינען, ווייל זיי זיינען נישטאָ.

— און וואָס איז מיט דעם טעקסימאַן, וואָס האָט אומגעקערט צען טויזענט דאָלאר, וואָס ער האָט געפונען אין זיין „קעב", און אַ צווייטער האָט אומגעקערט אַ „קעסטעלע צירונג", וואָס מען האָט איבערגעלאָזט ביי אים אין מאשין. נו, זיינען שוין יאָ דאָ ערליכע מענשען אויף דער וועלט?

— זיי זיינען נאַרישע אידיאָטען, וואָס א ביסעל פּובליסיטי שטייט ביי זיי העכער פון געלט — האָט יענער זיך געהיצט.

— מאָלט זיך, אַז איר האלט זיך פאַר אַן ערליכען מענשען און זייט טאַקע ערליך אויך — האָב איך דעם פאַרשוין נישט אָפּגעלאָזט. — מסתמא זענען דאָך פאַראַן נאָך אַזוינע ווי איר.

— איך האָב זיי נאָך נישט געטראָפען — האָט ער סאַרקאַסטיש געענטפערט. — אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, איז קיין צווייפעל נישט, אַז איך בין ערליך.

דאָ האָט זיך דער פאַרשוין געגעבען א שטעל־אויף און אַן א „גוד־באַי" פאַרשוואונדען.

אַז איך בין צוגעקומען צום קעשיר באַצאָלען מיין טשעק, האָב איך

אויסגעפונען, אַז אנשטאָט צוואַנציג סענט פאַר צוויי טעפּעלעך קאַפע, האָב איך געדאַרפט באַצאָלען אַ דאָלאַר מיט פערציג סענט, ווייל דער „ערליכער" מאַן האָט אויסגעביטען זיין טשעק אויף מיינעם...

פאַרביטענע פאָרלעך

מר. ריוועקין און מר. סאלאמאן וואוינען ביידע אין איין הויז, אַ טיר לעבען אַ טיר, אַרבעטען אין איין שאַפּ, פאָרען צו דער אַרבעט מיט דער זעלבער סאָבוועי, לעזען די זעלבע צייטונגען, געהערען צו איין יוניאָן, און באַלאַנגען צו איין לאַנדסמאַנשאַפט.

ריוועקין איז אַ העלדישער מאַן, איבער זעקס פוס הויך. אַ שמייכעל רוט אימער אויף זיין רונדען, גלאַטען פנים. איז אימער אויפגעלייגט, צוגעלאַזען. פריינטליך צו יעדען איינעם; האָט ליב צו זאָגען אַ וויץ, אַ גלייך־ווערטעל א. ז. וו.

פאַרמאָגט ער אָבער אַ ווייבעל, עטעל, איז זי קליין, דאַר, מיט אַ ברוגז'ן פאַרכמורעטען פנים; איז שטענדיג נערוועאיש און אויפגערעגט, האלט אין איין שרייען און געוואַלדעווען. זי מאַכט איר מאַן צו אש און צו בלאָטע פאַר יעדער קלייניגקייט. דער העלדישער מאַן אירער ציטערט ממש פאַר איר.

די שכנים אין הויז האָבען איר איגנאָרירט און ניט געוואָלט האָבען צו טאָן מיט איר פאַר איר אימער אָנגעברוגז'טען, זויערען פנים.

דאַגעגען איז זיין שכן מר. סאָלאָמאָן, אַ קליינער, אַן אויסגעדאַרט מענ־שעלע, הויט און ביינער, איז אימער אָנגעשטויסען אויף דער גאַנצער וועלט; רעדט זעלטען אַ וואָרט, גייט אימער אַרום מיט אַ זויערען פנים — איז אָבער דערפאַר זיין ווייבעל דזשעני דער היפוך פון אים; הויך, שיין, מיט אַ פריי־ליכען ליכטיגען פנים און אויגען וואָס לאַסטשען און גלעטען און שרייען „איך בין צופרידען!"

ריוועקין קומט פון דער אַרבעט אַ פריילעכער, אַ לוסטיגער. ער באַ־גריסט זיין ווייבעל עטעל מיט אַ פריילעכען „העלאָו", — ברענגט איר אָפט אַ מתנה, איז ביים טיש אויפגעלייגט; איז נישט מקפיד מיטן עסען.

ער טוט אַלץ וואָס ער קאָן צו מאַכען זיין פאַרכמורעט, אָנגעצויגען ווייבעל צו פילען גוט.

דאַגעגען זיין שכן, סאלאָמאָן, קומט פון דער אַרבעט א בייזער, מיט אַ פינסטערען פּנים; קיין זאַך געפעלט אים נישט. דאָ איז דער טיש ניט געגרייט נאָך זיין געשמאַק, דאָ שמעקט אים נישט דאָס עסען. ער בייזערט זיך, שרייט און איז נישט צופרידען...

און די פריילּיכע, לוסטיגע דזשעני, שטייט א צעשראָקענע און ווייס ניט ווי אַזוי זי זאָל צופרידענשטעלען איר בייזען און אומצופרידענעם מאַן.

מענשען וואָס קענען די צוויי אויסטערלישע פּאַרלעך וואונדערען זיך וואָס דער מזווג זווגים האָט געמאַכט אַזאַ טעות, און אפשר איז שוין גאָר־נישט קיין טעות, ווער קען דען זאָגען?

הלואי וואָלט עס אמת געווען

(הומאָרעסקע)

סעם איז געגאַנגען אהיים אַ פריילּיכער, אַ צופרידענער, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די מענשען ארום אים און די גאַנצע וועלט פרייען זיך מיט אים היינט. ער האָט געהאַט אַן אורזאַך, פאַר וואָס זיך צו פרייען; עס איז אים געגאַנגען זעהר גוט מיט די פערד־רעיסעס. יעדער פערד, אויף וועלכען ער האָט איינגעשטעלט געלט, האָט געוואונען, אַפילו די „לאָנג שאָטס”, וואָס ער פלעגט פון זיי נישט האַלטען, און פלעגט אלע מאָל אויף זיי פאַרלירען, האָבען היינט אלע געוואונען.

איצט פאָרט ער אהיים ווי אַ העלד, און ער פילט זיך געהויבען, וואָס אים האָט היינט צוגעשפּילט דאָס מזל, און ער האָט געוואונען אַ גרויסע סומע געלט.

זיין פּנים צעשמייכעלט זיך, ווען ער דערמאָנט זיך אין זיין פרייַנט בערל, וואָס האָלט אים אין איין אַריינזאָגען, אין איין קיבעצען, אַז ער איז א לא יצלח, א שלים־מזל, און אַז ער ווייסט נישט אויף וועלכע פערד איינ־צושטעלען. איצט וועט ער אים ווייזען, אַז ער איז אַזאַ „קנאַקער” ווי ער,

בערל, וועלכער האָלט זיך אין איין באַרימען אַז ער געווינט שטיקער געלט אויף די רייסעס.

אַי וועט ער אים נעמען די לעבער! אַלע אין שאַפּ וועלען אים, סעם׳ען, מקנא זיין. אַ קלייניגקייט? ער האָט געוואונען פופצען הונדערט דאָלאַר! זיי וועלען אים קרוינען פאַר אַ העלד. און בערל וועט שטיין אַ פאַרלוירענער, און ער וועט נישט וואגען צו עפענען זיין מויל. יאָ, איצט וועט בערל שוין האָבען פאַר אים דרך ארץ און ער וועט נישט ריידען וועגען אים, סעם׳ען, מיט ביטול.

סעם טראכט איצט וועגען זיין ראָזע, און אינסטינקטיוו הויבט ער אָן צו דריקען דאָס געוואונענע געלט, וואָס ליגט אין זיין קעשענע, ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט באשיצען, אַז מען זאָל דאָס ביי אים נישט אַוועקנעמען. ער וואָלט שוין אַזוי געוואָלט זען זיין ראָזע און זיך פרייען מיט איר! ער ליבט זי אַזוי שטאַרק! זי איז אַזאַ גוטע נשמה! זי איז אים אַזוי געטריי און איבערגעגעבען!

סעם מאכט זיך איצט פאָרווירפע, פאַרוואָס ער האָט זי אַזוי לאַנג גענאַרט און געהאלטען אין איין זאָגען איר ליגענס און אָנגעבען פאַרשידענע תירוצים פאַרוואָס ער איז אַזוי געענגט אין געלט. און זי פלעגט אים תמיד גלויבען און אים גאָרנישט חושד געווען, אַז ער שפּילט אויף די פערדלעך.

אָבער היינט וועט ער זיין ראָזע׳ן איבערראַשען. ער וועט איר קויפען אַ שיינע מתנה. ער וועט איר דערציילען, אַז ער איז מיט אַ פריינט, אויס גייגעריגקייט, געגאַנגען צו די רעיסעס און עס האָט זיך אים פאַרוואָלט פּרוּ־בירען זיין מזל. און ער האָט טאַקע געוואונען אַ גרויסע סומע געלט.

— אַ מאָדנע וועלט! — פילאָזאָפירט דער צופרידענער סעם, — איז איינער צופרידען, מוז אַ צווייטער זיין אומצופרידען; איז איינער גליקליך, מוז אַ צווייטער זיין אומגליקליך.

סעם האָט גוט באַטראכט די פּנים׳ער פון זיינע שכנים, וועלכע זענען געזעסען מיט אים ביי די רעיסעס און זיי האָבען פאַרלוירען. זיי האָבען געהאט איינגעשטעלט אויף פאַרשידענע פערד, וועלכע האָבען פאַרלוירען דאָס וועט־געיעג. די דאָזיגע מענשען זענען אַוועק אומצופרידענע, מיט אראָפּ־געלאָזטע קעפּ...

סעם איז אַריין אין אַ געשעפט פון פרויען-זאַכען, און ער האָט דאָרט איינגעהאנדעלט א שיינע מתנה פאַר זיין ראָזע. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט מיט שנעלע טריט גיין אהיים.

— העלאָ, סעם !! — האָט ער פלוצים דערהערט א באַקאַנטע שטימע.

ווען סעם האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערזען זיין פריינט בערל. אָבער איידער בערל האָט געקענט אַרויסריידען אַ וואָרט, האָט סעם אין איין אָטעם אים דערציילט, אַז ער איז געגאַנגען צו די רעיסעס, און אַז עס האָט אים אָפּגעגליקט און אַז ער האָט געוואונען א סאַך געלט. כדי צו ווייזען בערל׳ען, אַז ער זאָגט דעם אמת, האָט סעם האסטיג אַרויסגעכאַפּט א פּאַק באַנקנאָטען פון זיין קעשענע און גענומען מיט התמדה ציילען...

— סעם, שטיי אויף! עס איז שוין שפּעט! — האָט דעם פלוצים דערהערט ראָזע׳ס שטימע — דו האָסט גערעדט פון שלאָף, דו האָסט מסתמא געהאט א גוטען חלום...

— א טייערער, זיסער חלום, האָט בערל געמורמעלט, הלואי וואָלט דאָס אמת געוועזן...

זי פאַרגעסט נעבעך...

(הומאָרעסקע)

אז איך לייד אַ גאַנץ יאָר פון דעם וואָס מיין פלונית׳טע פארמאָגט א שוואכען זכרון, דאָס איז שוין קיין נייעס ניט. אָבער פון גאָר א שוואכערען זכרון ווען עס קומט יום-טוב.

הערט אַ געשיכטע: פאַר פורים טו איך א זאָג צו מיין אידענע, אַז איך גיי מאכען רעזערוואציעס אין א האָטעל אין לעיקוואוד פאַר פסח.

— וואָס? — קוקט מיך אָן מיין אידענע מיט א רחמנות-פּנים — עפּעס האָב איך ניט קיין חשק צו פאָרען אין א האָטעל פאַר פסח. דו ווייסט דאָך די פסח׳דיגע עסענס, און זיצען מיט פרעמדע מענשען ביי איין טיש און די גאַנצע אטמאָספערע אין אַ האָטעל און . . .

— אָבער מיר האָבען דאָך פאַראַיאָרען אָפּגעמאכט אַוועקצופאָרען אויף פסח — שלאָג איך איר איבער, — ווייל דו ביזט געוואָרען קראַנק פון צופיל

אנגעשטרענגטער אַרבעט, און דער דאָקטאָר — — — — — — — —

— עס וועט מיר גאָרניט שאַטען! —גייט שוין מיין אידענע אַרויס מיט לשון — ווי קאָן מען איבערלאָזען די קינדער מיט די אייניקלעך און אוועקפאָרען? ווי אַזוי וועל איך קאָנען הנאה האָבען פון דעם יום־טוב, ווען די קינדער מיט די אייניקלעך וועלען ניט זיין מיט מיר צוזאַמען ביי די סדרים?

— אָבער דו ביזט אַ שוואכע, קראַנקע פרוי, און דו געדענקסט דאָך וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר פאָראַיאָרען אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך ניט אָנשטרענגען צופיל, ווייל — — — — —

נישקשה! — לאָזט זי מיר ניט פאַרענדיגען — דאָס ביסעל נחת וואָס איך וועל האָבען ביי די סדרים, ווען אברהמ׳על און דוד׳ל וועלען ביי דיר פרעגען די פיר קשיות, וועט מיר געבען כחות דאָס אַלץ אריבערצוטראָגען.

און עס העלפט ניט מיינע רייד, מיינע טענות, אַרגומענטען און מיין אַפּעלירען צו איר, אַז זי איז אַ שוואכע פרוי און דאַרף זיך אָפּהיטען. זי וויל פון קיין זאַך ניט וויסען. זי טענה׳ט, אַז איינמאָל א יאָר איז פסח, און זי קאָן די קינדער מיט די אייניקלעך ניט איבערלאָזען אויף הפקר.

און מיין אידענע פאַרקאַטשעט די אַרבעל און נעמט זיך צו דער אַרבעט. זי ראַמט, רייניגט און פוצט דאָס הויז פאַר דעם ליבען יום־טוב פסח און פאַר די טייערע געסט. זי קויפט די בעסטע טשיקענס, די טייערסטע פיש. זי לויפט, פליט און האַלט אין איין איינקויפען אין איין צוגרייטען פאַר די ליבע געסט, און פאַרגעסט אין אירע אַלע קראַנקהייטען...

— ווי פילסטו? — טו איך זי אַ פרעג, ווען איך טרעף זי פאַרטיפט אין דער אַרבעט צוגרייטענדיג פאַר׳ן יום־טוב פסח.

— ניט צו פאַרזינדעגען — ענטפערט זי מיר מיט א שמייכעל. און איך פיל אַז זי זאָגט מיר ניט דעם אמת.

די פאַר טעג פאַר פסח שפאַנט זי מיך אויך איין אין דער אַרבעט און איך מוז איר אַרויסהעלפען. דאָ האָט זי פאַרגעסען אויפצוהענגען א פאַר־האַנגל אין אַ צימער; דאָ פעלט איר אויס ניס פאַר די אייניקלעך, און דאָ האָט זי פאַרגעסען אָנצוגרייטען כריין פאַר די סדרים. און איך מוז אויסשטיין אירע אַלע קאַפּריזען און משוגעת׳ן — און שווייגען.

און ווען עס קומט צום ערשטען סדר, פילט זיך מיין אידענע ווי א

פרייז־פייטער נאָך א פייט. זי קאָן קוים שטיין אויף די פיס. זי קאָן ניט רירען מיט קיין אבר, אָבער זי שטרענגט זיך אָן, אַז מען זאָל אויף איר ניט דער־קענען... און אַט פרעגט אברהמ׳על די פיר קשיות און זיין קול׳כעלע הילכט אַפּ אין גאנצען הויז. איר פּנים שטראלט פון פרייד און גליק. זי קוקט אויף די קינדער, וואָס זיצען אויסגעזעצט ארום טיש, און פאַרגעסט אין אַלע אירע ווייטיקען. זי איז צופרידען און גליקליך. זי פילט ניט די מידקייט. זי פוצט זיך אויס אין אירע שענסטע קליידער, און זי קלייבט נחת פון די קינדער און אייניקלעך.

אָבער קוים קוים, מיט אָנשטרענגונג דערציט זי ביז נאָכ׳ן צווייטען סדר, און דערנאָך פאַלט זי אַוועק ווי אַ גע׳הרג׳עטע און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט...

און ווען דער דאָקטאָר קומט און זאָגט איר, אַז זי האָט זיך צופיל אָנגעשטרענגט און איר געזונט דערלויבט דאָס איר ניט צו טאָן — זאָגט זי מיר צו: אַז איבעראַיאָר וועלען מיר שוין פאַרען אין אַ האָטעל אויף פסח.

און אַזוי חזר׳ט זיך דאָס איבער יאָר־איין־יאָר־אויס, ווייל זי האָט א שוואכען זכרון...

א חתונה מתנה

(הומאָרעסקע)

מיר האָבען מיט א פּאָר מאָנאַטען צוריק דערהאַלטען אַן איינלאַדונג פון אונזער רייכען פעטער פון פילאַדעלפיע צו דער חתונה פון זיין טאָכטער.

איך האָב גלייך אָפּגעהאלטען א „קאָנפערענץ" מיט מיין פלונית׳טע וועגען דעם ענין.

מיין אידענע האָט זיך אַפילו ארויסגעזאָגט, אַז מיר דארפען ניט גיין צו דער חתונה, ווייל דער רייכער פעטער האָט זיך מיט אונז קיינמאָל ניט אינטערעסירט און ניט געלאָזט פון זיך הערן. האָב איך אָבער מיט איר איינ־גע׳טענה׳ט און איר געגעבען צו פאַרשטיין, אַז אַזוינע רייכע פעטערס וואַל־גערען זיך ניט אויפ׳ן מיסט. דערצו האָבען מיר אַ זון, וואָס דאַרף באַלד ווערען א בר־מצוה, און א טאָכטער, וואָס שטייט אין שידוכים. דאַרפען מיר מיט אַזאַ רייכען פעטער זיך ניט איינרייסען...

דער סוף איז געווען, אַז זי האָט איינגעשטימט מיט מיר צו גיין צו דער חתונה. אָבער ווען עס איז געקומען צו א חתונה־מתנה, האָט מיין אידענע ווידער ניט איינגעשטימט מיט מיר. זי האָט געזאָגט, אַז פופציג דאָלאַר איז אַ גאַנץ שיינע מתנה פאַר אַ פעטער, וואָס וואוינט אין פילאַדעלפיע. און איך האָב גע׳טענה׳ט, אַז ביי היינטיגען יקרות, איז ניט שיין צו געבען אַזאַ רייכן פעטער פופציג דאָלאַר, נאָר מען דאַרף אים געבען א גאנצען הונדערטער..

דער סוף איז געווען, אז איך האָב אויסגעפירט: ס׳איז געבליבען, אַז מיר זאָלען געבען א מתנה אַ גאנצן הונדערטער.

מיין פרוי האָט, ווי דער שטייגער איז, איינגעהאנדעלט פאַר זיך א שיינע דרעס און איך — א נייעם אַנצוג. מיר פאָרען דאָך עפּעס צו אַ רייכען פעטער אויף דער חתונה!

נאָכדעם ווי מיין אידענע איז אָפּגעלעגען אַ האלבען טאָג אין „ביוטי פּאַרלאָר״, האָבען מיר זיך אָוועקגעלאָזט צו דער חתונה פון דעם רייכען אָנקעל אין פילאַדעלפיע.

געקומען מיט מזל קיין פילאַדעלפיע, האָבען מיר גענומען א טעקסי און זיך געהייסען פירען צו דעם זאַל, וואו די חתונה דאַרף פאָרקומען.

דער טעקסי דרייווער האָט אונז ארונטערגעלאָזט אויף דעם אָנגעגע־בענעם אַדרעס. מיר האָבען גענומען זוכען דעם זאַל, און נישט געקענט געפינען. ענדליך האָט אונז אַ יונגערמאַן דערקלערט, אַז מיר זענען אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ, נאָר די חתונה קומט פאָר ביי אַ רעוורענד, אויף דעם ערשטען פלאָר.

— דאָ אין דעם הייזעל גייט זיין דעם רייכען פעטערס טאָכטער׳ס חתונה? — האָט מיין אידענע אַ פרעג געטאָן — עס האָט זיך טאָקע געלוינט צו שלעפּען אַהער אַזש פון ניו יאָרק!...

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום רעוורענד אין וואוינונג, האָבען מיר דאָרטען געטראָפען א פאָר צענדליג מענטשן — משפחה און פריינט — וואָס האָבען געוואַרט אויף דער צערעמאָניע.

דער פעטער מיט דער מומען האָבען זיך מיט אונז ארומגעכאַפּט. זיי האָבען אונז פאָרגעשטעלט פאַר חתן־כלה און אונז מכבד געווען צו זיין די אונטערפירער...

— מאָריס — האָט מיין אידענע א זאָג געטאָן צו מיר — מאַך גלייך אויס אַ קלענערען טשעק! אזא אָרעמאנסקע חתונה פארדינט ניט אזאַ גרויסע מתנה!...

איך האָב גלייך צעריסען דעם הונדערט־דאָלארדיגען טשעק און אויס־געמאַכט א נייעם, פאַר פופציג דאָלאַר.

א הונגעריגער, האָב איך אַלץ געהאַפּט, אַז מען וועט באלד דעקען טישן און מען וועט דערלאַנגען פון אלדאָס גוטס, ווי עס פּאַסט פאַר אזא רייכע חתונה.

אָבער ווען עס איז אַריבער די צערעמאָניע און מען האָט דערלאנגט צום טיש א פאַר געמאַנירטע הערינג מיט אַ פלעשל בראָנפן, האָב איך גלייך צעריסען דעם פופציג־דאָלאַרדיגען טשעק און אויסגעמאכט א נייעם טשעק פאַר פינף און צוואנציג דאָלאר, געוואונשען חתן־כלה א סך מזל און גליק און זיך שנעל אַוועקגעלאָזען זוכען אַ רעסטאָראַן, וואו צו שטילען אונזער הונגער.

אַ רייזע קיין פלאָרידע

(הומאָרעסקע)

מיין פריינט מר. שפּיצעלמאַן האָט מיך אָפּגערופן אויפ'ן טעלעפאָן און מיך געפרעגט, צי איך וויל פאָרען קיין פלאָרידע.

— פון אלע מיינע פריינט און משפחה — האָט ער מיר דערקלערט — האָב איך אייך אויסגעקליבען, ווייל איך ליב אייער געזעלשאַפט.

— וואָס עפּעס פלוצלינג קיין פלאָרידע ? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל איך האָב דערהאַלטען א בריוועל פון מיין שוועסטער אין פלאָרידע ,אַז זי גייט חתונה מאכען א טאָכטער. נו, וועל איך זיין צו דער חתונה און אויך דאָרט פאַרברענגען אביסעל.

— איז אייער קאַר אין אַ גוטען צושטאנד ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן מר. שפּיצעלמאַנ'ען.

— וואָס פאַר א פראגע ! — האָט ער מיט זיכערקייט געענטפערט —

איר וועט זיך דערקונדיגען ווען איר וועט פאָרען אין איר.

מיין פרוי איז געווען אין זיבעטן הימעל פון גליק, ווען איך האָב איר דערציילט, אַז מיר פאָרען קיין פלאָרידע.

און אָט זיצען מיר אַלע אין קאַר. מר. שפּיצעלמאַן זיצט ביים רעדל און פילט זיך זעהר געהויבען. ער באַרימט זיך, אַז זיין קאַר האָט שוין עטליכע מאָל „עולה־רגל" געווען קיין פלאָרידע און צוריק, און ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאט פון איר קיין עגמת־נפש; זי פליט ווי אַ פייגעלע...

— זאָרגט ניט! — פאַרזיכערט ער אונז! — אין קאַרגע דריי טעג וועלען מיר דערגרייכען פלאָרידע.

אָבער שפּעט נאָכמיטאָג, נאָכדעם ווי מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן אַ פּאָר הונדערט מייל — די קאַר שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ.

מר. שפּיצעלמאַן איז אַרויס פון קאַר, און נאָך אַן אונטערזוכונג, דערקלערט, אַז די אורזאַך איז — די טעמפּעראַטור. די קאַר דאַרף זיך צוגע־וואוינען צו דער טעמפּעראַטור...

— ניט געזאָרגט! — פאַרזיכערט ער אונז — מיר וועלען באלד פאָרען.

און מען איז טאַקע געפאָרען, אָבער ניט באַלד, נאָר אין דריי שעה אַרום...

אויף מאָרגען נאָך „ברעקפעסט", ווען מר. שפּיצעלמאַן האָט זיך גע־זעצט ביים רעדל, האָט ער אונז פאַרזיכערט, אַז איצט וועלען מיר שוין האָבען נחת פון דער קאַר, ווייל זי האָט זיך ענדליך צוגעוואוינט צו דער טעמפּעראַטור. מיר זענען געווען צופרידען פון זיין אָפּטעמיזם.

אָבער אָפּפאָרענדיג אַ פּאָר שעה — די קאַר בלייבט ווידער שטיין... מר. שפּיצעלמאַן שוויצט. ער זוכט און קאָן נישט געפינען די אורזאַך פאַרוואָס די קאַר גייט נישט. אַ גליק איז געווען, וואָס דערנעבען איז געווען אַ געזאָלין־סטיישאָן. און נאָכדעם ווי מען האָט אַריינגעשטעלט אַ נייעם „קאַרבורייטער", פאָרען מיר ווייטער.

מר. שפּיצעלמאַן פאָרט אַ צופרידער.

— איצט — זאָגט ער — דאַרף מען אָפּמאַכען די צייט וואָס מען האָט פאַרלוירען. שוין באלד צוויי טעג ווי מען פאָרט, און מען האָט ערשט געמאַכט אַ דריטל וועג. אָבער נישט געזאָרגט, מען וועט באלד זיין אין פלאָרידע...

ער שטרענגט זיך אָן צו טרייבען שנעל, ער וויל דערגרייכען אַ געוויסען פּלאַץ, איידער עס ווערט נאכט. אָבער וואָס איז דאָס; די קאַר וואַרפט זיך, קלאַפּט און בראַזגעט. מר. שפּיצעלמאַן שטעלט זיך אָפּ און געפינט אויס, אַז מיר האָבען אַ „פלעט-טאַיער". נו האָב איך מיט שפּיצעלמאַנ'ען זיך אָפּ־געמאַטערט אַ פּאָר שעה, ביז וואַנען מיר האָבען געביטען דעם „טאַיער".

מידע, אויסגעשעפּטע, פאַלען מיר אַוועק שלאָפען אין אַ דערבייאיגען רו־פּלאַץ. אויף מאָרגען אינדערפרי, ווען מיר נעמען זיך פאָרען ווייטער — ערשט די קאַר וויל ניט גיין... מר. שפּיצעלמאַן פּאָרקעט זיך, זוכט אין אינ־דזשען, אָבער אַ גאַנצען טאָג!... אהער־אַהין, ביז וואַנען מען האָט גע־רופען אַ מעכאניק פון אַ דערבייאיגען געזאָלין־סטיישאָן און ער האָט געביטען די בעטערי. מיר איז גרינגער געוואָרען מיט פינף און דרייסיג דאָלאַר.

מר. שפּיצעלמאַן פאָרט און באַרימט זיך, אַז היינט מוז ער אָפּמאַכען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געבליבען הינטערשטעליג. מען האָט ערשט געמאַכט כמעט אַ העלפט וועג. אָבער איצט, האָפט ער, וועט דאָס גיין ווי געשמירט...

אין איין אָטעם דערציילט ער אונז די נסים פון פלאָרידע, וואָס פאַר אַ גאָט-געבענשט אָרט דאָס איז; וואו מענטשען פילען זיך דאָרט ווי ניי־געבוירען, מען ווערט דאָרט קיינמאָל ניט אַלט, מען ווייס דאָרט ניט פון דאגות און פון קראַנקהייטען.. הכלל, דאָרט איז חי געלעבט!...

מיטאמאָל, די קאַר הויבט אָן צו גיין לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער... פון ראַדיאַטאָר זעצט אַ פּאַרע, ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו.. באַלד שטעלט זי זיך איינגאַנצען אָפּ...

מר. שפּיצעלמאַן זיצט ביים רעדל אַ פאַרלוירענער, אַ צעטומעלטער, און שעמט זיך אונז צו קוקען אין די אויגען אַריין... ענדליך, נאָך אַ שעה שטיין, דערשלעפּען מיר זיך קוים צו אַ געזאָלין־סטיישאָן.

— די קאַר מוז האָבען אַ נייעם ראַדיאַיטאָר און אַ נייעם מאָטאָר — האָט דער מאכעניק פון געזאָלין־סטיישאָן דערקלערט, נאָכדעם ווי ער האָט אונטערזוכט די קאַר — דערצו דאַרפט איר האָבען נייע „טייערס", ווייל מיט די וועט איר האָבען „פלעטס" און וועט קיינמאָל ניט אָנקומען אין פלאָרידע — לאָזט ער אונז וויסען.

בקיצור, נאָכדעם ווי מיר האָבען אָפּגעוואַרט אין אנגסטען א גאַנצען טאָג מיט א נאַכט, וואַרטענדיג, אַז מען זאָל פאַריכטען די קאַר, און נאָכ־דעם ווי איך האָב באַצאָלט צוויי הונדערט מיט פינף און צוואַנציג דאָלאַר (מר. שפּיצעלמאַן האָט מיך געמאַכט פאַר׳ן קעשיר...) האָבען מיר, נאָך פיל אָנשטרענגונגען און מאַטערנישען, קוים מיט צרות, און האַרצווייטאָג דער־גרייכט פלאָרידע.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ... מיין ווייב איז קראַנק געוואָרען פון דער לאַנגער, אָנגעשטרענגטער רייזע, און איך האָב געמוזט שיקען א טעלעגראַם צו מיין זון אין ניו יאָרק, אַז ער זאָל מיר אַרויסשיקען געלט פאַר דאָקטוירים און מעדיצין און פאַר אַן עראָפּלאַן, צו קומען אהיים צוריק...

דאָס זייגערל

(הומאָרעסקע)

— איר הערט? — האָט זיך צו מיר אָנגערופען מיין שכן, מר. גליק־מאַן, — צוריקקריגען אַ פאַרלוירענע זאַך, דאַרף מען האָבען א סך מזל. אָט לעזען מיר אין די צייטונגען, אַז איינער האָט איבערגעלאָזט אין א טעקסי צען טויזענט דאָלאַר, און דער טעקסימאַן האָט אומגעקערט דאָס געלט צוריק צום אייגענטימער. א צווייטער האָט איבערגעלאָזען אין אַ „קעב" א פּעקעל צירונג, און האָט דאָס אויך געקראָגען צוריק.

— איך האָב אָבער נישט געהאַט אַזאַ מזל, הגם מען האָט דאָס מיר אויך אומגעקערט צוריק, אָבער — און וואו אַן „אָבער" איז נישט גלאַטיג.

איז לאָמיר אייך דערציילען ווי אַזוי דאָס איז געשען.

ווען איך האָב זיך געכאַפּט, אַז איך האָב פאַרלוירען מיין האַנט־זייגערל, האָב איך געהאַט א סאַך פאַרדרוס און האַרצווייטאָג, אָבער איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל זיין פון די מזל׳דיגע און וועל דאָס קריגען צוריק. עמיצער מוז דאָס געפינען, און דער עמיצער — האָב איך געהאָפט — וועט האָבען אין זיך אַ סך יושר און מענשליכקייט און דאָס מיר אומקערען.

דער זייגערל איז געווען א מתנה פון מיינע קינדער, וואָס זיי האָבען מיר געגעבען פאַר „פאָטער׳ס טאָג". דאָרט איז געווען אויסגעקריצט מיין

נאָמען און דער דאטום, און איר קענט זיך פאָרשטעלען ווי ליב און טייער דאָס איז ביי מיר געווען.

— האָב איך אריינגעשטעלט אַן אדווערטאיזמענט אין צייטונג און צוגעזאָגט א באַלוינונג צו דעם, וואָס וועט מיר אומקערען דאָס זייגערעל.

מיט אומגעדולד האָב איך געווארט, אַז דער טעלעפאָן זאָל קלינגען און איך זאָל הערען נייעס וועגען מיין זייגערעל. און איך האָב זיך דערוואַרט! אין אַן אָוונט, ווען איך בין געזעסען אַליין אין הויז — ערשט דער טעלעפאָן קלינגט. ווען איך האָב אויפגעהויבען דעם „רעסיווער", האָב איך דערהערט א זייערדיגע שטימע, וואָס האָט מיך געפרעגט ווי איך הייס.

ווען איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען, האָט ער געענטפערט:

— איך האָב געפונען אייער זייגערעל — האָט די שטימע גערעדט — און כ'וועל דאָס אייך אומקערען צוריק.

איידער איך האָב געקענט אויסרעדען א וואָרט, האָט די שטימע פון דער אנדער זייט א זאָג געטאָן „גוד־באַי" און אויפגעהאַנגען דעם „רעסיווער".

אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך אַליין געמאכט פאָרווירפע, פארוואָס איך האָב נישט געפרעגט ביי דעם חברה'מאַן זיין נאָמען, אַדרעס און טעלעפאָן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

ווען איך האָב דערציילט מיין אידענע וועגען דעם טעלעפאָן, און אַז איך האָב נישט גענומען ביי דעם מאַן זיין אַדרעס און טעלעפאָן, האָב איך פון איר אריינגעכאפּט א פּאָרציע, אַז איך וועל דאָס לאַנג געדענקען.

— דו ביסט א לא־יוצלח, א שלימ'מזל, אַ פערד אויף צווי פיס. נישט קיין וואונדער, וואָס דו האָסט פאַרלוירען דאָס זייגערעל.

דאָס איז געווען אין א זונטאָג אינדערפרי, איך בין געזעסען אין הויז און געלייענט א צייטונג, ערשט מען קלאַפּט אין טיר.

— אַריין! — האָב איך אויסגערופען — און ס'האָט זיך באַוויזען א קורצער, באבערדעלט מענשעלע און איז געבליבען שטיין ביי דער טיר.

— איז אייער נאָמען מר. גליקמאַן? — האָט ער געפרעגט.

— ריכטיג! — האָב איך געענטפערט — און געווארט מיט א פאַר־כאפּטען אָטעם.

— איך האָב געפונען אייער זייגערל! — האָט ער, ווי מיט גוואלד, אַרויסגעזאָגט — און דאָס האָט מיך געבראַכט אַהער.

— פאַר שמחה, האָב איך געפילט, ווי צו כאַפּן דאָס קליינע מענשעלע, מיט דעם בערדעלע, און אים אויסקושן אַלע גלידער. עפּעס אַ קליינינקייט! איך האָב צוריק מיין זייגערל! און אינסטינקטיוו האָט מיין האַנט אַרויסגענומען אַ צען דאָלאַר־ביל און עס אים דערלאַנגט.

ניין! ניין! — האָט ער זאָג געטאָן — איך קען דאָס נישט נעמען. איך האָב דאָס נישט פאַרדינט... און ער האָט מיך דערלאַנגט אַ קאָנווערט.

ווען איך האָב געעפנעט דעם קאָנווערט, האָב איך געפונען אַ פּאָון־טיקעט.

— וואָס איז דאָס ?! — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט — איך האָב נישט פאַרלוירען קיין „פּאָון־טיקעט״.

— איר פאַרשטייט? — האָט ער אַ פאַרשעמטער אַנגעהויבען מיר צו דערקלערען — ווען איך בין געקומען אַהיים און דערציילט מיין אידענע, אַז איך האָב געפונען דאָס זייגערל, האָט זי אויסגעשריגען מיט פרייד, אַז איצט זיינען מיר געהאָלפען געוואָרען, אַז איצט וועל איך האָבען פאַר׳ן דאָקטאָר און מעדיצין.

— וואָס מיינסטו מיט דעם — האָב איך זי געפרעגט — מען דאַרף דאָס זייגערל אומקערען צוריק:

— מאך זיך נישט נאריש! — האָט מיין אידענע געענטפערט — ערשטענס, ווייסטו נישט וועמען דאָס זייגערל אומצוקערען, און צווייטענס, האָט גאָט פון הימעל אונז דאָס צוגעשיקט. און זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס זייגערל און אַוועק צום „פּעטער״ און עס פאַרזעצט. און איצט, אַז איך האָב געלייענט אייער אַדווערטייזמענט אין צייטונג וועגען דעם זייגערל, האָב איך באַשלאָסען אייך אומצוקערען כאָטש דעם פּאָון־טיקעט.

— אָבער — האָט מר. גלקימאַן פאַרענדיגט, קוקענדיג אויף זיין זייגער — אַ צען דאָלאַר־ביל אַלס אַ באַלוינונג און אַ דאַנק, האָב איך דעם באַ־בערדעלטען אידן סיי־ווי געגעבען.

נ אָ ר ל א ַכ ע ן ·

אַז ס׳פּעלט מזל

(הומאָרעסקע)

— איר הערט? — רופט זיך אָפּ צו מיר מיין שכן, מר. לאָפּאַטקין, ווען מיר זיינען געזעסען ביים הויז אין די גרויסע היצען און געשוויצט — אַז צו קאָנען קריגען א גמילת־חסד׳ל דאַרף מען טאלאנט און מזל.

— איך אַליין — האָט ער ווישענדיג דעם שוויס דערציילט — בין ניט קיין גרויסער אָנהענגער פון מאַכען הלוואות. ערשטענס, דאַרף מען פאַר־מאָגען א סך מוט און קוראזש צו בעטען יענעם, אַז ער זאָל דיר אויס־באָרגען א פּאָר דאָלער. צווייטענס, און דאָס איז דאָס ערגסטע — האָב איך מורא, אַז מען זאָל מיר נישט אָפּזאָגען.

— אָבער היינטיגען זומער — האָט מיין שכן פאַרגעזעצט — איז ביי מיר די ביזנעס געגאַנגען נישט פויגעלדיג. דערצו איז מיין אידענע גע־וואָרען קראַנק. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מעשה מיט דאָקטוירים און מע־דיצין, און איך האָב זיך גענויטיגט אין א הלוואה.

— איך האָב אין געדאַנק אויסגערעכענט אַלע מיינע פריינט, פאַר וועמען איך קאָן זיך פאַרטרויען און בעטען אויסבאָרגען א פּאָר דאָלער, פון די אַלע פריינט האָב איך, נאָך לאַנגען ישוב הדעת, אויסגעקליבען דעלינסקי׳ן.

— מיין פריינט דעלינסקי, דאַרפט איר וויסען, קען איך שוין א פּאָר צענדליג יאָר. ער איז זעהר אַ האַרציגער, צוגעלאָזענער מענש... עס איז געווען א צייט ווען ער איז געווען אויף גרויסע צרות. איך פלעג אים אַלע מאָל אַרויסהעלפען אין א נויט. ניט איין מאָל פלעגט ער ביי מיר אויסבאָרגען א פּאָר דאָלער אויף שבת, און איך פלעג אים קיינמאָל ניט ענטזאגען, אפילו ווען איך בין אַליין געווען פאַרענגט.

— איצט, אַז דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט, און ער האָט זיך אַרויפּ־געאַרבעט, האָב איך אים אויסגעקליבען, ווי דער צו וועמען איך זאָל קומען פאַר א גמילת־חסד׳ל. נאָך אלעמען, האָב איך ביי זיך געטראַכט, וועט ער זיין מער ווי צופרידען וואָס ער קען מיר איצט אָפּדינען מיט עפּעס.

— נו, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און האָב אָפּגערופען מיין

פריינט, און אים דערציילט, אַז איך וויל אים זען וועגען אַ וויכטיגער אַנגעלע־גענהייט.

— אָבער, אַז ער איז געקומען, האָב איך אַנשטאָט צו ריידען וועגען אַ גמילת-חסד׳ל גאָר גערעדט פון אַנדערע זאַכען און ניט געהאט דעם מוט צו דערמאָנען וועגען דעם צוועק פון מיין רופען אים.

אַזוי האָט זיך דער ספּעקטאַקעל איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל, און יעדעס מאָל, וואָס ער איז געקומען, איז די צונג ביי מיר געבליבען ליגען אין קימפּעט און איך האָב ניט געקענט אויסריידען קיין וואָרט...

— אַז איך האָב דערציילט מיין אידענע, אַז איך האָב ניט דעם מוט צו בעטען ביי מיין פריינט דעלינסקין צו באָרגען מיר א פּאָר דאָלער, האָט זי מיר דערלאַנגט א גאַב, אַז איך וועל דאָס לאַנג געדענקען.

— דו ביזט א לעקיש! — א שלים־מזל! א לא־יצלח — — האָט זי זיך צעגעוואָלדעוועט. — ווי אַזוי איז דאָס אַ מאַן אַזוי שעמעוודיג. ער פלעגט זיך ניט שעמען באָרגען געלט ביי דיר, ווען ער האָט זיך גענויטיגט. און דו פלעגסט דאָך אים אויסבאָרגען דעם לעצטען דאָלער. דו האָסט אים קיינמאָל ניט ענטזאַגט. איצט, אַז דו נויטיגסט זיך אין א גמילת־חסדל שעמסטו זיך ביי אים צו בעטען?

— האָב איך נאָך מיין פרוי׳ס לעקציע איינגעזען, אַז זי האָט רעכט. איך האָב באַשלאָסען, אַז עס מעג זיין וואָס ניט איז, איך מוז בעטען ביי מיין פריינט א הלוואה.

— און די געלעגענהייט איז מיר געקומען אין האַנט אריין: איין טאָג לאָזט זיך פלוצלינג אַריין מיין פריינט דעלינסקי מיט אַ ברייטען „העלאָ״.

— האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און טאַקע גלייך, אָן הקדמות, אָנגעהויבען תכלית.

— איר ווייסט? — האָב איך גערעדט ניט דרייסט צו מיין פריינט — אַז איך האָב מיט אייך עפּעס צו ריידען . ..

— איר וועט מיר ענטשולדיגען — האָט מיר דעלינסקי איבערגע־שלאָגען — איידער מיר גייען וועגען עפּעס ריידען, וויל איך אייך בעטען, אַז איר זאָלט מיר טאָן אַ געפעליגקייט. אַזוי ווי איך האָב געהאט זעהר

א שלעכטען סעזאָן, ווייל איך אַז איר זאָלט מיר אויסבאָרגען א גמילת־חסד׳ל פון א פּאָר הונדערט דאָלער.

— איך בין געבליבען זיצען ווי א געפּלעפּטער און האָב מער ניט געקענט אויסריידען קיין וואָרט.

—נו, ווי געפעלט אייך מיין מזל ווען עס קומט צו א גמילת־חסד ? — האָט מיין שכן, מר. לאַפּאַטין, פאַרענדיגט און האָט צוריק גענומען ווישן דעם שווייס פון זיך.

זי נעמט נקמה

(הומאָרעסקע)

סעם האָט געהאַט אויסצושטיין געבראָטענע צרות פון זיין ווייבעל פאַר זיין שוואכקייט צו שפּילען אַ קערטל. עס האָט אים געצויגען צו די קאָר־טען ווי אַ מאַגנעט. ער האָט שוין געהאַט זיינע חברים און זיינע פּלעצער, וואו מען האָט געקענט שפּילען ווען מען האָט נאָר געוואָלט. עס פלעגט פיל מאָל טרעפען, אַז ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין די קאָרטען, אַז ער פלעגט קומען אַהיים גלייך מיט דעם מילכמאַן...

און אַז זיין סיידי פלעגט אים פרעגן (אויב זי פלעגט זיין וואך), וואו ער פאַרברענגט אַזוי שפּעט ביינאכט, פלעגט ער שוין האָבען זיינע תירוצים; דאָ האָט ער געדאַרפט זיין ביי אַן עקזעקוטיוו מיטינג פון זיין יוניאָן, און דער מיטינג האָט זיך פאַרצויגען; דאָ האָט ער געהאַט א קאָמיטע-מיטינג פון זיין סאָסייעטי, וואָס אַראַנזשירט א באַנקעט, און דאָ האָט ער געדאַרפט באַזוכען אַ קראַנקען ברודער פון זיין סאָסייעטי, און מען האָט זיך אַביסעל פאַררעדט...

שפּעטער האָבען שוין סעם׳ען די תירוצים ניט געהאָלפען, ווייל זיין סיידי האָט אויסגעפונען, אַז די אורזאַך פאַרוואָס ער קומט אַזוי שפּעט אהיים זענען — קאָרטען.

און ווען זיין סיידי פלעגט אים דערלאַנגען אַ גאַב, הלמאי ער פאַר־נאכלעסיגט זי מיט די קינדער און איז אַזוי אַריינגעטאָן אין דער קאָרטען-

קליפה — פלעגט ער איר פילאָזאָפיש ענטפערן:

— פאַרשטייסט, מיין טייערע, קאָרטען איז אַ רפואה צו אַ סך זאכען, ווי דאגות און נערוועז קראַנקהייטען; שפּילענדיג, פאַרגעסט מען אין אַלע צרות, מען חבר'ט זיך מיט „קווינס", „קעניגען", און מען ווערט גאָר אַן אנדער מענטש...

און דער „אַנדערער מענטש" פאַרגעסט, אַז ער האָט א היים, א ווייב און קינדער! — פלעגט אים סיידי שטעכן מיט אירע רייד.

— גענוג! גענוג! — פלעגט סעם נישט קאָנען פאַרטראָגען אירע שטעכווערטלעך — מען איז דאָך ניט מער ווי אַ לעבעדיגער מענטש.

— אָבער א מענטש דאַרף האנדלען ווי א מענטש, איבערהויפּט ווען ער איז פאַרהייראטער מאַן, און נישט אָפּזיצען גאנצע נעכט ביי די קאָרטען און קומען אַהיים גלייך מיט'ן טאָג — פלעגט אים סיידי ניט אָפּלאָזען.

סעם האָט דאַן אָנגעהויבען צו טראַכטען פון א מיטל, ווי אַזוי אריינ־צוציען זיין סיידי'ן אין דעם קאָרטען־שפּיל, און ער איז געפאַלען אויף אַ געניאלען פּלאַן: ער האָט אָנגעהויבען איינצולאַדען זיינע לאנדסלייט און פריינט צו קומען שפּילען ביי אים אין הויז.

פון אָנפאנג האָט זיך סיידי גע'ברוגז'ט, זי האָט ניט געוואָלט ליידען וואָס ער ברענגט זיינע פריינט אין הויז, זי האָט ניט געקענט פארטראָגען דעם טומעל. סעם האָט געהאַט פון איר אויסצושטיין קאַלטס און וואַרעמס.

אָבער שפּעטער האָט זי איינגעזען, אַז עס איז בעסער אַז איר סעם זאָל שפּילען אין הויז איידער אַוועקגיין אויף גאַנצע נעכט.

— דו פאַרשטייסט — האָט ער זיין סיידי'ן גוטמוטיג דערקלערט — מיר וועלען פון היינט אָן פאַרברענגען אַלע צוזאמען, און דו וועסט ניט דאַרפען זיצען אַליין אין הויז.

ביסלעכווייז איז סיידי אויך אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם קאָרטען־שפּיל. זי האָט אָנגעהויבען אונטערצושפּילען. סעם איז געווען צופרידען וואָס זיין סיידי אמוזירט זיך ביים קאָרטען־שפּיל. סיידי איז געווען איבערגליקליך וואָס סעם ווערט נישט פאַרפאַלען אויף גאַנצע נעכט.

באַלד טאקע איז סיידי געוואָרען א מעמבערקע פון דער ליידיס־אָקזילערי פון זייער לאַנדסמאנשאַפט סאָסייעטי און אויך פון „פאמיליע־

סוירקעל". זי איז געוואָרען אקטיוו אויף מיטינגען און אַראנזשירען קאָרטען-פּארטיס. מען האָט זי שוין זעלטען געקענט טרעפען אין דעם היים...

און איצט, אַז סעם קומט אַן אויסגעמאטערטער פון א טאָג ארבעט, געפינט ער, אנשטאָט סאַפּער, א צעטעלע, אַז ער זאָל זי קומען אָפּנעמען אהיים, ווייל זי האָט א „קאָרד-פּארטי"...

און סעם טראכט איצט, זיצענדיג אַליין, אַז זיין סיידי נעמט פון אים נקמה פאַרוואָס ער האָט אמאָל קעגען איר געזינדיגט און זי געלאָזען זיצן גאנצע נעכט אליין...

מאַן און ווייב

(הומאָרעסקע)

מר. מילגרוים האָט שוין לאַנג געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו מאַכען אַן ענד צו די קריגערייען צווישען אים און זיין אידענע.

און געקריגט האָבען זיי זיך נישט ווי זיי וואָלטען געוועזן בלויז א פּאָר יאָר פאַרהייראַט, נאָר ווי זיי וואָלטען געווען מאַן און ווייב מי יודע ווי לאַנג. סיבות פאַר קריגערייען האָבען זיך תמיד אָפּגעזוכט ווי פון אונטער דער ערד. מרס. מילגרוים האָט געהאַלטען אַז זי שטייט העכער פון איר מאַן, אַז זי פאַרשטייט מער פון אים, און אַז ער דאַרף זיך לאָזען פון איר פירען.

מר. מילגרוים, ווידער, האָט געהאלטען פונקט פאַרקערט. דאָס פלעגט ארויסרופען די קריגערייען צווישען זיי.

— ווילט אפשר גיין אין טאַנץ-קלוב ? — פלעגט מרס. מילגרוים זיך ווענדען צו איר מאַן אין א שבת אָוונט — היינט אָוונט דאַרף דאָרט דורכגעפירט ווערען אַ רייכער פּראָגראַם.

— איך בין נישט קיין בעלן אויף טאַנצען — פלעגט מר. מילגרוים ענטפערען בייז — דאָס איז פאַר פוסטע קעפּ.

— מען קען זיין אַן אינטעליגענטער מענש און דאָך הנאה האָבען פון א טענצעל — פלעגט מרס. מילגרוים נישט בלייבען שולדיג קיין ענטפער איר מאַן — אָבער דו ווילסט דיין ווייב נישט נאָכגעבען.

דאָס האָט געפירט צו ארגומענטען. און די ענדע איז געווען, אַז מען פלעגט זיך צעקריגען.

נאָך אַזאַ קריגעריי פלעגען זיי שוין בלייבען אין הויז און ניט אַרויס־ריידען קיין וואָרט איינער צום אַנדערען.ביידע פלעגען זיין פאַר'עקשנ'ט און נישט וועלען נאָכגעבען. אויב זיי האָבען שוין יאָ גערעדט, איז דאָס געווען אויף שטום־לשון. דאָס האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג ביז, דורך א צופאַל, איז ווידער געוואָרען שלום צווישען זיי.

— אפשר ווילסטו גיין צו א קאָנצערט? — פלעגט זיך מר. מילגרוים ווענדען צו זיין פרוי, ווען ביי זיי האָט געהערשט שלום בית — עס וועט אויפטרעטען דאָרט א בארימטער זינגער.

— דו, מיט דיינע קאָנצערטען — פלעגט מרס. מילגרוים סאַרקאַס־טיש ענטפערען — איך גלייך נישט קיין קאָנצערטען.

— אָבער דאָ האַנדעלט זיך וועגען אַן אויסערגעוויינליכען קאָנצערט.

— גענוג מיט דיינע קאָנצערטען! — פלעגט מרס. מילגרוים אויס־רופען מיט כעס — לאָז מיך צורו!

אַזוי פלעגט זיך אָנפאַנגען א נייע מחלוקה צווישען מאַן און ווייב. מען פלעגט זיך אַמפּערען, אויפמישען אמאָליגע קריוודעס און עוולות.. די ענדע איז געווען, אַז מען פלעגט זיך ווייטער צעקריגען. און דער נייער קריג האָט ווידער אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איינער פון זיי האָט זיך אונטערגעגעבען.

און אַזוי האָט אָנגעהאַלטען ביי די מילגרוימס א קאַלטע און א הייסע מלחמה, און עס איז קיינמאָל נישט געקומען צו קיין דויערהאַפטען שלום, ביז וואַנען מר. מילגרוים האָט זיך פאַרטרויט פאַר זיינעם א גוטען פריינט.

— דו מוזט עפּעס טאָן וועגען דעם! — האָט דער פריינט געזאָגט — דו מוזט זיך פאַרדינען דעם פרידען! דו מוזט נוצען א ביסעלע סמעקאַלקע.

— אָבער וואָס און ווי אַזוי? — האָט מר. מילגרוים געוואָלט וויסען.

— פּרויען זענען — האָט אים דער פריינט דערקלערט — סענסיטיוו. זיי ווילען, אַז מען זאָל זיך מיט זיי אינטערעסירען און זיי האָבען אין זינען, מען דאַרף געדענקען זייערע געבורטסטעג, חתונה־טעג, מוטער'ס־טעג, און סתם זיי ברענגען מתנות.

איצט לאָזט מר. מילגרוים נישט אַרויס פון זינען די אַלע דאַטעס. און ער ברענגט זיין ווייב פּרעזענטען.

ביי די מילגרוימס אין הויז הערשט איצט פרידען.

זיך געכאַפּט אין צייט

(הומאָרעסקע)

מר. פליגעלמאַן האָט באַשלאָסען האַיאָר צו פאַרברענגען זיין וואַקאַציע אָן זיין ווייבעל ראָזע.

— צוויי וואָכען א יאָר האָב איך אַ רעכט צו געניסען אַביסעלע פריי־הייט — האָט ער באַרעכטיגט זיין האַנדלונג, און פאַרפאַקענדיג זיין טשעמאָ־דאַנטשיק זיך אַוועקגעלאָזט אין די בערג.

פאָרענדיג אויפ׳ן „באַס״ האָט ער געהאַלטען אין איין פאַנטאַזירען, ווי ער פאַרפאָרט אין א מאָדערנעם שהענעם האָטעל און געפינט זיך אין דער געזעלשאַפט פון שיינע, אינטערעסאַנטע פרויען, ער איז פריי צו טאָן וואָס ער וויל, קיינער שטייט אים ניט אין וועג... ער האָט זיך געפילט ווי אַ פייגעלע, ווען זי ווערט באַפרייט פון א שטייג.

עס האָט אים זעהר אימפּאָנירט, וואָס ער וועט שפּילען די ראָלע פון אַ סינגעלמאַן. ער האָט געפילט, אַז ער איז צוגעפּאַסט פאַר דער ראָלע און וועט זי שפּילען זעהר גוט...

דער „באַס״ האָט זיך ענדליך אָפּגעשטעלט לעבען אַן אָפּרו פּלאַץ, און דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן צום בופעט, אַביסעל אָפּצוכאַפּען דאָס האַרץ.

— העלאָ, מר. פליגעלמאַן, — האָט ער פּלוצלינג דערהערט הינטער זיך א באַקאַנטע שטימע, און ווען ער האָט זיך אומגעדרייט, האָט ער דערזען פאַר זיך זיין פריינט גוטקין.

זיי האָבען זיך הארציג באַגריסט און זיך אַוועקגעזעצט ביי א טישעל.

— וואו איז דייך ראָזע? — האָט מר. גוטקין געפרעגט זיין פריינט.

—איך האָב האַיאָר באַשלאָסען צו פאָרען אַליין אויף וואַקאַציע, —

האָט פליגעלמאַן מיט א שמייכעלע געענטפערט: — דו ווייסט, דאָך, עס ווילט זיך אַביסעל זיין פריי... מען איז דאָך ניט מער ווי א מענטש... נו, האָב איך איינגערעדט מיין ראָזע׳ן, אַז מיר זאָלען האַיאָר ניט פאָרען צוזאַמען. איצט, אַז איך האָב דיך געטראָפען, וועלען מיר פאָרען אין איין פלאַץ און קאָנען א לעב טאָן...

— אָבער איך פאָר שוין פון וואקאַציע — האָט מר. גוטקין געענטפערט.

ווי לאַנג האָט איר זיך געלאָזט וואויל גיין אַליין — האָט פליגעלמאַן געפרעגט.

— ניט זעהר לאַנג — האָט מר. גוטקין געענטפערט — אינגאַנצען דריי טעג.

— וואָס איז די אורזאַך, וואָס דו האָסט געמוזט פאַרקירצען דיין וואַקאַציע ? — האָט פליגעלמאַן ניט אויפגעהערט אויסצופרעגען זיין פריינט.

— דו פאַרשטייסט, — איז מר. גוטקין געוואָרען אַביסעלע ערענסט, — איך האָב אויך געוואָלט זיין אַזא חכם ווי דו ; איך בין אויך געפאָרען אַליין אויף מיין וואַקאַציע און זיך פאַרגעשטעלט אין האָטעל פאַר א „סינגעלמאַן”, אָבער — — —

— וואָס, אָבער, — האָט שוין פליגעלמאַן זיך ניט געקאָנט דערוואַרטען ביז וואנען ער וועט פאַרענדיגען.

— אָבער הוה׳ס טעכטער, — איז מר. גוטקין אָנגעגאַנגען מיט זיינע רייד, — איז שווער צו נאַרען. זיי האָבען זעהר א גוטען חוש.. זיי האָבען גלייך דערקענט, אַז איך נאַר זיי ; אַז איך בין פאַרהייראַט און איך בין מער ניט אויסען ווי פלירטעווען מיט זיי. זיי האָבען מיך אָנגעהויבען אויסצומיידען. און ניט נאָר די וויבער, נאָר אַפילו די מענער האָבען זיך אָנגעהויבען דער־וויטערען פון מיר. עס איז מיר געוואָרען ענג דער פלאַץ. און דאָ האָט זיך מיט אמאָל אראָפּגעלאָזט א שכנה פון אונזער גאַס — און פרעגט שוין גאָרניט ! איך האָב געמוזט כאַפּען העגט און פיס און מאכען א ויברח...

אַז מר. פליגעלמאַן האָט אויסגעהערט זיין פריינד׳ס געשיכטע און די ביטערע דערפאַרונג וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער גלייך אָפּגערופען זיין ראָזע, און איר געהייסען קומען פאַרברענגען מיט אים צוזאמען זיין וואַ־קאַציע.

נ אָ ר ל א כ ע ן

זיין וואַקאַציע

(הומאָרעסקע)

ווען איך האָב לעצטען זונטאָג אינדערפרי אריינגעשפּאַצירט אין דעם דערבייאיגען פּאַרקעל, האָב איך געטראָפען מיין גוטען פריינט, מר. גודמאַנ׳-ען לעזענדיג אַ ציישונג.

— וואָס עפּעס אַליין? — האָב איך אים געפרעגט — און וואו איז די פלונית׳טע?

— זי איז אין די בערג! — האָט ער געענטפערט — און איך פאַר־ברענג דאָ אין פּאַרק.

— פאַרוואָס נישט צוזאמען? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן — און מיך האָט באַלד פאַרדראָסען פאַרוואָס איך האָב אים געפרעגט די דאָזיגע פראַגע.

— איר האָט געטראָפען אין פּינטעל! — האָט ער שמייכלענדיג גע־ענטפערט — אָבער זעצט זיך צו אַ ביסעל, וועל איך אייך אַלץ דערציילען. איר הערט? — האָט ער אָנגעהויבען, פאַרויכענדיג אַ פּאַפּיראָסעל, — אַלע יאָרען האָבען מיר זיך געפירט, אַז ווען עס פלעגט אָנקומען דער זומער מיט די היצען, פלעגען מיר זיך איינפּאַקען און אַוועקפאָרען אין א האָטעל אין די בערג, און פאַרברענגען דאָרט אונזער וואקאציע.

— דער האָטעל — האָט ער ווייטער גערעדט — איז נישט געווען פון די לוקסוסדיגע, אָבער ער איז געווען גאַנץ אָנשטענדיג, וואו מען האָט זיך באַמיט אייך צופרידענצושטעלען, און איז געווען צוגעגליך פאַר אונזער קעשענע.

— געקומען היי־יאָר דער זומער מיט די היצען און מיין אידענע רירט זיך נישט פון אָרט. זי פּאַקט זיך נישט און רעדט נישט פון פאָרען, ווי עס וואָלטען נישט עקזיסטירט קיין מאָונטענס און קיין האָטעלען. עס גייען אַוועק טעג און זי, מיין אידענע, רעדט נישט קיין וואָרט. ענדליך גיב איך איר אַ פרעג, פאַרוואָס זי מאכט זיך נישט גרייט צום פאָרען.

— איך וויל נישט פאָרען אין דעם שמוציגען האָטעלכל מיט די פליגען און מיט די אָפּגעלעבטע „סאָשעל־סעקיוריטיקעס”, וואָס האַלטען אין איין קרעכצען און אָיקען און שלינגען פּילען. גענוג געפאָרען אַהין! אויב

פאָרען, ווייל איך ווי א מענש, אין אַפּ־טו־דעיט האָטעל, מיט אלע באקוועמ־ליכקייטען.

— אָבער וואָס איז פלוצלונג געשען ? — האָב איך געפּרוּאווט איינ־טענה'ן מיט איר — מיר פאָרען דאָך שוין אַהין אזוי פיל יאָרען, און דאָ מיטאמאָל ? — —

— האָב איך געהאט אַ קעצישען קאָפּ ! — האָט זי מיך ניט געלאָזט ענדיגען. — איך בין קיינמאָל נישט געווען באגייסטערט פאַר'ן פלאַץ — אָבער איך פלעג פאַרגעסען און פאָרען ווייטער.

— ווּעסטו פאַרגעסען נאָך אמאָל !! —האָב איך פּרובירט א שפּאס טאָן מיט איר — נאָך אַלעמען זיינען מיר נישט די איינציגע, וואָס פאָרען אַהין !

— זאָלען זיי פאָרען ! עס איז פאַראַן אַ סאך נאַראָנים אויף דער וועלט. מיר זיינען אויך געפאָרען פאַר אַ לאַנגע צייט און איצט בין איך געקומען צום שכל. דו אַליין, אויב דו געדענקסט, ביסטו לעצטען יאָר אויך נישט בעווען צופרידען. דער פלאַץ איז אָפּגעלאָזען, דאָס עסען האָט קיין טעם נישט ; די באַדינונג איז שלעכט, די צימערען זיינען פינסטער חושך און מען קען דאָרט אויסגיין פון איינזאמקייט.

— זיינען פאַראַן אַנדערע האָטעלען — האָב איך געפּרוּאווט דורכ־קומען מיט מיין אידענע.

— אָבער נישט קיין ביליגע ! — האָט זי אונטערגעכאפּט — איך וויל צייגען מיין פאַמיליע, אַז איך קען אויך פאָרען אין אַן „אַפּ־טו־דעיט" האָטעל.

אָבער אַזא האָטעל ווי דו ווילסט, איז פאַרבונדען מיט א סך געלט — האָב איך איר געפרופט געבען צו פאַרשטיין — און איך קען דאָס נישט „אפּפאָרדען".

— איז איידער פאָרען אין דעם מושב־זקנים — וועל איך בעסער דעם זומער זיצען אין דער היים — האָט מיין אידענע מיט כעס געענטפערט.

— ווייס איך אָבער שוין פון דערפאַרונג, אַז ווען מיין אידענע בלייבט איבער זומער אין דער היים, שמעקט דאָס מיט מלחמה און אַז איך וועל פון איר האָבען קאַלט און וואַרעם.

— דו ווייסט ? — האָב איך זיך פאַרזיכטיג אָפּגערופען צו מיין אידענע — אַזוי ווי אין אַ גרויסען האָטעל פאַר ביידען, איז נישט פאַר מיין

קעשענע, — וועסטו אַליין פאַרען און איך וועל בלייבען אין שטאָט!

— אין אַזוינע שרעקליכע היצען בלייבען אין שטאָט!? — האָט זי געקוקט אויף מיר מיט רחמנות — ווי אַזוי וועט מיר איינגיין מיין וואקאציע?

— נישקשה, עס מאכט נישט אויס, איך וועל זיין גליקליך, אַז דו וועסט זיין צופרידען.

— אָבער אַ שטיקעל נקמה האָב איך דאָך אין מיין אידענע — האָט מיין פריינט מר. גודמאן פאַרענדיגט — זי האָט מיר געלאָזט וויסן אַז זי איז עפּעס נישט צופרידען אין דעם גרויסען האָטעל, וואָס איר שוועסטער האָט פאַר איר גענומען, ווייל זי גייט אַרום אַ צעדולטע פון דעם גרויסען רעש און גערודער, און זי קען נישט צומאַכען אַ גאַנצע נאכט מיט קיין אויג...

אַ „בייבי סיטער"

א שיינער, לויטערער, וואַרימער טאָג. דאָס סאָשעל סעקיוריטי פּאַר־קעל איז היינט גוט באזוכט. אַלע בענק זיינען פאַרנומען. דער עולם איז גוט אויפגעלייגט און מען רעדט פון פאַרשידענע זאכען: וועגען קינדער, אייניק־לעך, און יעדער איינער האָט צו דערציילען ווי קלוג, שיין און געראָטען זיינע אייניקלעך זיינען. אַלע בענשען זיך מיט זיי.

איינער, אַן עלטערער מאן מיט אַן אויסגעדאַרטען פנים און אויס־געלאָשענע אויגען, קאָכט זיך און דערציילט ווי זיין שנור האָט ביי אים מיט גוטע ריידעלעך ארויסגעקראָגען די פּאָר דאָלאַר, וואָס ער האָט אָפּגע־שפּאָרט זיין גאַנצען לעבען פאַר די עלטערע יאָרען, און איצט וויל זי אים אויפ'ן שוועל נישט אַרויפלאָזען...

א צווייטער איד מישט זיך אַריין אין דעם געשפּרעך און דערציילט ווי זיין טאָכטער נוצט אים אויס אַלס „בייבי־סיטער". א פּאָר מאָל א מאָנאָט רופט זי אים אָפּ און בעט אים, אַז ער זאָל קומען אַכטונג געבען אויף די קינדער, נו, ווי קען מען אָנטזאָגען אַ קינד א טובה? זיפצט ער, נעבעך, ביז האלבער נאכט און מאטערט זיך אויס און אויף מאָרגען גייט ער רום ווי אַ צעדולטער.

— און איך — שרייט אויס איינער פון די צוהערער — איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין בייבי־סיטער און וועל דאָס נישט זיין.

— פאַרוואָס? — פרעגט אים איינער פון די צוהערער.

— ווייל איך האָב נישט קיין קינדער און נישט קיין אייניקלעך — איך בין אַן אלטער בחור.

דער עולם צעלאַכט זיך האַרציג פון דעם אלטען בחור׳ס חכמה.

— איר הערט? — האָט זיך אָפּגערופען א איד, וואָס איז געזעסען די גאַנצע צייט פאַרטיפט אין א צייטונג — איך וויל אייך דערציילען פון אַ דערפאַרונג, וואָס איך האָב געהאַט אַלס „בעיבי סיטער" ביי מיין טאָכטער און וואָס האָט פאַרזיגעלט מיין קאַריערע אַלס בייבי־סיטער אויף שטענדיג:

— איין שבת אָוונט — האָט דער איד אָנגעהויבען — האָט מיין טאָכטער מיך אָפּגערופען און מיך געבעטען, אַז איך זאָל קומען אכטונג געבען אויף די קינדער, ווייל זיי האָבען טיקעטס צו א בראָדוועי שאָו.

איך האָב זיך אַפילו געקווענקעלט. ערשטענס — האָב איך דער־קלערט — טויג איך זיך נישט אויס צו דעם און צווייטענס — דאַרף איך מאָרגען אויפשטיין גאַנץ פרי צו גיין אין שוהל אַריין. אָבער, אַז מיין טאָכטער האָט מיך אָנגעהויבען בעטען און דערציילט, אַז זי קען קיינעם נישט קריגען, האָב איך איינגעשטימט צו זיין א בייבי־סיטער.

— אַז איך בין געקומען צו מיין טאָכטער, איז זי און איר מאַן שוין געווען אָנגעטאָן און פאַרטיג צום גיין. זי האָט מיר געגעבען אַלע אינסטרוק־ציעס וואָס מען דאַרף טאָן. זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל נישט האָבען קיין אומאַנגענעמליכקייטען פון די קינדער. צען אַזייגער גייען זיי שלאָפען. איך וועל מיר קאָנען זיצען און לייענען א צייטונג. נאָר אָט בין איך געבליבען אַליין מיט דער חברה. פון אָנפאַנג האָבען זיי זיך פאַרהאַלטען שטיל און רואיג. זיי האָבען מיך אַפילו געהייסען איך זאָל גיין כאַפּען א דרימעל און זיי וועלען זיך אַליין שפּילען...

אַז עס איז געקומען צען אַזייגער, די צייט ווען די טאָכטער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען גיין שלאָפען, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען בעטען ביי מיר, אַז זיי ווילען נאָך נישט שלאָפען; אַז איך זאָל זיי לאָזען זיך נאָך א ביסעלע שפּילען...

נו, ווי קען מען זיין אַן אכזר און זיי צווינגען צו גיין שלאָפען, אין דער צייט ווען זיי האָבען אַזאַ געהויבענעם גאַסט ווי דער „גרענדפּא״? האָב איך זיי נאָכגעגעבען און איך האָב זיך אַזוי ארייגעטאָן אין דער צייטונג, ביז וואנען איך האָב איינגעדרימעלט.

ווי לאַנג איך בין געשלאָפען, ווייס איך נישט — עס ווייזט אויס אַ היפּשע ווײַלע, ווײַל דורך דער צייט האָבען די חברה אָפּגעטאָן א סאך זאכען. ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגען! איך האָב מיינע צוויי אייניקלעך נישט דערקענט!

זיי זיינען געווען אויסגעשמירט מיט די „פּעינט״ פון קאָפּ ביז די פּיס. איך האָב נישט געוואוסט ווער איז ווער. זיי זיינען געשטאנען איבער א קען „פּעינט״, מיט בערשטלעך אין די הענט און געשמירט אויף וואָס די וועלט שטייט. מען האָט פאַרשמירט דעם נייעם קאַרפּעט, פאַרשמירט די פאָר־האנגען, די פאַרניטשור און אָנגעמאכט א חורבן אין הויז.

איך בין געשטאנען ווי אַ פאַרלוירענער און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן; מיין קאָפּ האָט נישט געאַרבעט. נאָר דאָס קלינגען פון טעלעפאָן האָט מיך אויסגעטשוכעט.

— העלאָ, פּאַ! — הער איך מיין טאָכטער׳ס שטימע — מיר קומען באלד אהיים. די קינדער שלאָפען שוין, האַ? איך האָב געזאָגט, אַז דו וועסט נישט האָבען קיין אומאנגענעמליכקייטען פון זיי; אַז זיי וועלען באלד גיין שלאָפען!

איך האלט די טרובקע און קען קיין וואָרט נישט זאָגען. מיין מויל איז ווי פאַראַליזירט.

אנטשולדיג מיר, פּאַ, וואָס איך שטער דיר. גיי לייג זיך צוריק. מיר וועלען באַלד זיין אין דער היים.

אַז איך הענג אויף דעם „רעסיווער״ בלייב איך שטיין ווי אַ צעדול־טער, קוק איך אויף מיינע צוויי אויסגעשמירטע אייניקלעך, וואָס שטייען ווי שולדיגע און ווייסען נישט וואָס פריער צו טאָן.

אַזוי ווי איך שטיי אַ פאַרצווייפעלטער, לאָזט זיך אַריין מיין טאָכטער און איר מאן און בלייבען שטיין ווי געפּלעפטע פון דעם אויסטערלישען בילד, וואָס זיי דערזעען פאַר זייערע אויגען.

— וואָס איז געשען ? — פרעגט זי ביי מיך — און ווען זיי קומען צו זיך לאָזען זיי זיך צו די קינדער.

איך קען נישט ענטפערען קיין וואָרט — איך בין ווי אין הינער פלעט. זיי קוקען אויף די קינדער און אויף מיר און קענען אויך נישט קומען צו זיך פון איבערראשונג.

— איך דענק, אַז איר אַליין דארפט האָבען א בייבי סיטער, — טוט צו מיר א זאָג מיין איידעם מיט כעס און לאָזט מיך איבער אַליין.

נו, ווי געעפלט אייך מיין דערפאַרונג אַלס בייבי־סיטער — האָט דער איד פאַרענדיגט און זיך גענומען צוריק לייענען זיין צייטונג.

אַ טענצער אויף דער עלטער

(הומאָרעסקע)

— א גוט מאָרגען אייך — האָט מיין פריינט, מר. צימבעלמאַן, מיר באגריסט, ווען ער האָט מיך געטראָפען אין דעם דערבייאיגען פאַרקל — איר זייט מיר ווי פון הימעל אראָפגעפאלען. אָט זעצט זיך נעבן מיר אויף דער באנק. איך האָב אייך זעהר וויכטיגעס צו דערציילען.

— וואָס איז געשען ? — האָב איך געפרעגט.

— הערט א געשיכטע — האָט מר. צימבעלמאַן אָנגעהויבען, פאַררוי־כערענדיג א סיגאַרעטל — איר געדענקט דאָך אודאי וואָס איך האָב אייך אנומעלט דערציילט, וואָס איך האָב זיך אָנגעליטען פון מר. פינגערהוט, דער „הענדי מען" זינט ער איז געוואָרען מיין שכן, ווי מיין פלונית׳טע פלעגט מיך האלטען אין איין קיבעצן ,אַז אונזער שכן טויג זיך אויס צו אַלץ, און איך בין א וויסטער שלם׳מזל, א לא־יוצלח, און קאָן אַ קאַץ אַן עק נישט צובינדען...

אָבער אויף אַלעמען קומט א צייט. אונזער שכן, דער „הענדי מען", האָט זיך געקויפט א הויז אין לאָנג אַיילאנד און האָט זיך אַריבערגעצויגען אַהין.

איך דאַך גוט, האָ? טויג דאָס ערשט נישט.

די נייע שכנים, וואָס האָבען זיך אריינגעצויגען אויף זייער אָרט, האָבען גלייך געשלאָסען באַקאַנטשאַפט מיט אונז. די מרס. טאַנצמאַן, א פריילעך, לוסטיג ווייבל ,איז גלייך געוואָרען אינטים מיט מיין אידענע. זיי האָבען אָנגעהויבען אויסצוגיין צוזאַמען צו „בינגאָ״, קאַרד־פּאַרטיס, מואוויס און אז. וו. זי האָט איר אָנגעהויבען נעמען אין טאַנץ־קלובען און האָט גענומען איינרעדען מיין אידענע אַז זי דאַרף זיך לערנען טאַנצען, ווייל טאַנצען איז געזונט פאַר א פרוי, טאַנצען מאַכט א פרוי אינגער, שענער, און די מענער ליבען פרויען וואָס טאַנצען.

איז מיין פרוי מיטאַמאָל געוואָרען פאַרקאָכט אין טאַנצען און האָט אָנגעהויבען אַרומלויפען מיט דער שכנה אין טאַנץ־האָלס און קומען שפּעט אַהיים אָן אויסגעמאַטערטע.

— דו ווייסט — האָט מיין אידענע צו מיר א זאָג געטאָן — איך וויל אז דו זאָלסט מיט מיר אויך גיין טאַנצען, ווי אונזערע שכנים, די טאַנצמאַנס.

— אָבער איך קען ניט און וויל ניט טאַנצען; טאַנצען איז ניט פאַר מיר — האָב איך גע׳טענה׳ט צו מיין אידענע.

— דו ביסט אַלטמאָדיש, צוריקגעשטאַנען! — האָט מיין אידענע מיר אריינגעזאָגט — היינט טאַנצען אַלע, גרויס און קליין, רייך און אָרעם, יונג און אַלט; אָנקעל סעם שיקט טשעקלעך, אַז מיר, עלטערע מענטשען, זאָלען טאַנצען און זיך פילען יונג...

און מיין פּלונית׳טע האָט מיר געגעבען אַ אולטימאַטום: איך מוז זיך אויסלערנען טאַנצען. זי האָט געטענה׳ט ,אַז איך פאַרשאַף איר פּאַרדרוס און שאַנדע; אַז אַלע אירע חבר׳טעס טאַנצען מיט זייערע מענער, און זי, נעבעך דאַרף זיצען און וואַרטען ביז וואַנען עמיצער וועט זיך דערבאַרימען אויף איר און נעמען זי פאַר א טאַנץ.

און מיין שכן מר. טאַנצמאַן, האָט זיך אויך גענומען צו מיר. ער האָט מיר גענומען איבערצייגען, אַז טאַנצען איז זעהר אַ וויכטיגע זאַך אַז יעדער מענטש דאַרף און מוז טאַנצען; אַז טאַנצען איז א גוטער „עקסערסייז״; אַלע דאָקטוירים רעקאָמענדירען אַז מען זאָל טאַנצען.

— איר פאַרשטייט? — האָט ער מיר, גוט־ברודערשאַפט, דערקלערט

— צוליב אייער פרוי אַליין דאַרפט איר זיך אויסלערנען טאנצען ווייל פרויען פאַרערן מענער וואָס טאנצען; דערצו וועט איר האָבען דאָס פאַרגעניגען צו טאנצען מיט אייער אייגענער פרוי, און ניט דאַרפען צוזען ווי זי טאנצט מיט אַנדערע מענער.

— אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געטאנצט — האָב איך גע׳טענה׳ט צו מיין שכן, און איצט איז שוין צו־שפעט זיך צו לערנען טאנצען.

— איר דאַרפט ניט זאָרגען, עס איז קיינמאָל ניט צו־שפעט — האָט מיין שכן, מר. טאנצמאַן, מיט א שמייכעלע, מיר דערקלערט — איר וועט ביי מיר טאנצען, און נאָך ווי טאנצען!... איך האָב פיל עלטערע פון אייך אויסגעלערענט טאנצען. אָט דאָ האָט איר מיין קארד איר וועט קומען צו מיר אין סטודיאָ און איך וועל אייך געבען לעסאָנס אין טאנצען.

און איצט — האָט מיין פריינט, מר. צימבעלמאן פאַרענדיגט מיט א זיפץ — שוויץ איך ווי אַ ביוועזר, ברעך און דריי מיינע פיס לערן זיך ווי צו מאכן „סטעפס״, האלט אין איין ציילען, ווי אַ קינד איינס-צוויי־דריי וואָן־טו־טרי, און גיי ארום א דערשעפטער, אַ פאַרמאַרטערטער, און אַלץ צוליב מיינע שכנים, די טאַנצמאַנס.

א נייע אַנשיקעניש

(הומאָרעסקע)

דער איד, וואָס איז געזעסען לעבען מיר אין פאַרק, אויף דער באנק, האָט מיך גוט באַטראכט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ מענש איך בין, צי ער זאָל זיך פאַר מיר פאַרטרויען. ענדליך האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך גלויב — האָט ער אָנגעהויבען און זיך צוגערוקט נענטער צו מיר — אַז איך קאָן פאַר אייך אויסריידען מיין האַרץ. און אמאָל קאָנט איר מיר אפשר העלפען מיט אן עצה.

— וואָס איז אייער פּראָבלעם? — האָב איך אים געפרעגט.

— עס איז א מאָדנע און אויסטערלישע פּראָבלעם — האָט ער פאַר־שעמט געענטפערט. — עס האַנדעלט זיך וועגן טעלעוויזשאָן. יאָ, אָט דער גאָט־געבענשטער טעלעוויזשאָן, וואָס פרישט אייך אָפּ און ברענגט פרייד, לוסט און פאַרגעניגען אין אַ סך הייזער, פאַרשאַפט מיר א סך צרות און האַרצווייטאָג.

— איר פאַרשטייט ? — האָט ער איר זיך צעוואַרימט און זיך צוגע־רוקט נאָך נענטער צו מיר — ביי מיין פלונית׳טע איז דער טעלעוויזשאָן אַלץ אין דער וועלט. ביי איר עקזיסטירט נישט קיין מאַן, קיין הויז, קיין שום זאַך. זי איז אַזוי אריינגעטאָן אין טעלעוויזשאָן, אַז זי פאַרנאַכלעסיגט מיך אינגאַנצען און זי פאַרגעסט, אַז זי האָט א מאַן. האָט א שטייגער, טרעפט נישט איין מאָל אז איך קום א פאַרמאַטערטער פון דער אַרבעט און געפין נישט קיין סאַפּער. „וואָס איז געשען ?", פרעג איך זי א הונגעריגער. „דער טעלע־וויזשאָן איז פלוצלינג קאַליע געוואָרען", ענטפערט זי מיר ווי אַן אומשול־דיגע, „און איך בין געווען ביזי זוכען א מעקעניק. האָב איך פאַרגעסען צו מאַכען סאַפּער".

— אָבער איך בין הונגעריג ! — שריי איך אויס — און . . .

— אָט, זעץ זיך צו א ווײַלע און קוק אויף דעם פּראָגראַם — שטילט זי מיר איין. — אָט דאָס פּראָגראַם איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי אָטעם־פאַר־כאַפּענדיג, אַז דו וועסט פאַרגעסען, אַז דו ביזט הונגעריג...

— און אַז גאָט העלפט און זי מאַכט שוין יאָ סאַפּער ,איז זי אַזוי פאַרטאָן אין טעלעוויזשאָן, אַז דער סאַפּער ווערט צוגעברענט, און מען קאָן דאָס נישט עסען...

און אַז איך מאַך איר אמאָל פאַרווירפע, הלמאי זי פאַרנאַכלעסיגט דאָס הויז און זיצט אָפּ גאַנצע טעג און נעכט ביים טעלעוויזשאָן, לייגט זי מיר אָוועק אזא לעקציע :

— דער טעלעוויזשאָן — טענה׳ט זי — איז באַשאַפען געוואָרען פאַר פרויען זיי זאָלען האָבען אַ ביסעל צעשטרייאונג. דער טעלעוויזאָן גיט מיר אַלץ : וויל איך נייעס, איז נייעס ; וויל איך וויסען וועגען וועטער, גיט מען מיר דאָס וועטער. וויל איך מוזיק אָדער א ביסעל פריילעכס, קריג איך דאָס. וויל איך טעאַטער אָדער א מואווי, אָדער זיך באַקענען מיט באַרימטע פער־

זענליכקייטען, דאַרף איך נאָר א דריי טאָן א קנעפּעל, און איך האָב עס. הכלל, דער טעלעוויזשאָן פאַרטרייבט מיר דעם אומעט, די זאָרג, און מאַכט מיין לעבען אינטערעסאַנט.

— אָבער דו כאַפּסט שוין אַריבער די מאָס ! — טענה איך צו איר — און דו פאַרנאַכלעסיגסט זיך אַליין, און...

— א גוטע זאַך עסט זיך נישט צו — שלאָגט זי מיר איבער מיינע רייד — ווען דו וואָלסט זיך פאַראינטערעסירט מיט טעלעוויזאָן, וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט.

— איך ווייס ! איך ווייס ! — גיב איך זיך נישט אונטער — איך ווייס, אַז דו מוזט בלייבען גערעכט.

— דו פאַרשטייסט ! — זאָגט זי שוין גוטמוטיג — אַז צוליב דעם טעלעוויזשאָן קאָן איך אָפּהיטען מיין דיעטע און פאַרלירען וואָג.

— דאָס איז נישט אמת ! — לאָז איך זיך נישט איינריידען — זיצענדיג אויף איין אָרט, מאַכט דיך צו געווינען וואָג.

איך האָב שוין — דערציילט מיר דער איד ווייטער — אפילו פּרובירט צו זיין שטרענג מיט איר. איך האָב איר שוין אַפילו געגעבען עטליכע אולטימאַטומס וועגען דעם טעלעוויזשאָן, נו, בין איך געבליבען ביי מיינע אולטימאַטומס און זי ביי איר טעלעוויזשאָן. און צו גיין ווייטער ווי אַן אולטימאַטום, האָב איך מורא צו ריזיקירען, ווייל דאָס מיינט שוין קריג. און דאַן בין איך א פאַרלאָרענער..

און ס׳העלפט נישט מיין טענה׳ן — רעדט דער איד ווייטער —מיין בייזערען זיך אויף איר. מיין אידענע זיצט אָפּ גאַנצע טעג און נעכט ביים טעלעוויזשאָן. זי מוז זען אַלע פּראָגראַמען, די „לעיט שאָו״, די „לעיט לעיט שאָו״, און אַמאָל פאַרבייסט זי נאָך מיט א מואווי אויך...

איך האָב אויסגעדריקט מיין סימפּאַטי צו דעם אומבאַקאַנטען אידען, אָבער קיין עצה האָב איך אים נישט געקאָנט געבען

אין פלאָרידא הערט מען אַלירליי מעשיות

(הומאָרעסקע)

דער איד איז געזעסען אין דער לאָבי פון א האָטעל אין פלאָרידע און געהאלטען אין איין רויכערען און אין איין קוקען אויף מיר. ענדליך האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין שטול און זיך אַוועקגעזעצט לעבען מיר

— אנטשולדיגט וואָס כ׳שטער איך — האָט ער ניט דרייסט אָנגעהויבען — איך זע, אַז איר לייענט א אידישע צייטונג. קען מען מיט אייך אויסריידען א וואָרט. וויל איך אייך דערציילען אַ שפּאַסיג מעשה׳לע וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט.

— דערציילט! — האָב איך אים דערמוטיגט.

— די מעשה הויבט זיך אָן מיט אַ יאָר צוריק — האָט ער א ביסל פאַרשעמט אָנגעהויבען — איין מאָל, אין אָן אָוונט, נאָך סאַפּער, טוט צו מיר א זאָג מיין אידענע, אַז זי וויל מיט מיר עפּעס ריידען:

— דו ווייסט? — האָט זי אָן הקדמות אָנגעהויבען — אַז מיר זיינען שוין באלד 25 יאָר פאַרהייראַט און...

— איז וואָס? — האָט איך איר איבערגעשלאָגען אין מיטען.

— דאַרפען מיר אָנהויבען — האָט זי ווייטער גערעדט — צו קלערען ווי אַזוי צו פייערען אונזער 25־יאָריגע „וועדינג עניווערסערי!״

— וואָס דיר קען איינפאַלען! — האָב איך זיך פון איר אויסגעלאַכט — דאָס קענען זיך דערלויבען נאָר רייכע און פאַרמעגליכע מענשען.

— מען דאַרף ניט זיין רייך צו דעם — איז מיין פלונית׳שע אָנגעגאַנגען ווייטער — א סך אָרימערע פון אונז האָבען דאָס באַוויזען.

— מסתמא זענען זיי געווען אימשטאַנד דאָס צו טאָן — האָב איך איר געענטפערט.

— אויב אונזערע מחותנים האָבען געקענט פּראַווען אַזאַ גרויסאַרטיגע „וועדינג עניווערסערי״, קענען מיר דאָס אויך טאָן — האָט מיין אידענע ניט אָפּגעלאָזט.

— אָבער דאָס איז פאַרבונדען מיט א שלל פון געלט — האָב איך איר געפּרואווט צו דערקלערען — און מיר קענען דאָס ניט אָפּאָרדען.

— דאָס הער איך פון דיר אלע מאָל — האָט מיין אידענע שוין בייז אַ זאָג געטאָן — מען דאַרף נאָר וועלען, געפינט מען שוין אַ וועג.

— דו פאַרשטייסט ? — האָט זי נאָך א ווײַלע ווידער אָנגעהויבען מיט גוטען — פייערען אַ „וועדינג עניווערסערי״ איז זעהר שיין פאַר די קינדער, איידימס, אייניקלעך און סתם משפחה. מען ווערט ביי אַלעמען חשוב׳ער. עס קריצט זיך איין אין די מוחות, מען געדענקט דאָס דעם גאנצען לעבען.

— איך פאַרשטיי! איך פאַרשטיי! — האָב איך צוגעגעבען — אָבער מען דאַרף דאָך האָבען די מזומנים!

— און וואָס וועט דענקען פון אונז די גאנצע משפחה, און אונזערע מחותנים, אַז מיר וועלען אונזערע 25־יאָריגע „וועדינג עניווערסערי״ ניט פייערען ? — האָט מיין אידענע זיך געקלאָגט.

— וואָס ארט דיך וואָס זיי וועלען זאָגען? — האָב איך געפּרואווט זי צו באַרוהיגען, — מיר דאַרפען יוצא זיין פאַר זיך און ניט פאַר דער משפחה.

— איך ווייס, אַז דיך ארט ניט — האָט מיין אידענע געזאָגט ברוגזליך.

— איך האָב אַ פּלאַן — האָב איך זיך פּלוצלינג אָפּגערופען — יאָ, דאָס וועט אַרבעטען אויסגעצייכענט!

— וואָס איז דיין פּלאַן ? — האָט זי נייגעריג געפרעגט.

— הער זיך צו מיט קאָפּ — האָב איך איר אָנגעהויבען צו דערקלערען מיין פּלאַן — מיר וועלען עפענען צוויי סעיווינגס עקאָונטס, איינעם פאַר מיר און איינעם פאַר דיר. אויף דיין ביכעל וועל איך סעיווען און אויף מיין ביכעל וועסט דו סעיווען. צום סוף יאָר וועלען מיר פאַר דעם אָפּגעשפּאָרטען געלט פראווען אונזער „וועדינג עניווערסערי״.

— גוט ?! — האָט מיין אידענע א צופרידענע געענטפערט.

און מיר האָבען זיך גענומען צום סעיוען. יעדער איינער פון אונז האָט געהאלטען דאָס באַנק ביכעל באהאלטען, אַז קיין בייז אויג זאָל עס ניט שאַטען... מיר פלעגען אוועקטראָגען די אָפּגעשפּאָרטע פאַר טולער אין דער באנק אריין און גלייך באהאלטען דאָס ביכעל.

דערווייל האָט מיין פרוי זיך ניט געקענט איינהאַלטען און צעפּויקט פאַר דער גאנצער משפחה וואָס פאַר א גרויסאַרטיגע „וועדינג עניווערסערי״ זי גייט דאָס פראווען אין גיכען.

און אַז עס איז געקומען צום סוף פונ׳ם יאָר, און מיר האָבען א קוק געטאָן אויף די ביכלעך, האָבען מיר ניט געקענט גלויבען, אונזערע אייגענע אויגען. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף מיין ביכעל האָט מיין פרוי אָפּגעשפּאָרט 12 דאָלאר און אויף איר ביכעל האָב איך געהאט אָפּגעשפּאָרט גאנצע 16דאָלער...

מיין פרוי האָט זיך געשעמט צו פרעגען מיך די אורזאך פאַרוואָס איך האָב אַזוי ווייניג אָפּגעשפּאָרט, און איך האָב זי אַוודאי נישט געפרעגט. אָבער מיר האָבען זיך פאַרשטאנען אויף שטום־לשון. איינער האָט זיך געהאט פאַר־לאָזט אויפ׳ן צווייטען...

— נו? וואָס וועט איצט זיין? — האָט מיין פרוי אַ פאַרשעמטע איבער־געריסען דאָס שטילשווייגען — די צייט דערנענטערט זיך...

— מיר וועלען שוין מוזען וואַרטען אויף אונזער גאָלדענע חתונה — האָב איך איר געענטפערט.

— איצט וויל מיין פלונית׳טע — האָט דער איד פאַרענדיגט — אַז איך זאָל זי שיקען קיין פלאָרידע, ווייל זי שעמט זיך פאַר דער משפּחה צו בלייבען אין ניו-יאָרק. איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך בין אין פלאָרידע? ניט נאָר האָב איך מיין פלונית׳טע געשיקט קיין פלאָרידע, נאָר איך אַליין בין מיט איר אויך מיטגעפאָרען.

זיי נעמען נקמה

(הומאָרעסקע)

ניט איין פּרעזידענט פון דער ביטקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי האָט געהאט אויסצושטיין געברענטע צרות פון דעם ברודער קלינגער, פאַר זיין וואכזאמקייט, אַז די מיטינגען פון דער סאָסייעטי זאָלען געפירט ווערען לויט פּאַרלאַמענטאַרישע רעגולאַציעס.

איר דאַרפט וויסען זיין, אַז ברודער קלינגער איז א מענש, וואָס איז באַהאווענט אין דער קאָנסטיטוציע און אין די „באַי-לאָוס" פון דער סאָסייעטי, ווי אַ איד אין אשרי. ער טראָגט שטענדיג די קאָנסטטוציע פון דער סאָסייעטי

ביי זיך אין קעשענע. ער ווייסט אויף אויסענווייניג יעדען פונקט אין דער קאָנסטיטוציע. ער לייענט זי יעדע נאכט, איידער ער גייט שלאָפען, און ער גיט אכטונג, אַז די סאָסייעטי זאָל נישט פאַרלעצען קיין איינציגען פונקט פון דער דאָזיגער קאָנסטיטוציע.

בדודער קלינגער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרפעלאַט קיין מיטינג פון דער סאָסייעטי. אין שנייען, אין רעגענס, אין דעם ערגסטען וועטער קומט ער צו די מיטינגען. עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפען, אַז ברודער קלינגער זאָל קומען קראנקערהייט צו א מיטינג, ווייל אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געווען זעהר אַ וויכטיגע פראַגע צו פאַרהאנדלען פאַר דעם „וואויל און בעסטען" פון דער סאָסייעטי.

ברודער קלינגער איז אַלע מאָל געווען אַקטיוו אין אַלע קאָמיטעס. פלעגט קומען צו אַן אונטערנעמונג פון דער סאָסייעטי — פלעגט ער אַרבעטען ווי אַ ביוועֶר. פאַר אים האָט דעמאָלט נישט עקזיסטירט קיין צייט. ער פלעגט זיין אין דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע, אין דער זשורנאַל־קאָמיטע (ער איז געווען דער רעדאקטאָר פון זשורנאל). ער פלעגט באזאָרגען דעם האָל, די מוזיק, די אדווערטאיזמענטס פאַר דעם זשורנאל ,און די פילע אַנדערע זאכען.

אין איין זאך איז ברודער קלינגער געווען פאַר׳עקשנ׳ט און זיך נישט געלאָזט איבעררריידען. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען קיין אמט אין דער סאָסייעטי. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז מען קאָן מער אויפטאָן זייענדיג א „פּלעינער מעמבער", ווי שטיין אויפ׳ן בעלעמער מיט דעם העמערעל אין האַנט.

אַזוי גיך ווי דער פרעזידענט האָט געהאט גערפענט דעם מיטינג און ער האָט פאַרגעלייענט די טאָג־אָרדנונג, איז ברודער קלינגער געווען אויף די פיס. ער איז געווען דער ערשטער צו נעמען א וואָרט. ער פלעגט גלייך אָנהויבען צו האָגלען מיט פאַרשלאַגען, „פּאָינטס אָוו אָרדער", אַמענדמענטס, און דאָס גלייכען.

ער פלעגט אַזוי לאַנג רײדען, ביז וואנען דער פרעזידענט פלעגט אים אויפמערקזאם מאכען, אַז ער איז אויסער אָרדער. דעמאָלט פלעגט ברודער קלינגער אַרויסכאפּען די קאָנסטיטוציע פון זיין קעשענע און, פאָכענדיג מיט

איר אין דער לופטען, פלעגט ער שרייען, אַז דער פּרעזידענט פירט דעם מיטינג נישט לויט די פּאַרלאַמענטארישע רעגולאציעס.

אַזוי האָבען די פּרעזידענטען פון דער ביטקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי געדאַרפט אויסשטיין געברענטע צרות פון דעם ברודער קלינגער, וואָס איז שטענדיג געשטאַנען אויף דער וואַך און געהיט, אַז די מיטינגען זאָלען געפירט ווערען אין דעם גייסט פון דער קאָנסטיטוציע.

און טאָמער איז אַמאָל אַ פּרעזידענט אַרויס פון געדולד און באַשטראָפט דעם ברודער קלינגער מיט צונעמען ביי אים דאָס וואָרט פאַר אַ מיטינג אָדער צוויי, איז דאָס גאָר געווען אַ טובה פאַר אים, ווייל דאָס האָט אים געמאכט פאַר אַ מאַרטירער אין דער סאָסייעטי. און שפּעטער, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער זיך שוין גוט אָפּגערעכענט מיט דעם פּרעזידענט.

און טאקע ביי אַ ספּעציעלען מיטינג, אויף וועלכען מען האָט געדאַרפט באַמינירען און דערוויילען נייע באַאַמטע פאַר דעם קומענדיגען טערמין, דעמאָלט האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט אַ ברודער פון דער סאָסייעטי און באַמינירט ברודער קלינגער׳ן פאַר פּרעזידענט.

ברודער קלינגער האָט געגעבען אַ צייכען, אַז ער וויל עפּעס זאָגען. אָבער דער פּרעזידענט, מיט זיין גראָבער, באַסאָווער שטימע, האָט אים איבערגעשלאָגען:

— איך גלויב — האָט דער פּרעזידענט געזאָגט — אַז ברודער קלינגער איז דער פּאַסיגער מענש צו באַקליידען דעם אמט פון פּרעזידענט. פאַר דעם „וואויל און בעסטען״ פון דער סאָסייעטי בעט איך אַלע מעמבערס אים אויסצואויילען.

און טאקע ביי דעם זעלביגען מיטינג איז ברודער קלינגער איינשטימיג דערוויילט געוואָרען אַלס פּרעזידענט פון דער ביטקאָווער לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי.

איצט נעמען די עקס־פּרעזידענטען נקמה פון ברודער קלינגער׳ן, ווען זיי זעען ווי ער שטייט נעבען אַ פאַרשוויצטער און אַן אויסגעשעפּטער אויף דעם בעלעמער, קלאַפּענדיג נערוועאיש מיט דעם האַמערל, און ער בעט זיך ביי די מעמבערס, אַז זיי זאָלען אים לאָזען פירען דעם מיטינג לויט די פּאַרלאַמענטארישע רעגולאציעס.

וואָלף איוווענסקי

דער אפיקומן

(הומאָרעסקע)

קומט פסח צום סדר, ווען איך זיץ אַן אויסגעפוצטער אויבענאָן — דער טיש איז געגרייט כיד המלך און אַלע שפּיזען מיר מיט די אויגען, — איז מיין גרעסטער פּראָבלעם דאָן, ווי אַזוי באַהאַלטען דעם אַפּיקומן אַז חברה זאָלען אים נישט אַרויס׳גנב׳ענען... איר מעגט שפּאסען, אָבער איך מוז זאָגען, אַז אָט די אומשולדיגע האַלבע־מצה, וואָס מען באַהאַלט כדי צו עסען איר נאָכ׳ן זאטען מאָלצייט, פאַרשאפט מיר תמיד קאָפּ־דרייעניש.

איר דאַרפט וויסען זיין, אַז די געסט וואָס זיצען ביים טיש מיט די קליינוואַרג נעמען נישט אַרונטער די אויגען און גיבען אַכטונג, וואָס איך טו מיט דער יחוס׳דיגער האַלבער מצה, וואָס איך פאַרבאַהאַלט פאַר׳ן אפיקומן. יענער איינער פלייסט זיך און איז אַ בעלן צו געפינען די האַלבע מצה. יעדער איינער וויל זיין אַ „העלד" און אַרויס׳גנב׳ענען דעם אומשולדיגען אפיקומן... איך דאַרף זיין פאַרזיכטיג גענוג צו נוצען מיין גאַנצען טאַלאַנט צו פאַר־שטעקען ערגעץ דעם אַפּיקומן, אַז מען זאָל אים נישט געפינען, אָבער אַן דערפאָלג, און אויב שוין יאָ געפינען, בעט איך אַ געבעט, אַז דער אַפּיקומן זאָל כאָטש גע׳גנב׳עט ווערען פון איינעם, וואָס מען זאָלען קאָנען מיט אים דורכקומען.

איך האָב שוין אפילו פּרובירט דינגען איינעם פון דער חברה, אַז ער זאָל מיר העלפען היטען דעם אפיקומן, האָט ער מיר אָבער אָפּגעטאָן אויף טערקיש און אויסגעזאָגט די „גנבים" וואו דער אַפּיקומן געפינט זיך...

איך האָב שוין אויך גענומען מיין פלונית׳טע צו הילף, אַז זי זאָל האַלטען אַן אויג אויף דעם אַפּיקומן, אַז מען זאָל אים נישט אוועק׳לקח׳ענען, האָט זי מיר אָבער שטילערהייט פאַרראַטען...

אמאָל, ווען די קינדער זענען געווען קליין, פלעג איך זיי נישט מאַכען קיין שוועריגקייטען; זאָלען זיי האָבען אביסעל „פאַן". איך פלעג אָפּקומען מיט אַ קלייניגקייט. אָבער היינט? — היינט איז אַפּילו אויסלייזען דעם אפיקומן פאַרבונדען מיט אַ פאַרמעגען... אַר מוזט באַצאָלען וויפיל מען הייסט אייך, — אַז נישט, — קאָנט איר נישט ענדיגען דעם סדר...

פאַראַיאָרען האָב איך אָפּגעשניטען גאָר נישט גוט. דער אפיקומן איז

אַריינגעפאַלען צו מיין אייניקעל אברהמ׳ל. טאקע דער, וואָס האָט געפרעגט די פיר קשיות. נו, האָט ער מיר געגעבען צוויי ברירות: איך זאָל אים קויפען אַ באיסיקעל, אָבער א גוטס, אָדער איך זאָל מיט אים גיין צו א בעיז־באָל געים. נו, האָב איך געסעטעלט פאַר א בעיז־באָל געים. א ברירה האָב איך געהאט? מען קאָן דאָך נישט ענדיגען דעם סדר אָן דעם אפיקומן...

היינטיגס יאָר הער איך נישט אויף צו טראכטען פון א מיטעל, ווי אַזוי אויסצוהיטען דעם אַפיקומן, אַז ער זאָל נישט אַריינפאַלען צו חברה אין די הענט אַריין, ווייל ווער ווייס? עס קאָן נאָך פּאַסירען, אַז ער זאָל אריינ־פאלען צו דעם זעלבען אייניקעל אברהמ׳ל, און ער קאָן נאָך מיר שטעלען אַן „אולטימאַטום” אַ איך זאָל ווערען א „קעטשער” אין זיין בעיז־באָל טים...

פאַרלאָרענע מלוכה

(הומאָרעסקע)

— איר הערט — האָט מיר פלאָטקין, מיין פאַראיין-ברודער, זיך אָנגעהויבען פאַר מיר באקלאָגען, ווען ער האָט מיך געטראָפען ביי א מיטינג, — איך האָב אלעמאָל געהאלטען פסח פאַר דעם שענסטען און אינטערעסאנטסטען יום־טוב פון אַלע יום־טובים. איך פלעג זיך אויף אים קוים דערווארטען. איך פלעג ציילען די טעג פאַר אָט דעם אויסערגעוויינליכען יום־טוב.

עס איז דאָך דער יום־טוב, ווען איך קען זיך אַביסעל אָפּרעכענען מיט מיין אידענע. אַ גאַנץ יאָר איז מיין פלונית׳טע ביט צו שטארק אָפּגעהיט ווען עס קומט צום גרייטען צום טיש. ס׳איז רעכט, אַז איך זאָל זיך זעצען עסען און ניט געפינען אַ גאָפּעל, מעסער, זאַלץ, א „נעפּקין” און אַנדערע קליי־ניקייטען, אין וואָס מען נויטיגט זיך ביים טיש. פרעגען זי, טאָר מען ניט. ווייל גלייך טוט זי א זאָג: וואָס ביסטו אַ קעניג, וואָס דו קענסט זיך אַליין ניט מטריח זיין? נו, מאַך איך אַ שוויג און באדין זיך אַליין, אַבי אויסצו־מיידען קריגערייען.

אָבער דאָס גרייטען צום טיש איז נאָר א פאַרשפּיל. ווען עס קומט צו דערלאנגען דאָס עסען, פאַרגעסט זי אינגאַנצען, אַז איך זיץ ביים טיש,

אַ הונגעריגער. זי איז אַזוי אַריינגעטאָן אין דער פּראָגראַם אויף דער טעלע־וויזיע, אַז זי פאַרגעסט איינגאַנצען אַז זי דאַרף מיר דערלאַנגען עסען. איך מוז זיצען און וואַרטען ביז וואַנען די פּראָגראַם ענדיגט זיך.

דערפאַר, אַז עס קומט פּסח, און מען זעצט זיך צום סדר, אַרומגעריג־געלט פון דער משפחה — זין, טעכטער, איידעמס און שנורען, און דער טיש געגרייט כיד־המלך מיט די טייערסטע מאכלים, און איך זיץ מיר אויבען־אָן אָנגעשפּאַרט אויף דער היסבה־בעט, אַזוי ווי אַ מלך, און אַלע שפּיזען מיך מיט די אויגען — דאַן איז מיין אידענע ניט צו דערקענען; זי איז גוט צו מיר ווי אַ מלאך; זי באַדינט מיך מיט גרויס העפליכקייט; האַלט מיר אין איין קוקען אין די אויגען, און איין פליסען זיך, אין איין פרעגען וואָס איך וויל. זי וויס פּשוט ניט וואָס צו טאָן מיט מיר.

נו, האָט מיין אידענע געשלאָסען באַקאַנטשאַפט מיט אונזער שכנה, די מרס. ציגעלמאַן, — אַ אידענע אַ פלאַם! זי האָט איר געעפענט די אויגען!

— וואָס דאַרפט איר אַוועק'פּטר'ן אייער געזונט מיט מאַכען פּסח און מיט לאַדען געסט; גיין איינקויפען, קאָכען, באַדינען און דערנאָך פּאַלען אָן אויסגעשעפּטע און אויסגעמאַטערטע! זייט ניט קיין נאַר! טוט ווי איך טו. פאָרט אַוועק אויף פּסח אין אַ האָטעל וועט איר וויסען, אַז איר לעבט אויף דער וועלט.

אַז עס איז געקומען האַיאָר נאָך פּורים, רופט זיך אָפּ צו מיר מיין אידענע, אַז איך זאָל מאַכען רעזערוואַציעס אין אַ האָטעל פאַר פּסח.

— וואָס רעדסטו! — מאַך איך זיך תמ'עוואַטע — דו מיינסט, אַז דו ווילסט איבערלאָזען די קינדער און אַוועקפאָרען אין אַ האָטעל?

— דאָס וואָס דו הערסט! — האָט מיין אידענע געענטפערט.

— איך מיין, אַז דו שפּאַסט — האָב איך זיך ניט געלאָזט איינרעדען.

—וואָס פאַר אַ שפּאַס! — איז שוין מיין אידענע געוואָרען אָנגעצויגען.

— אָבער עס פּאַסט דאָך ניט פאַר די קינדער און דער משפּחה! —

האָב איך געפּרופט מיט איר אַרגומענטירען עפּעס אַ קלייניגקייט, פּסח!

— אויב אונזערע שכנים, די ציגעלמאַנס, טוען דאָס — קענען מיר דאָס אויך טאָן — זיי פאַרמאָגען אויך קינדער און אייניקלעך — האָט מיין אידענע מיר געענטפערט .

— און איצט — האָט מיין שכן פאַרענדיגט מיט אַ זיפץ — איז צו מיין קעניגרייך געקומען אַן ענד און איך וועל אפילו אין די סדרים־נעכט ניט קענען נעמען נקמה אין מיין אידענע.

„געסט צום סדר"

צוויי וואָכען פאַר פסח האָבען מיר דערהאלטען אַ בריוו פון אונזער קוזין בערל, אַז אַזוי ווי ער איז אויפ׳ן וועג נאָך אמעריקע, וועט ער אונז אָפּ־שטאָטען א באַזוך און וועט פאַרברייננגען מיט אונז דעם פסח. מיר האָבען זיך אַלע געוואונדערט צו הערען אַז בערל איז נאָך צווישען די לעבעדיגע, אַז ער געפינט זיך נאָך אין רוסלאנד און איז אויף דער פריי און איז טהעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

מיר אַלע זיינען געווען זעהר צופרידען צו האָבען אזא ליבען גאַסט אויף פסח, אַ קלייניגקייט בערעלע דער „אומרוה" — ווי מיר פלעגען אים רופען, דערפאַר וואָס ער פלעגט אימער האַלטען אין איין לויפען, פליהען און שמאיען און קיין מאָל ניט געקענט איינזיצען אויף אַן אָרט.

אַז דער אויסגעשפּראָכענער קאָנספּיראַטאָר בערל זאָל ריזיקירן צו באַ־זוכען אונזער שטאָדט, נאָכדעם ווי ער האָט געשאָסען אויף אַ פּאָליצייאיסט דאָס איז געווען אונפאַרשטעדליך אַפילו פאַר אונז, אונערשראָקענע, מוטיגע רעוואָלוציאָנערען וועלכע האָבען ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגען אַריין. אָבער אויף בערלען האָבען מיר זיך געקענט פאַרלאָזען אַז ער וויים ווי אָפּצונאַרען די פּאָליציי...

מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען אַז ער קומט צו אונז אין שטאָדט צוליב זיין טייערע און ליבע פייגעלע וועמען ער האָט געליבט מיט׳ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה. ער האָט זיך פאַרביינקט נאָך איהר. ער האָט דער נאַאיווער פייגעלען אריינגעצויגען אין דער באַוועגונג און זי איז געוואָרען אַן איבער־געגעבענע קעמפערין פאַר דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. און איצט האָט בערל באַשלאָסען אַ פאָר צו טאָן צו אונז אין שטאָדט און חתונה האָבען מיט פייגעלען און פאָהרען נאָך אַמעריקע.

בערעל! דאָס איז געווען א בחור אַ ריז, א גבור. ער האָט געברויזט מיט ענערגיע און טהעטיגקייט. פון קיין מורא האָט ער ניט געוואוסט, איבער־געגעבען צום סאָציאַליסטישען אידעאַל מיט׳ן גאַנצען פייער פון זיין נשמה האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאך ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט דורכצופיהרען אַ וויכטיגע ארבעט פאַר דער פּאַרטיי.

איבערהויפּט פלעגט בערעל זיין באַשעפטיגט ערב דעם ערשטען מאַי, ווען מען האָט געדאַרפט אָרגאַניזירען און דורכפיהרען די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע. דעמאָלסט פלעגט מען בערעל׳ען ניט דערקענען. זיין גאַנצע נשמה איז געווען מיט דעם אַרבעטער יום טוב. ער פלעגט קיין נעכט ניט שלאָפען. זיין געדולד און אויסדויער דעמאָלסט איז געווען אויסערגעוועהנליך. ער איז געווען אַ גלענצענדער אָרגאַניזאַטאָר. ער פלעגט די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציע אָרגאַניזירען פּינקטליך מיט אַלע איינצעלהייטען, אַז עס איז געווען צו באַוואונדערען. ער פלעגט אַזוי פאַרדרייען די פּאָליציי די קעפּ אַז זיי פלעגען אימער בלייבען מיט א נאָז...

און טאַקע ביי אַן ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע האָט דאָס פּאַסירט. די אַרבייטער, אויסגעפּוצטע מיט שטראַלענדע פּנים׳ער האָבען געשטראָמט פון אַלע גאַסען צום הויפּט פּונקט וואו די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען. א פּראַכטפולער, אָנגענעהמער טאָג האָט ביי די דעמאָנסטראַנטען געוועקט האָפנונג און מוטה. בערעל איז אַרומגעלאָפען אַ פאַרשוויצטער און האָט געגעבען באַפעלען. פייגעלע, אַ צעפלאַמטע מיט דער פאָהן אין האַנט האָט זיך אַ לאָז געטאָן פאַראויס צו מאַרשירען. און דאָ האָט זיך א פּאָליציסט א לאָז געטאָן צו פייגעלען אַרויסצורייסען זי פאָן און איהר אַרעסטירען. בערעל איז איהר גלייך געקומען צו הילף. פלינק ווי אַ קאַץ האָט ער איהר באַפרייט פון די פּאָליציי׳ס הענט, אַ שיסעריי האָט נאָכגעפאָלגט און ווען דער רויך איז פאַרשוואונדען, איז אַ פּאָליציסט געלעגען אין א טייך בלוט און בערעל איז געווען פאַרשוואונדען...

בערעל האָט אפילו געקענט בייטען זיין פּנים, אַזוי אַז מען זאָל איהם ניט דערקענען. אויף דעם איז ער געווען אַ ספּעציאַליסט. אפילו די אייגענע חברים פלעגט שווער זיין איהם צו דערקענען. ער פלעגט די אַלע זאכען וואָס

זיינען נויטיג צו מאכען אַ גוטען גרים האָבען מיט זיך. און ניט איין מאָל האָט דאָס אים געראַטעוועט פון דער פּאָליציי.

זייענדיג אַ מיטגליד פון דער צענטראל קאָמיטעט און אויך איינער פון די וואָס האָבען געזעצט און געדרוקט די אונלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס (ער איז טאָקע ביים טרייד געווען אַ זעצער) האָט די קונסט פון גרימירען זיך איהם זעהר צוניץ געקומען.

דריי טעג פאַר פסח, בערעל איז דאָ! מיר האָבען זיך מיט איהם דער־פרעהט. אזאַ גאַסט! מיר האָבען איהם געגעגען אַ וואַשנע אויפנאהמע. מיר זיינען געווען צופרידען וואָס מיר זעהן זיך מיט איהם.

בערעל האָט אונז דערצעהלט אַז ער האָט ארומגעוואנדערט אין רוס־לאַנד אונטער אַ פארשטעלטען נאָמען, אַז ער איז געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. אַז ער האָט זעקס מאָנאַטען פאַרבראכט אין מאָסקווע. דערנאָך האָט ער געוואַנדערט ווייטער. אַז ער איז שוין געווען אַרעסטירט און דורך אַ גליקליכען צופאַל איז ער באַפרייט געוואָרען. און איצט האָט ער זיך פאַרביינקט נאָך זיין פייגעלען און ער איז געקומען אַהער נאָך איר.

די איינציגע וועלכע האָבען זיך געשראָקען זיינען געווען מיינע עלטע־רען. זיי האָבען מורא געהאט אַז די פּאָליציי זאָל ניט קומען אויף בערעל'ס שפּור און זיי זאָלען ניט האָבען קיין צרות. אָבער בערל האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זיי דאַרפען זיך ניט שרעקען. 'איך וויל דאָ זיין איבער די סדרים' — האָט ער זיך ביי מיין פאָטער געבעטען — איך וויל בייוואוינען ווי איהר פּראוועט א סדר. — און נאָכדעם זאָגען פאָניע'ן „ישקני" און פאָהרען נאָך אמעריקע.

מיין פאָטער האָט איהם צוליב געטאָן, ער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיך ניט וואַרפען צופיל אין די אויגען, כדי די פּאָליציי זאָל איהם ניט באמערקען.

— לאָזט דאָס צו מיר פעטער! — האָט בערעל מיט שטאָלץ גע־זאָגט. — אזא העכט צו פאנגען איז צו שווער פאַר די פאַרגרעבטע פּאָליציי...

מיין פאָטער האָט געשמייכעלט ווי ער וואָלט געווען איינשטימיג מיט בערעל'ס רייד.

און בערעל האָט געהאַלטען וואָרט און געטאָן זיין בעסט אונז ניט צו פאַרשאַפען קיין אונאַנגענעמליכקייטען. ער האָט אפילו אויסגעמידען צו שלאָפען ביי אונז אין הויז אום ניט צו פאַרשאַפען אונז קיין שרעק. ער פלעגט זיך אויסבאהאַלטען ביי זיינע פריינד.

ביי בערעל׳ן איז געווען א טראַדיציע אַנוועזענד צו זיין ביי אונז צו די סדרים. עס האָט געמעגט דונערען און בליצען — בערעל איז געווען צו די סדרים.

און איצט פאַר׳ן פאַרלאָזען רוסלאַנד צו פאָהרען נאָך אמעריקע, האָט בערעל באַשלאָסען צו זיין מיט פייגעלען ביי אונז צו די סדרים, אונטער אלע אומשטענדען.

עס איז ערב פסח. אונזער הויז איז אויסגעפּוצט ווי אַ ליאַלקע. א יום טוב׳דיגע אַטמאָספערע הערשט אין הויז. דער בליץ לאָמפּ פאַרשפּרייט א העלע, אַנגענעהמע ליכט איבער׳ן גאַנצען הויז. די מעשענע פינקעלדיגע, לייכטער, וואָס מיין שוועסטער האָט אַזוי פלייסיג אויסגעפּוצט מיט די ברע־נענדיגע ליכט, פרעהען זיך גלייך מיט אונז. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסען טישטאָך. דער טאַטע איז שוין געקומען פון שוהל מיט א ברייטען גוט יום טוב. פייגעלע איז באַשעפטיגט מיט צוגרייטען אַלעס צום סדר. די מאַמע מיט דער עלטערער שוועסטער זיינען באַשעפטיגט אין קיך צוצוגרייטען די גוטע מאכלים. די ריחות פון די פסח׳דיגע מאכלים אין קיך קיצעלט אין נאָז און עס וואָלט זיך שוין וועלען טאַקע עסען...

מיין קליינער ברודער וואָס דאַרף פרעגען די פיר קשיות קוקט אריין אין דער הגדה. ער פיהלט זיך היינט געהויבען. ער איז דאָך עפּעס דער „סטאַר״ פון אָווענט. מיין מומע מיט׳ן פעטער און שוואָגער זיצען זיך געמיטליך און פיהרען א געשפּרעך. דער פאָטער קוקט אריין אין א ספר און וואַרט, אַז די מאַמע אין קיך זאָל ווערען פאַרטיג און מען זאָל זיך קענען זעצען צום סדר.

— וואָס איז מיט בערעל׳ן ? — האָט דער טאַטע פּלוצלינג געפרעגט — און אַלע האָבען זיך געכאַפּט אַז בערעל איז ניטאָ

— עפּעס האָט מיט איהם געשעהן וואָס ער איז ניטאָ אַזוי שפּעט — האָט פייגעלע זיך אַריינגעמישט — ער האָט מיר פאַרשפּראָכען אַז ער וועט קומען אין צייט.

— מיר וועלען ווארטען אויף איהם נאָך א האלבע שעה — האָט מיין פאָטער איינגעשטימט. — ער וועט זיכער באלד אָנקומען.

עס האָבען זיך דערהערט טריט אין פאָר־הויז און אַלע האָבען זיך דערפרעהט אַז בערעל קומט.

מיין עלטערע שוועסטער און פייגעלע האָבען זיך געלאָזט צו דער טהיר צו באַגעגענען בערעל׳ן. אָבער צו זייער גרויסער איבערראשונג האָבען זיך אריינגעלאָזט א כאָפּטע פּאָליציאנטען וועלכע זיינען אָהן צערעמאָניעס אַריין אין הויז.

מיר זיינען אַלע געבליבען ווי פארשטיינערטע פון שרעק. מיר האָבען ניט געקענט קומען צו זיך פון איבערראשונג...

די ערשטע צו קומען צו זיך איז געוועזען מיין עלטערע שוועסטער. זי האָט געארבייט אַלס פריקאזטשיסע (סיילס ליידי) אין די גרעסטע שטעדט פון רוסלאַנד און האָט גערעדט א גוטען פליסענדען רוסיש.

זי האָט אויף דעם פּריסטאוו, וואָס איז געוועזען אַ גרויסער רשע, גע־מאכט א גוטען איינדרוק. זיין רוצח׳שער געזיכט מיט די ביסטרע אויגען האָבען אַנגענומען אַן אנדער אויסקוק. דער שעהן געדעקטער טיש מיט די ברענענ־דיגע ליכט און די פּינקעלדיגע לייכטער און די פּראַכטפולע פלאַש וויין האָט דעם גוי, מיט די גרויסע שטעכיגע וואָנצעס, וואָס פלעגט אויף אונז אָנוואר־פען א שרעק, אביסעל ווייכער געמאכט, און ער האָט עפּעס אין דער שטיל גערעדט צו זיין געהילף, וואָס איז געוועזען יעהר אַ דימענטענער גוי און אַ גרויסער אוהב ישראל, ווי ער וואָלט צוגעגעבען, אַז זיי זיינען ניט אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ.

— מען האָט אונז אינפאָרמירט, אַז דאָ ביי אייך אין הויז ווערען אָפּגע־האַלטען אונלעגאַלע פאַרזאמלונגען — האָט דער פּריסטאַוו אָפיציעל ער־קלערט — און מיר זיינען געקומען דאָס אויסצוגעפינען.

מיין שוועסטער האָט איהם ערקלערט, אַז מיר זיינען דאָס צונויפגע־קומען פּראַווען דעם סדר, ווייל היינט אין פּסח.

— פּאסחא — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט און א שמייכעל האָט זיך באוויזען אויף זיין אַנגעצויגענעם פּנים. — טרינקט איהר דאָך וויין.

מיין שוועסטער האָט פאַרשטאַנען זיין מיין און באַלד איז געוואָרען אָנגעפילט גלעזער מיט וויין און זיי האָבען אויסגעטרונקען.

אז זיי האָבען די ערשטע צוויי גלעזער וויין אויסגעטרונקען און גע־וואָרען אביסעל בגילופינ׳דיג האָבען זיי געבעטען מיין פאָטער אַז ער זאָל אָנגעהן מיט׳ן סדר.

— איהר וועט דאָך ניט זיין דאגעגען אַז מיר זאָלען זיין דאָ ביים סדר, האָבען זיי זיך אַליין איינגעלאַדען — מיר ווילען בייוואָהנען א אידישען סדר.

מיין טאַטע איז געווען אין אַ פאַרלעגענהייט. איך האָב געלעזען אויף זיין געזיכט, אַז ער טראכט געוויס וועגען בערעל׳ן. אַז אויב ער ערלויבט זיי בייצוואוינען דעם סדר איז בערל אין סכנה. אָבער לאַנג טראַכטען האָט ער ניט געקענט און ער האָט זיך ניט ווילענדיג אָפּגערופען: — מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען!

אָבער בערל! גוואַלט וואָס טהוט מען מיט בערל׳ן ער קען דאָך יעדע מינוט אריינקומען. ווי אַזוי קען מען איהם העלפען. פייגעלע און אַלע מיט איהר זיינען געזעסען ווי צעמישטע. מען האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען ווי אַזוי צו ראַטעווען בערל׳ן אַז ער זאָל ניט אַריינפאַלען אין די פּאָליציייאישע לאַפּעס.

מיר האָבען זיך געזעצט צום סדר. מען האָט אָנגעגאָסען די כוסות. מיין פאָטער האָט גענומען דעם בעכער, וואָס ער האָט געהאַט א ירושה פון זיין עלטער זיידען און מיט עהרפורכט גענומען מאכען קידוש. זיין שטימע איז געווען אָנגעזאָפּט מיט געבעט, מיט געפיהל, אַז דער אויבערשטער זאָל מציל זיין בערל׳ן פון די פּאָליצייאישע לאַפּעס. עס האָט זיך דערהערט טריט און עס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין הויז אַ יונגערמאַן מיט א שוואַרצען רונדען, שעהן בערדעל, מיט א ווייכען קאַפּעליוש אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ לאַנגען אויבערמאַנטעל און ברילען. ער האָט געמאכט דעם אויסקוק ווי אַ קלויזניק.

—גוט יום טוב! האָט ער אַלעמען באַגריסט און זיך ענטשולדיגט וואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיגט.

מיר האָבען געקוקט אויף דעם זיידענעם יונגענמאַנטשיק מיט דעם שוואַרצען בערדעל און האָבען ניט געגלויבט אונזערע אויגען. מיר האָבען איהם ניט געקענט דערקענען.

מיר האָבען זיך קאָנטראָלירט מיט אלע אונזערע קרעפטען אום ניט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די צוויי געסט.

מיין טאַטע האָט איהם געלאַדען צום טיש און דער יונגערמאַן האָט זיך געזעצט אויבען-אָן לעבען מיין פאָטער.

פרעגט מיין ברודער די פיר קשיות און עס ווילט זיך אָן ענטפער אויף דעם „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות״? טאַקע וואָרום זיצען אָט די צוויי געסט ביי אידען צו די סדרים און לאָזען אונז ניט וואוילגעהן דעם ליבען יום טוב. מיר זאָגען די הגדה מיט הארץ, מיט באגייסטערונג. דער יונגערמאַנטשיק זאָגט מיט א ניגון די הגדה און קוקט פון אונטער די ברילען אויף די צוויי געסט וואָס זיצען בגילופנדיג ביים טיש.

„והיא שעמדה לאבותינו ולנו״. מיין פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען מיט זיין שעהנער שטימע זאָגען אין דער הויך און אַלע האָבען איהם נאָכגעזאָגט. עס איז געווען אַ פּראכטפולע שעהנע סצענע ווי אַלע האָבען געזאָגט דעם „והיא שעמדה לאבותינו״. און די צוויי געסט מיט זייערע מונדירען זיינען געזעסען און האָבען זיך צוגעקוקט פאַר׳חידוש״ט.

דער זיידענער יונגערמאַנטשיק מיט דעם שווארצען בערדעל האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען א בליק דאָ צו פייגעלען און דאָ צו די צוויי געסט ווי ער וואָלט וועלען מאכען זיכער, אַז פייגעלע איז באשיצט.

ביים עסען, ווען זיי האָבען שוין געהאט אויסגעטרונקען פינף כוסות און פאַרביסען מיט געפילטע פיש, האָט דער פריסטאַוו מיט די גרויסע וואָנ־צעס אַרויסגעפּלאַפּעלט, אַז זיי זיינען דאָ געקומען זוכען בערל׳ן, וואָס ווערט באשולדיגט אין שיסען אויף אַ פּאָליצאנט. אָבער ווי עס ווייזט אויס איז דאָס געווען א טעות...

ביים ענדע האָבען זיי זיך מיט אונז געזעגענט און הערצליך געדאנקט פאַר די גאַסטפריינדליכקייט וואָס מיר האָבען זיי אַרויסגעוויזען.

ווען זיי זיינען שוין געווען אויף יענער זייט טהיר האָט דער יונגערמאַן אַרונטערגענומען דאָס בערדעל און מיר האָבען דערזעהן בערעל׳ן!... מיר האָבען אַלע אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער קוקענדיג אויף איהם.

און בערעל האָט אונז געמיטליך דערצעהלט, אַז אויפ׳ן וועג געהענדיג צום סדר האָט ער באַגעגענט די געהויבענע געסט געהענדיג אַהער צום הויז. ער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען אַז זיי זאָלען אַוועקגעהען און אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט פאַרלירען דעם סדר, האָט ער זיך פאַרקליידט פאַר א רבי און איז זיך אַרויפגעקומען...

און דאָן האָט מיין פאָטער מיט דער גאַנצער פאַמיליע פאַרענדיגט דעם סדר זינגענדיג: „ובכן ויהי בחצי הלילה — אז רב נסים הפלאת בלילה”.
און לאַנג זיינען מיר געזעסען און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון בערעל׳ס געוואָגטע שטיקעל ארבייט

די זאווערוכע

ערצעהלונג

געשען איז דאָס אין א שבת אָוונד, אין חדש טבת, ווען די נעכט אויפ׳ן ישוב זיינען מאַנאָטאָן און לאַנגווייליג. עס ציען זיך די אָווענדען ווי פון פעך. ארום און ארום איז חושך, פינסטער. מען זעט קיין לעבעדיג באַ-שעפעניש, אַלץ איז איינגעהילט אין אַ טיפען שלאָף.

מיין זיידע האָט אָפּגעמאכט הבדלה אין דעם אלטען, גלאַנציגען בעכער, וואָס איז געווען אַ ירושה פון דעם עלטער, עלטער זיידען. דערנאָך האָט ער מיט אַ פריילעכען ניגון גענומען אויסזינגען זיין ליבלינג קאָמפּאָזיציע, וואָס איז פאַרפאַסט אין גראַמען „איש חסיד היה”, וואו עס ווערט אַזוי פאָעטיש, שעהן דערציילט ווי אַזוי אַליהו הנביא האָט זיך פאַרקויפט פאַר א קנעכט און האָט געראטעוועט אַן אָרימע פאַמיליע פון אונטערגאַנג. און מיין זיידענ׳ס קול האָט אָפּגעקלונגען הויך, הויך אין דער מאָנאָטאָנער שטילקייט פון מוצאי שבת און האָט פאַרטריבען די מרה שחורה פון הויז.

פעטרושקע דער קוטשער האָט זיך באַוויזען און דער זיידע האָט אים געהייסען שפּאַנען די פערד, זיך מאכען גרייט צוצופאָרען צום פריץ צו האָבען מים אים א חשבון.

— אין אַזאַ וועטער האָט די באָבע זיך אָפּגערופען פאַר׳חידוש׳ט — עס קאָן זיך נאָך אַרויסרייסען א שניי.

— פריער ג־ט, און דערנאָך פעטרושקע — האָט דער זיידע מיט זיכערקייט געענטפערט.

איך האָב געבעטען דעם זיידען, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען. איך האָב זעהר ליב געהאט צו פאָרען מיט׳ן זיידען אין דעם פראַכטפולען שעהנעם

שליטען געשפּאַנט פון צוויי גוטע, פלינקע פערד וואָס יאָגען זיך ווי אָדלערס. דער זיידע פלעגט מיר דערציילען אינטערעסאַנטע שעהנע מעשה־לאך. איך פלעג דאַן פאַרמאַכען די אויגען און מיר פלעגט זיך אויסדוכטען, אז איך שוועב הויך, הויך אין די הימלען...

פון אָנפאנג האָט דער זיידע זעהר ניט געהאַט קיין חשק מיך מיטצו־נעמען. „דער וועטער אין דעם סעזאָן פון יאָר איז זעהר פאַרעטעריש" — האָט ער מיר געפּרואוווט געבען צו פאַרשטעהן — און עס איז ניט ראַטזאַם, אַז איך זאָל מיטפאָרען.

אָבער ווען איך האָב אָנגעשטעלט אויף מיין ליבען זיידען נאָך אמאָל א פּאָר בעטענדע אויגן, האָט ער מיר צוליב געטאָן און איינגעשטימט מיך מיטצונעמען, הגם די באָבע איז ניט געווען צופרידען מיט דעם. און אָט זיץ איך אין שליטען מיט דעם זיידען. דער זיידע טראָגט דעם טייערען, וואַרעמען פוטער. איך בין אויך גוט אָנגעטאָן, מיר דעקען זיך גוט איין מיט דעם וואַ־רעמען צודעק. פּעטרושקע נעמט די לייצעס און דער שליטען גליטשט זיך מאַיעסטעטיש אַוועק.

מיר פאָרען און יאָגען זיך אויף דעם גלאַטען, גלייכען וועג. איך גיב א קוק אויפ׳ן זיידען און זע ווי ער האלט פאַרמאַכט די אוייגען און זיינע ליפּען באַוועגען זיך. איך פאַרשטיי, אַז ער זאָגט תפילת הדרך, „והצילני מכל אויב ואורב בדרך ומכל מיני פורעניות המתרגשות לבא לעולם" — כאַפּ איך אויף שטיקלאך פון תפילת הדרך „לישועתך קויתי ד׳ — קויתי ד׳ לישועתך" האָלט דער זיידע אין איין זאָגען מיט כוונה.

— מיין קינד — האָט דער זיידע זיך פּלוצלינג געווענדט צו מיר, עפענענדיג זיינע אויגען — יעדער איד דאַרף זאָגען תפילת הדרך ווען ער איז אין וועג. מיר אידען זיינע אַלעמאָל אין וועג. מיר וואַנדערען שוין ארום א קימאַ־לן פון צוויי טויזענט יאָר איבער דער וועלט. מיר זיינען אַלע־מאָל אויסגעזעצט צו פאַרשידענע געפאַרען און סכנות און מיר דאַרפען אלע מאָל זיין אויף דער וואַך געגען אונזערע שונאים וואָס זוכען אונז צו פאַר־ניכטען... גליטשט זיך דער שליטען אַזוי לייכט, גרינג, יאָגען זיך די פערד־לאך ווי אָדלערס. איך פיל זיך אונטער דעם וואַרעמען צודעק אַזוי אָנגענעם און וואַרעם, אַז איך ווער פאַרוויגט אין אַ זיסען, ליבען שלאָף:

ווי לאַנג איך בין געשלאָפען ווייס איך ניט. ווען איך האָב זיך אויפ־

נעכאפּט האָט א שרעקלעכע זאַווערוכע געבושעוועט באגלייט מיט א שרעק־לעכען, צאָרענדיגען ווינט און א שניי איז געפאַלען. דער ווינט האָט געוואָיעט משונה׳דיג, מען האָט ניט געקענט זען וואוהין מען פאָרט.

— דו ווייסט מיין קינד — האָט דער זיידע איבערגעשלאָגען די שטיל־קייט — מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבען פאַרלאָרען דעם וועג, אַז מיר בלאָנדזשען.

— און וואָס זאָגט פּעטרושקע ? — האָב איך דעם זיידען געפרעגט — ער ווייס ניט וואו ער געפינט זיך — צוליב דעם שרעקלעכען שטורעם און זאַווערוכע קען מען ניט זען דעם וועג. און ווירקליך האָבען מיר שוין לאַנג געדאַרפט זיין ביים פּריץ. די רייזע פלעגט אימער נעמען אַ דריי, פיר שעה, און דאָ פאָרען מיר שוין זעקס שעה און עס נעמט ניט קיין סוף.

פאָרען מיר ווייטער אָן א ציל און אויף גאָט׳ס בּאראָט. די זאַווערוכע ווערט שטארקער, מורא׳דיגער. דער ווינט הוליעט און דרייט און פאַרבלענדט די אויגען. עס איז הימעל און ערד און זאַווערוכע. א מידקייט הויבט אונז אָן באפאלען, און עס ווילט זיך איינשלאָפען. די פערד סאָפּען נעבאך שווער און שוויצען. מיר טוליען זיך איין אין דעם ווארעמען גראָבען צודעק צו באשיצען זיך פון דער בייזער קעלט, אָבער עס העלפט ניט, מיר זיינען מאכטלאָז צו באשיצען זיך פון דעם בייזען, שרעקלכען שניי און שטורעם.

— דו ווייסט ? — רופט זיך אָפּ דער זיידע צו מיר ניט דרייסט —— אפשר איז אָ פּלאַן, אַז מיר זאָלען זיך דאָ אָפּשטעלען אין פעלד און איבער־שלאָפען די נאכט און מאָרגען אינדערפרי וועלען מיר זען וואו מיר געפינען זיך.

פּעטרושקע האָט פאַרשעמט כמעט איינגעשטימט מיט דעם זיידענס פאָרשלאג און ער איז געווען גערעכט ווייל די פערד זיינען געווען זעהר מיד און זיי האָבען זיך שוין כמעט ענטזאגט צו גיין, און מיין זיידע וועלענדיג מיך אויפהייטערען הויבט מיר אָן צו דערציילען שעהנע פאנטאסטישע מעשהלאך פון אמאָליגע הייליגע, באַרימטע מענשען, וואָס פלעגען אַרומרייזען איבער פאַרשידענע לענדער צו פריידיגען גאָט׳ס וואָרט און פלעגען ניט איינמאָל פאַרבלאָנדזשען, אָבער א געהיימער שליח פלעגט זיי אַרויפברייגגען אויפ׳ן ריכטיגען וועג.

אָבער אָט האָט זיך פּלוצלינג פון דערווייטענס באַוויזען אַ פייערל, וואָס האָט געענדערט די שטימונג ביי אונז אַלעמען, און האָט ערוועקט פרייד און האָפנונג. דאָס פייערעל האָט צו אונז געוואונקען, געשמימערט און האָט גערופען, אַז מיר זאָלען זיך היילען צו אים.

פעטרושקע, דער קוטשער, האָט ווי ניי אויפגעלעבט. עפּעס האָט דער ווייטער קליינער פייערל, געמאַכט אים פאַר א נייעם מענשען. ער האָט גע־קראָגען פרישען מוט. דאָס ווייטע פייערל האָט אים אָנגערעגט צו טרייבען די פערדלאך מיט מער חשק און פון אים פאַרטריבען די מידקייט און שלע־פערדיגקייט. אַפילו די אויסגעמאַטערטע פערד האָבען אָנגעהויבען צו לויפען מיט מער אימפּעט ווי זיי וואָלטען געוואָלט דערגרייכען אַהין.

יאָגען מיר זיך מיט די לעצטע כוחות אַהין וואו דאָס פייערל לייכט און שימערט און דער זיידע האָלט מיר אין איין דערציילען שפאַסיגע מעשה־לעך מיר צו האַלטען אין אַ גוטער שטימונג. דער שניי שטורם, ווי אויף צו להכעס שטאַרקט זיך און פאַרהאַלט אונז דעם וועג. די שוין אויסגעמאַ־טערטע, אויסגעהונגערטע און געטרייע סוסים לויפען. פעטרושקע אום ניט איינצושלאָפען, הויבט ער אָן אויסצופייפען עפּעס אָן אומעטיג מעלאָדיע. אָט איז דאָס פייערל אזוי נאָנט צו אונז, אַז מען קען אים מיט׳ן האַנט דערלאַנגען, און אָט פאַרשווינדט ער אין גאַנצען... ער שפּילט זיך מיט אונז קאַץ און מויז.

עס איז שוין געוואָרען שפּעט אין אָוונד, און מיר זעצען פאָר די רייזע מיט עקשנות. מיר קענען שוין צום פריץ ניט קומען אַזוי שפּעט. אָבער מיר ווילען דערגרייכען דאָס הויז וואו דאָס פייערל ברענט און דאָרט איבער־נעכטיגען און באַשיצען זיך פון דער שרעקלעכער, געפערלעכער זאַווערוכע.

מיר הויבען אָן צו פילען הונגעריג, מיר פאָרען שוין א קיימא־לן פון זיבען שעה און עס נעמט ניט קיין סוף, און דאָרט טאַנצט דאָס פייערעל און ווי א קונדס׳ל שפּילט זיך מיט אונז, און דער שטילער, איבערגעגעבענער פעטרושקע, א פאַרמאַטערטער און אָן אויסגעשעפּטער האַלט נעבאַך די לייצעס און זעצט פאָר די רייזע.

פּלוצלינג האָט דער זיידע זיך געגעבען א כאַפּ אויף ווי פון שלאָף און האָט געהייסען פעטרושקען אָפּשטעלען די פערד .

„מיר וועלען מער ניט פאָרזעצען די רייזע. גענוג! מיר וועלען אין

ערגעץ שוין היינט ניט דערגרייכען... לאָמיר אויסשפאנען די פערד און דאָ איבערשלאָפען".

און אַזוי איז געווען. פעטרושקא האָט אויסגעשפאנט די פּאַרמאַטערטע פערד און זיי צוגעבונדען צום שליטען. מיר אַלע האָבען זיך איינגעדעקט מיט די פוטערס און האָבען איינגעשלאָפען, און ווען מיר האָבען זיך אויפגעכאפּט אין דערפרי האָבען מיר צו אונזער גרויסער איבעראשונג, זיך געפונען ניט ווייט פון אונזער אייגענעם הויף...

און אַזוי האָבען מיר זיך א גאנצע נאכט ארומגעדרייט ניט ווייט פון אונזער אייגענער הויז און האָבען געבלאָנדזשעט!!... פאַרשטייסט, מיין קינד, פּארוואָס איך האָב דיר ניט געוואָלט מיטנעמען מיט זיך צום פריץ" — האָט דער זיידע אויף מאָרגען איבערגע׳חזר׳ט מיט בצחון זיין אלטען תירוץ — „ווייל די וועטערען אין דעם סעזאָן פון יאָר זיינען זעהר פאַרעטעריש"...

דער גרויסער נס

(א פאסירונג)

ביי אונז אין קליינעם שטעטעל מ.. האָט מען אים גערופען משה׳לע דער לעבעדיגער און ער האָט ווירקליך פאַרדינט דעם נאָמען. דאָס איז געווען א חברה׳מאן וואָס האָט געשפרודעלט מיט לעבען און טעטיגקייט! וואו נאָר א שמחה, ווי א חתונה, אַ ברית, א בר מצוה, איז משה׳לע דאָרט געווען, האָט געטאנצט, אונטערגעהאלטען, געהוליעט און געזונגען חזנ׳ישע שטיקלאך (ער איז געווען א נשיקשה׳דיגער זינגער פאַרמאָגט א גאַנץ פיינע שטימעלע). ער האָט געזהן, אַז די געסט זאָלען פון אַלץ געניסען. ער איז געווען אַ „מאַדים" אויף די אַלע זאכען. משה׳לען פלעגט מען ניט דאַרפען איינלאַדען צו א שמחה; פאַר אים איז די טיר אַלעמאָל געווען אָפען און מען איז געווען צופרידען, אַז ער איז געקומען. און אַז משה׳לע דער לעבעדיגער פלעגט זיך נאָר באווייזען, אַזוי איז געוואָרען לעבעדיג און פרעהלעך.ער פלעגט נאָר דאַרפען אַ קער טאָן מיט די אויגען און מאכען אַ פּאָר גרימאַסען, און דער עולם פלעגט זיך האַלטען

ביי די זייטען פון געלעכטער. ער פלעגט אָנטאָן א פאטשיילע אויפ׳ן קאָפּ און פאַרשטעלען ווי אַזוי א אידענע זאָגט די תחינה און באגיסט זיך מיט טרערען, אָדער ווי אַזוי אַ פרוי קומט בעטען צו איר מאן אויפ׳ן קבר. איז דאָס געווען אַזוי עכט און נאטירלעך, אַז דער עולם פלעגט פּלאַצען פון געלעכטער. הכלל, משה׳לע דער לעבעדיגער איז געבענשט געווען מיט טויזענט טאַלאַנטען און אונזער שטעטעלע מ.. איז געווען שטאָלץ מיט איהר משה׳לען.

און אַז ס׳פלעגט קומען שמחת תורה איז משה׳לען דאמאָלט גאָרניט געווען צו דערקענען. ער פלעגט אָנטאָן אַ גרויסען צילענדער הוט און זיין פנים פלעגט שטראַלען פון גליק און צופרידענקייט. עפּעס האָט זיך זיין יעדער גליד, יעדער אבר, געפרעהט מיט דעם יום טוב שמחת תורה. און באלד פלעגט זיך משה׳לע דער לעבעדיגער א לאָז טאָן מיט א טענצעל און די קליינע חברה ארום איהם און ער פלעגט זינגען זיין שמחת־תורה לידעלע וואָס ער האָט אַליין פארפאסט:

„אתה הראת לדעת,
א מענש דארף קיינמאָל ניט זיין אין כעס;
גאָט איז אלעמאָל גערעכט,
און מאכען א שנאפּס איז נישט שלעכט...״

און פלעגט גלייך פאַרבייסען מיט ׳שישו ושמחו בשמחת תורה ותנו כבוד לתורה״ און פלעגט אַלץ האלטען אין איין טאנצען מיט ברען און התמדה, ביז וואַנען מען פלעגט אים דערמאָנען, אַז עס איז שוין צייט צו מאכען אַ שנעפּסעל און נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

ביים פאך איז משה׳לע געווען א בלעכער. ער האָט גע׳שמ״ט אין די ארו־מיגע שטעטלאך פאַר א קינסטלער אין זיין פאך. די פריצים האָבען זעהר גע־האַלטען פון איהם און פלעגען זיך מיט אים ניט דינגען ווען זיי האָבען איהם בעגעבען ארבייט און אַרבייט האָט ער אימער געהאט לרוב.

מאכט זיך איינמאָל אַ גשיכטע, אַז משה׳לע אַרבייט ערגיץ אויף אַ דאַך און איז זעהר אַריינגעטאָן אין דער אַרבייט. ער איז דעם טאָג געווען זעהר אויפגעלייגט, ווייל זיין עטעלע האָט אים מיט א פּאָר טעג צוריק געבאָרען א אינגעל נאָך וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט (זי האָט געהאט 4 מיידלעך, איינע נאָך די צווייטע. און משה׳לע האָט זיך געשראָקען, אַז ער וועט פאַרבלייבען

אָהן אַ קדיש...) ער האָט זיך בשעת מעשה פאַרגאַנגען אין אַ שטיקעלע חזנות און האָט אַ צופרידענער געקלאַפּט מיט דעם האמער און האָט פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך הויך, הויך אויף אַ דאַך... פלוצלונג האָט משה׳לע פאַרלאָרען זיין גלייכגעוויכט און האָט זיך אָנגעהויבען צו גליטשען פון דעם דאַך גלייך ארונטער, איין סעקונדע און ער ווערט צעשמעטערט אויף שטיקלאַך!... ער ווייס ניט ווי אַזוי דער נס איז געשעהן און משה׳לע האָט זיך געגעבען א כאַפּ אָן ביים ברעג דאַך אויף א סלופּ און געבליבען הענגען אין דער לופטען. אויף זיינע געשרייען זענען אָנגעלאָפען מענשען און מען האָט איהם געראַטעוועט.

אָבער די גרויליכע און שוידערליכע שרעק וואָס משה׳לע האָט איבער־געלעבט אין די עטליכע סעקונדען וואָס ער האָט זיך הילפלאָז געגליטשט פון דאַך און האָט געזעהן דעם טויט פאַר די אויגען, האָט איף איהם אַזוי געווירקט אַז ער האָט פאַרלאָרען דאָס לשון!...

ווען די נייעס האָט זיך פארשפרייט אין אונזער קליינעם שטעטעל, אַז משה׳לע דער לעבעדיגער האָט פאַרלאָרען דאָס לשון, זיינען אַלע געבליבען ווי געפּלעפּט! קיינעם האָט זיך גאָר ניט געוואָלט גלויבען ,אַז משה׳לע דער וויצלינג, דער לעבעדיגער, דער וואָס האָט אַלעמאָל געמאַכט צום לאַכען, זאָל מיט אַמאָל ניט קענען אויסריידען א וואָרט. אלע אין שטעטעל זיינען ארומגעגאַנגען פאַר־אומערט, פאַרצווייפּעלט, אלע האָבען גערעדט פון איין זאַך און דאָס איז „ וואָס משה׳לע דער לעבעדיגער האָט פאַרלאָרען זיין לשון; וואָס דאָס שטעטעלע מ. איז פאַרבליבען איינזאַם, פאַראומערט, וואָס עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל פאַרטרייבען דעם אומעט און מרה־שחורה און פאַרשאפען דעם עולם אביסעל געלעכטער. הכלל, אלע אין שטעטעל זיינען ארומגעגאַנגען מיט ארונטערגע־לאָזענע קעפּ פון משה׳לעס אומגליק.

און פלעגט מען זיך טרעפען מיט דעם אומגליקליכען משה׳לען, פלעגט מען אויף איהם קוקען מיט סימפּאַטיע און ליבע און איהם באַדויערען וואָס ער איז אַזוי שרעקלעך געשטראָפט געוואָרען אין זיינע רעכטע בליהענדע יאָהרען. ס׳טייטש! פלעגט יעדער איינער אין שטעטעל טענה׳ן, וואָס האָט ג־ט גענומען און געשטראָפט אַזאַ ליבען און טייערען מענשען וואָס האָט אימער געהאַט א גוט וואָרט פאַר אלעמען און מיט א שמייכעל, פאַרטריבען די מרה שחורה און געמאַכט זיי צום לאַכען.

און דאָס גאַנצע שטעטעל האָט געהאַלטען אין איין בעטען ג-ט, אַז ער זאָל באַווייזען אַ נס, אַז משה׳לע דער לעבעדיגער זאָל צוריק קריגען זיין לשון און זאָל ווידער אַלעמען מאַכען צו לאַכען.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז משה׳לע ארבייט ערגעץ אין אַ דאָרף. זינט ער איז געשטראָפט געוואָרען און האָט פארלאָרען זיין לשון פלעגען זיך די שקצים מיט אים רייצען, זעהן אָפּטאָן אַ שפּיצעל און אים פאַרשאַפען כסדר עגמת נפש. ארבייט זיך משה׳לע הויך אויפ׳ן דאך און טרערען גיסען זיך פון זיינע אויגען. „גאָטעניו, האָט בעת מעשה משה׳לע גע׳טענה׳ט, — פאַרוואָס האָסטו מיר אַזוי גרויזאַם באשטראָפט. מיט וואָס האָב איך אַזוי זיך פאַרזינדיגט, וואָס דו האָסט צוגענומען דאָס טייערסטע וואָס איך האָב פאַרמאָגט, די שפראך. טייערער פאָטער אין הימעל, דערבאַרעם זיך אויף מיר און אויף מיין פרוי און קינדער און אויף אַלע אידען אין שטעטעל און גיב מיר צוריק מיין לשון! גאָט, האָב אויף מיר רחמנות״, און דערווייל, זייענדיג אַזוי פאַרטיפט אין דער ארבייט, קלאַפּענדיג מיט׳ן האַמער און טראַכטענדיג פון גאָט, אַז ער זאָל איהם צוריקגעבען דאָס לשון האָט ער ניט באַמערקט ווי די שקצים האָבען אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל און צוגענומען דעם לייטער, כדי ער זאָל ניט קענען אראָפּגעהן פון דאך. געענדיגט די ארבייט, האָט די זון זיך שוין געזעצט אין מערב, עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען אביסעל טונקעלער און משה׳לע האָט זיך געלאָזט צום פּלאַץ וואו דער לייטער איז געשטאַנען, זייענדיג זיכער, אַז דער לייטער שטעהט אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ, האָט ער זיך געלאָזט אַרונטער און ער וואָלט זיכער געפאַלען צו דער ערד און צעשמעטערט געוואָרען אויף שטיקער, ווען עס געלינגט אים ניט זיך אָנצוכאַפּען ביים ענד פון דאך אָן אַ סלופּ און בלייבען הענגען און ווערען געראַטעוועט. און אַ גרויסער נס איז געשעהן! משה׳לעס תפילה און דער געבעט פון דער גאַנצער שטעטעל איז דערהערט געוואָרען. די שרעק האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז משה׳לע האָט צוריק אָנגעהויבען צו ריידען! . ..

און אַזוי האָט דאָס קליינע שטעטעלע מ. צוריק געקראָגען איר תיקון און משה׳לע דער לעבעדיגער האָט צוריק געמאַכט דעם עולם צום לאַכען.

וואָלף איוועניסקי

עס איז געשעהן . . .

(הומאָרעסקע)

ער ווייסט ניט און קען דאָס ניט באַגרייפען, ווי אַזוי ער איז פּלוצלונג דערהויבען געוואָרען צום דאָזיגען הויכען אמט אין זיין סאָסייעטי: ער איז געוואָרען פּרעזידענט.

עס איז געקומען אַזוי אונערוואַרטעט, אַז ער קען עס גאָר ניט פאַרשטיין.

דאכט זיך, אַז קיינער האָט זיך אויף אים אין דער סאָסייעטי קיינמאָל ניט אומגעקוקט; קיין שום אמט אין דעם פאַראיין האָט ער קיינמאָל ניט באַקליידעט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אפילו קיין וואָרט ניט גענומען ביי א מיטינג, ער האָט פון זיך ניט געלאָזט הערען. ערשטענס האָט ער ניט געהאָט וואָס צו זאָגען; צווייטענס האָט אים אויסגעפעלט מוט צו נעמען א וואָרט. ער האָט שוין געהאט איינינגע מאָל באשלאָסען צו לאָזען פון זיך הערען און אויך נעמען א וואָרט אויסצודריקען זיינס א מיינונג וועגען אַ פראגע וואָס מען האָט זיך געאמפּערט, האָט ער אָבער ניט געקענט פאַרגעסען אין יענער ערפאַרונג וואָס ער האָט אמאָל געהאט.

ער געדענקט יענעם מיטינג. עס איז דאַן געווען זעהר א באזוכטער מיטינג, מען האָט דאַן פאַרהאנדעלט די פראגע וועגען אַרויפלייגען א טעקס אויף די ברידער פאַר א באנקעט.

ביים מיטינג האָבען זיך פאַרמירט צוויי גרופּען: דאַפיר און דאַגעגען: אים האָט זיך פאַרגלוסט צו רעדען דאַפיר, פאַר א טעקס. ער האָט זיצענדיג זיך גוט איינגעחזר׳ט די ווערטער פון זיין שטאַרקען „ספּיטש“ וואָס ער וועט אַוועקלייגען. גראַדע אין זיין ווייב רייזעל און אַנדערע פון משפּחה אַנוועזענד געווען ביי יענעם מיטינג. נו, האָט עס אים צוגעגעבען חשק, אַז זיין „ספּיטש“ זאָל זיין א געלונגענער! זאָלען זיי זען, אַז ער האָט אויך טאַלאנט צם ריידען. זאָל זיין פלונית׳טע זען, אַז ער איז ניט אבי ווער! זאָל זיין פאַמיליע וויסען, אַז ער קען אויך עפענען א מויל... און אָט איז געקומען זיין נעקסט. דער פּרעזידנעט האָט אויסגערופען גאנץ הויך

— ברודער העלדמאַן, איר האָט דאָס וואָרט!

אלע ברידער האָבען אויפגעשפּיצט זייערע אויערן צו הערען וואָס ברודער העלדמאַן האָט צו זאָגען.

ער געדענקט ווי ער האָט זיך געגעבען א שטעל־אויף און באטראכט אלעמען, און קוקענדיג צום פּרעזידענט אָנגעהויבען:

— ברודער פּרעזידענט, מיינע ליבע ברידער און שוועסטער. די פראַגע וועגען טעקסען די ברידער פאַר׳ן באנקעט איז זעהר אַ וויכטיגע... נאָר דאָ האָט ער זיך מיט אמאָל אָנגעהויבען שטיקען מיט די ווערטער און ניט געקענט מער ריידען קיין קלאָרע דיבורים. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, עס האָט אים אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען. דער גאַנצער זאַל מיט די מעמבערס און זיין רייזעל האָבען זיך אָנגעהויבען דרייען... עס האָט אים באַגאָסען א שוויס... ס׳האָט אים אָנגעהויבען אויספעלען אָטעם.. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט דאַן פּאַסירט ווען ניט דער ברודער וואַסערמאַן וואָס האָט אים דער־לאַנגט א גלאָז וואַסער און דער פּרעזידענט האָט געניצט אביסעל טאקט זאָגענדיג: ברודער העלדמאַן זעצט זיך אַוועק, טרינקט אביסעל וואַסער, מיר דאַנקען אייך פאַר אייער מיינונג...

זייט דאַן האָט ער שוין פאַרזאָגט א צענטען ניט מער צו נעמען א וואָרט ביי א מיטינג.

און איצט, גאָר פלוצלונג, איז ער דערהויבען געוואָרען צו אזא הויכען אמט! אַי, ווי ער פלעגט עס מקנא זיין דעם פּרעזידענט, וואָס ער זיצט אויף אַ קליינעם באַלעמער מיט דעם האמער אין האַנט. אַט גיט ער א קלאַפּ און רופט אַלעמען צו אָרדער. אין מיטינג־לאָקאַל ווערט שטיל. אלעמענס אויגען עסען זיך איין אין פּרעזידענט וועלכער איז ווי אַ סטאַר אויף דער בינע. פון אלע זיינען הערט זיך:

— פּרעזידענט איך וויל א וואָרט! פּרעזידענט א פּאָינט אויף אָרדער! פּרעזידענט איך וויל מאכען א פאָרשלאַג! פּרעזידענט, איך וויל מאכען אַן אמענדמענט! און אז. וו. און ער, דער פּרעזידענט, זיצט אַ רואיגער מיט א ליבען חנ׳עוודיגען שמייכעל, און ווי אַ גענעראל פירט ער די ווערטער־שלאַכט לויט די פּאַרלאַמענטארישע רולס פון פּאַראיינס קאָנסטיטוציע.

דעם אמת געזאָגט וואָלט ער זיך מיט דעם סעקרעטאַר־אמט אויך באַ־נוגענד, איז ער אָבער ניט שוה־בשוה מיט די שווארצע פינטעלעך... ווען עס

פלעגט קומען צום נאָמינירען באמטע פאַרן פאַראיין פלעגט ער שטענדיג האָבען פאַרדרוס און הארצווייטאָג: אַלעמען האָט מען צוגעטיילט דעם כבוד, נאָמינירט פאַר פארשידענע עמטער אָדער אין פאַרשידענע קאָמיטעס, נאָר אים פלעגט מען קיינמאָל נישט באמערקען, ער פלעגט זיצען און „וואַרפען אויגען" ארום זיך, ווי ער וואָלט זיך געבעטען ביי זיינע שכנים: גזלנים! האָט רחמנות, רופט אימיצער אויס מיין נאָמען פאַר עפּעס אַן אמט, אָבער ווי אויף להכעס האָט קיינער ניט דערמאָנט זיין נאָמען, פונקט ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען אין זאל. מאנכעס מאָל פלעגט ער טראכטען: ס'איז עפּעס אַ פאַרשווערונג געמאַכט געגען אים און פאַר כעס זיך געבען אַ הויב אויף און פאַרוירעכערען אַ ציגאַר, און אַזוי רויכערענדיג דעם ציגאַר פלעגט ער פאַנטאזירען ווי ער ווערט אַפּאינטעט אין דער ערענדזשמענטס קאָמיטע פאַר'ן באַנקעט... ער וועט זיצען אויבען אַן מיט די פּני. זיין נאָמען וועט זיין געדרוקט אין זשורנאַל... אַלע וועלען אים דאַן באמערקען... אַי, ווי ער וועט זיך דאָס מיט דעם איבערנעמען! א קליינינקייט, זיין אין דער אַרענדזשמענט-קאָמיטע פון באַנקעט!.. ער וועט טראָגען אַ פּראָמינענטען בעדזש אויפן לאַפּעל פון זיין בלויען סוט... אַלע וועלען קוקען אויף אים און אים מקנא זיין... זיין רייזעל וועט זיך דאָס פאַר אלעמען באַרימען און זיך מיט אים איבערנעמען...

ער שפּיצט אָן די אויערען צו הערען ווי מען האלט מיט די נאָמינײ־שאָנס. דאכט זיך מען האָט שוין אויסגערופען אַלע אַמטען אין דער ארענדזש־מענט קאָמיטע צום באנקעט, נאָר ניט זיין נאָמען... ער קלערט ווי זיין רייזל וועט אים נעמען אויף דער העצקע!... אי וועט זי אים קיבעצען:

— הער נאָר מיין מאַן, מיט וואָס איז דאָס יאנקעל דער שמיד מער יחסן פון דיר? דאַרטען אין שטעטעל אַז מען האָט אים אויפגערופען צו די תורה האָט ער ניט געקענט מאכען די ברכה... און וואָס פאַר אַ ווערדע האָט ער דען געהאַט ביי אונז... און דאָ איז ער געוואָרען אַ גאנצער מאכער: דער פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי! שטייט אויפן באַלעמער און קלאַפּט! קריגט כבוד אָהן א שיעור... זיין ווייב פרעגעלט זיך פון נחת... און דו ביזט געווען א שלימזל און וועסט פאַרבלייבען א שלימזל!...

פּלוצלונג איז דאָס געשען! ער איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון סאָ־

סייעטי! און אַט שטייט ער אַ פאַרפּוצטער אויפן באַלעמער מיט׳ן האמער אין האנט און עפּענט דעם מיטינג. ער פילט זיך אַזוי געהויבען, אַזוי צופרידען. ער באַגעגענט זיך מיט זיין פרוי׳ס אויגען און א חיות צעגיסט זיך אין אַלע זיינע גלידער... ער טיילט ווערטער, ער רופט צו אָרדער, ער קלאַפּט מיט׳ן האמער. ער פילט זיך אין זיבעטען הימעל פון גליק!... ווען ער וואָלט געקענט וואָלט ער אַלעמען ארומגענומען און געקושט... פאַר דעם גרויסען כבוד וואָס זיי האָבען אים ערווייילט פאַר פּרעזידענט! און...

— פּנחס! דו שלאָפסט?! — דערהערט ער זיין ווייב׳ס קול — עס ווערט שפּעט, מיר דאַרפען גיין צום באנקעט!...

פּנחס עפענט די אויגען, קוקט פערווירט אויף זיין ווייב און מורמעלט: אַי א חלום... אַ נארישער חלום... אַי, ווען דאָס וואָלט געווען אין דער ווירקלעכקייט...

א ניט געהאלטענע רעדע

(הומאָרעסקע)

ווען מר. אָקסמאַן וואָלט זיך באַנוגענט מיט די קלענערע אמטען וואָס ער האָט אָנגעהאלטען אין זיין סאָסייעטי און וואָלט זיך נישט געיאָגט נאָך צופיל כבוד, וואָלט ער נישט געהאט אַזאַ מיאוס׳ן אָפּשניט ווי ער האָט געהאט נישט לאַנג צוריק.

מר. אָקסמאַן איז געווען פון די אַלטע מעמבערס אין דער סאָסייעטי, איז געווען אימער אַקטיוו, האָט אָנגעהאלטען פארשידענע אמטען, ווי טרעזשורער, טראָסטי א. ז. וו.

איז כל זמן מר. אָקסמאַן איז געווען א קליין מענשעלע און איז געווען א קבצן אין זיבען פּאַלעס און האָט געוואוינט אין בראַנזוויל, האָט ער זיך באַנוגענט מיט די נישטיגע אמטען אין דער סאָסייעטי, אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעהויבען אַרויפצואַרבייטען און איז געוואָרען באַגליקט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגען אין פאָרעסט הילס, האָט זיך איינגעשאַפט א קאַר און דער

ווייב געקויפט א מינק קאָוט, האָבען זיך זיינע השגות פאַרגרעסערט און ער האָט באשלאָסען, אַז יעצט פאסט אים צו ווערען דער פרעזידענט פון דער סאָ־סייעטי...

דערהויפט פלעגט אים זיין ווייבעל אימער עגבערען איין קאָפּ למאי די סאָסייעטי אַנערקענט אים נישט: למאי ער באַקליידט נישט דעם אמט פון פרעזידענט.

— וואָס, — פלעגט זי טענה'ן, — עס שטייט זיי נישט אָן אַז דו זאָלסט ווערען פרעזידענט פון דער סאָסייעטי? מיט וואָס איז דאָס וועקסעלמאַן, דער קליינער קאַרליקעל, מער יחסן פון דיר? דאָרט אין דערהיים ביי אונז איז שטעטעל האָבען אַלע געוויכט פון אים; מען האָט זיך געשעמט מיט אים אויסצורייידען א וואָרט, און דאָ איז ער געוואָרען פרעזידענט פון דער סאָ־סייעטי, ער מוז ווייזען זיין ווייבעל און דער גאַנצער משפחה, אַז ער איז נישט אבי ווער, אַז ער קען זיין אַ פירער, אַז ער קען עפענען א מויל, אַז זיין נאָמען איז מר. אָסקמאַן.

נו, האָט מר. אָסקמאַן גענומען אריינשלעפען זין, איידעמס, משפחה אין דער סאָסייעטי און ווען עס איז געקומען צו דער נאָמינאציע און וואַלען, איז מר. אָקסמאַן דערוויילט געוואָרען אַלס פרעזידענט.

האָט אָקסמאַן זיך גענומען גרייטען צו דעם אינסטאַליישאָן מיטינג וואָס איז אַלעמאַל געווען אַ גרויסע געשעעניש אין דער סאָסייעטי. מר. אָקסמאַן האָט טאָג און נאכט געשוויצט איבער דעם „ספיטש" וואָס ער וועט דאַרפען האלטען ביי דעם אינסטאַליישאָן מיטינג.

ער האָט געהאלטען אין איין חזר'ן און מאכען רעפּעטיציעס פאַר זיין ווייבעל. ער האָט איינגעלאַדען די לאַנצע משפחה און אויך די מחותנים.

זיין ווייבעל האָט זיך געקויפט א דרעס ספּעציעל פאַר דעם גרויסען יום־טוב.

און ווען עס איז געקומען דער טאָג פון דער אינסטאַליישאָן, האָט מר. אָקסמאַן זיך אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, האָט איבערגע'חזר'ט דעם „ספיטש" פאַר זיין ווייבעל און איז אַוועק צום מיטינג.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט. אַלע זענען געווען טשיקאַווע צו הערען די רעדע וואָס דער נייער ערוויילטער פּרעזידענט וועט האלטען.

אַט שטייט שוין אָקסמאַן אויפ'ן באַלעמער, ער באַטראַכט דעם גרויסען עולם, די גאַנצע משפחה, די מחותנים וואָס זענען געקומען אים אָפּגעבען כבוד. ער כאַפּט א קוק אויף זיין ווייבעל און א חיות צעגיסט זיך איבער אלע זיינע גלידער. וסלה

דער עלטסטער מעמבער פון דער סאָסייעטי אינסטאַלירט אַלע באַאַמטע און אויך דעם נייעם פּרעזידענט. עס איז געקומען מר. אָקסמאַנ'ס רייע צו האלטען זיין רעדע.

ברידער און שוועסטער! — האָט ער אָנגעפאַנגען — איך דאַנק אייך פאַר דעם גרויסען כבוד וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט, און פּלוצלינג האָט זיך ביי אים איבערגעריסען, מען האָט נישט געקענט הערען פון אים קיין קלאָרע ווערטער. ער האָט אָנגעהויבען ווערען נערוועאיש, אַ קאַלטער שוויס האָט אים באגאָסען; ס'האָט אים אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די אויגען. דער גאַנצער האָל מיט די מעמבערס האָבען אָנגעהויבען ווערען קליין און זענען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קליינע פּינטעלעך... ס'האָט אים אָנגעהויבען אויספעלען אָטעם — און ער איז געגעבען אַ פאַל צום דיל און גע'חלש'ט.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז דער מיטינג לאָקאַל געווען ליידיג און זיין ווייבעל איז געשטאַנען איבער אים מיט א פלעשעלע מעדיצין און אים געמינטערט.

פון דעמאָלט אָן האָט מר. אָקסמאַן פאַרלאָרען דעם חשק צו זיין פּרעזידענט פון דער סאָסייעטי.

אויף פּראָבע

(הומאָרעסקע)

מר. מאַרקאָוויץ, איז געגאַנגען אהיים אַ צופרידענער. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינליכע איבעראַשונג, וואָס האָט אים געמאַכט פילען זעהר גליקליך און צופרידען. ער האָט זיך געאיילט אַהיים אָנצוזאָגען די פריילינע נייעס צו זיין ראָזע'ן.

ער טראַכט פון דעם ווי זיין באַלעבאָס האָט אים אַריינגערופען צו זיך אין אָפּיס און אים מיטגעטיילט, אַז ער מאַכט אים פאַר מענעדזשער פון דעם געשעפט, ווייל ער גלויבט אין זיינע פעאיגקייטען. פון איבעראַשונג האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. ער האָט אפילו נישט באַדאַנקט פאַר דעם זיין אַרבעטס־געבער.

ער איז געגאַנגען אהיים, און אַ צופרידענער שמייכעל האָט געשוועבט אויף זיין געזיכט. איצט וועט ער קאָנען לעבען און זיך איבערציען אין אַ בעסערען אַפּאַרטמענט, מיט שיינע מעבעל. ער וועט קאָנען לעבען ברייט, ווי עס פּאַסט פאַר א מענעדזשער פון אַ גרויסער פירמע.

זיין ראָזע וועט זיך קאָנען איינהאַנדלען רייכע קליידער. זי גלייכט זיך דאָך אַזוי צו „דרעסען" צו קליידען זיך „אפ טו דעיט". יאָ, ער וועט איר אויך קויפען אַ שיינעם פּרעזענט. ער וועט איר מאַכען אַן איבער־ראַשונג. זי האָט א פּאָר מאָל אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג פאַר אַ „לאַוועליר". יאָ, ער וועט איר, צוגלייך מיט דער גוטער בשורה, אויך איבערגעבען א שיינעם פּרעזענט.

און באַלד האָט שוין מאַרקאָוויץ מיט אַ שטראַלענדיגען פּנים געיאָגט זיך מיט א שיינעם פּראַכטפולען פּרעזענט פאַר זיין פרוי. ער איז געגאַנגען און פאַנטאַזירט ווי זיין ראָזע וועט אויפנעמען די גוטע בשורה מיט דעם פּרעזענט. זי וועט זיך דאָך אַזוי פרייען! זי וועט זיך פילען אַזוי גליקליך!

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי ער וועט אַריינגיין אין הויז און ער וועט איר דערציילען די גוטע בשורה און זי וועט אים אויפנעמען א צופרי־דענע. זי וועט אויף אים קוקען מיט אירע מילדע אויגען. אַ ליבער שמייכעל וועט זיך צעשפּרייטען אויף איר צאַרטען געזיכט, און צום סוף וועט זי זיך צעטאַנצען פאַר גרויס פרייד. זי איז דאָך אַזאַ טייערע נשמה. זי איז אים דאָך אַזוי געטריי און איבערגעגעבען!

און פאַרוואָס זאָל זי אים נישט זיין געטריי און איבערגעגעבען? — האָט אַן אנדער געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין מוח און פאַרטריבען די פרי־ערדיגע — ער גיט איר נאָך יעדען פאַרלאַנג, איר יעדען קאַפּריז. ער לויפט פאַר איר אין פייער און אין וואַסער אַריין. גאָרנישט איז אים שווער צו טאָן פאַר איר.

אָבער ווי, א שטייגער — האָט ער ווייטער געטראַכט — אַז ער זאָל פלוצלינג פאַרלירען זיין שטעלע, און זיין ראָזע זאָל זיין געצוואונגען צו פאַר־זוכען דעם טעם פון נויט און עס זאָלען איר אויספעלען די אַלע באַקוועמליכ־קייטען, צו וועלכע זי איז איצט שוין צוגעוואוינט ,און זי זאָל זיך דאַרפען אַ ביסעלע פּלאָגען, דעמאָלט — דעמאָלט וואָלט זי מסתמא געוואָרען גאָר אַן אנדערע. זי וואָלט גלויבט ער, זיך געוויס געענדערט.

אָבער פאַרוואָס קריכען אים אַזוינע געדאַנקען אין קאָפּ אריין ? — האָט ער זיך אַליין געמאכט פאַרווירפע — זיין ראָזע איז אים געטריי און איבערגעגעבען. זי ליבט אים מיט׳ן גאנצען פייער פון איר נשמה. איר האַרץ איז פאַר אים ווי אַן אָפען בוך.

און א מאָדנער פאַרדרוס האָט אים ארומגענומען, פאַרוואָס ער האָט גאָר וועגען זיין ראָזע׳ן אַזוינע געדאַנקען.

און אפשר ? — האָט אַן אַנדערער געדאנק זיך גערייצט מיט אים — ווער ווייסט ? פרויען זיינען אויסגעצייכענטע אַקטריסעס ; זיי קאָנען שפּילען טאלאנטפול זייערע ראָלען ; זיי זענען אַ רעטעניש פאַר די מענער. אָבער זיין ראָזע ! — האָט ער זיך אַליין פאַרענטפערט – זי איז אַן אויסנאַם. זי איז נאַאיוו און אומשולדיג ווי אַ קינד. זי וואָלט איר לעבען געאָפּפערט פאַר אים.

— דאָס איז א פיינער איינפאַל ! — האָט ער מיט א שטראַלענדיגען געזיכט צו זיך אַליין געמורמעלט — עס וועט זיין אויסגעצייכענט. ער וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אקטיאָר : יאָ, ער וועט שפּילען זיין ראָלע מיט טאַ־לאַנט, מיט געפיל, ווי אַן עכטער שוישפּילער. זיין ראָזע וועט פון אָנפאַנג א ביסעלע זיך ערגערען, אָבער צום סוף וועט זי זיך גוט אָנלאכען פון זיין געניאלען איינפאַל. יאָ, ער וועט זיין ראָזע׳ן היינט שטעלען אויף פּראָבע, און אויסגעפינען, צי זי איז אים געטריי, צי זי ליבט אים ערנסט.

ווען מאַרקאָוויץ האָט זיך דערנענטערט צום הויז, איז ער געוואָרען ערנסט. זיין בעזיכט האָט אָנגענומען אַ מאָדנעם אויסזען. ער האָט זיך גע־נומען צוגרייטען צו דער ראָלע, וואָס ער דאַרף שפּילען.

— וואָס ביזטו אַזוי צעפלאָמט און צעערגערט, מיין טייערער ? — האָט ראָזע, אַ פאַרוואונדערטע, געפרעגט איר מאַן, ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז אַריין.

— גאָרנישט! — האָט ער אַן אומצופרידער א מורמעל געטאָן — וואָס מאכט דיך דענקען, אַז איך בין צעערגערט?

— דער אויסדרוק פון דיין געזיכט דערציילט דאָס — האָט ראָזע געענטפערט.

— אָט, איך האָב געהאַט אַן ערגערניש. אָבער צו וואָס דארפסטע דאָס וויסען?

— דערצייל! דערצייל! מיין טייערער באהאלט פון מיר גאָרנישט!

— איך האָב זיך צעווערטעלט מיט'ן באָס, האָט ער מיר אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע.

—דערפון דאַרף מען זיך אַזוי ערגערען — האָט ראָזע זיך צעלאכט — אַז דו וועסט זיין געזונט, וועסטו קריגען אַן אנדער שטעלע.

— אָבער עס איז איצט זעהר שווער צו קריגען ארבעט — האָט מאַר־קאָוויץ ווייטער געשפּילט טאלאנטפול זיין ראָלע — און ווער ווייסט ווי לאַנג מיר וועט אויסקומען ארומצוגייען אָן אַ שטעלע. און דאַן, דאַן, צי ווייסטו צו וואָס דאָס קאָן ברענגען?

— נישט געזאָרגט, מיין טייערער, אַ שטעלע פאַר א בוכהאלטערין קאָן איך אלע מאָל קריגען, אָפּילו מאָרגען.

מארקאָוויץ איז געזעסען און אָנגעקוואָלען פון נחת. ראָזע'ס טרייסט־ווערטער האָבען אָנגעפילט זיין האַרץ מיט גליק און צופרידענקייט. אים האָט איצט פאַרדראָסען, וואָס ער האָט זיין ראָזע'ן אומזיסט געפּייניגט און איר גלייך נישט אָנגעזאָגט די פריילכע בשורה.

— ראָזע! — האָט מאַרקאָוויץ זי אַרומגענומען און זי געדריקט צו זיך — איך האָב דיר אָנצוזאָגען א פריילכע בשורה. אנשטאָט צו אנטזאגען מיך פון דער שטעלע, האָט מיין באָס מיך געמאכט פאַר מענעדזשער מיט א גוטען געהאלט.

ראָזע האָט אויף אים געקוקט און געשמייכעלט.

— און איצט מיין טייערער מלאך, האָב איך פאַר דיר געקויפט אַ שיינעם פּרעזענט.

און מארקאָוויץ האָט איר דערלאנגט דעם לאָוועליר.

— וועסט דאָך נישט זיין בייז אויף מיר, מיין טייערע, וואָס איך האָב

מיט דיר געמאכט שפּאַס, און דיר נישט גלייך מיטגעטיילט די פריילּיכע נייעס.

— איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג — האָט ראָזע, לאַכענדיג, געענט־פערט.

— פון וואנען? — האָט מארקאָוויץ אַן איבערראַשטער געפרעגט.

— איך בין געוואָרען אומרואיג, וואָס דו זאמסט זיך אַזוי לאַנג — האָט ראָזע געענטפערט — האָב איך אָפּגערופען דיין אָפיס. האָט דיין באָס מיר דערציילט די פריילּיכע נייעס, אַז ער האָט דיך געמאכט פאַר מענעדזשער.

— און דו, ראָזע, האָסט זיך געמאכט, אַז דו ווייסט פון גאָרנישט! דו האָסט זיין ראָלע געשפּילט ווי אַן עכטע אַקטריסע — האָט איר מאַרקאָוויץ געאכט איר א קאָמפּלימענט — דו האָסט מיך גענומען אויף זיכער.

— אז דו ביזט געוואָרען אַן אקטיאָר, בין איך געוואָרען אַן אקטריסע — האָט ראָזע שטיפעריש געענטפערט.

זי אַנערקענט אים ניט

(הומאָרעסקע)

מר. זעמעל איז שוין פרעזידענט פון דער פּראָגרעסיער אנשי בני רחמים סאָסייעטי באַלד צען יאָר, און ס׳דוכט זיך, אַז ער איז ווי באַשאַפען געוואָרען צו זיין פרעזידענט. ער איז הויך, שלאַנק און מיט א שיינעם קאָפּ האָר און א פּאָר דורכדרינגענדע אויגען, וואָס נעמט אייך דורך.

דערוויילט געוואָרען צו דעם אַמט איז ער דערפאַר, ווייל ער איז אויך דער טשערמאַן פון לאָאַן־פאָנד. די מעמבערס ווילען מיט אים זיך ניט איינ־רייסען, שטימען זיי פאַר אים..

מר. זעמעל איז א שטרענגער און פּינקטליכער. ער פירט די מיטינגען מיט אַן אייזערנער האַנט. ביי אים מוזען זיך די מעמבערס האַלטען אין אָרד־נונג, מען מוז רעדען צום פּונקט. אז ער גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן האמער, מוז

מען ווערען שטיל און זיך אָװעקזעצען. ער שאַנעוועט ניט קיינעם. ער איז דערפאַר זעהר פּאָפּולער און מען האָט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

אַן אויסגעפּוצטער אויפ׳ן באַלעמער, מיט׳ן האמערל אין האנט און אַ שמייכעלע אויף זיין געזיכט, פירט ער דעם מיטינג מיט גרויס ווירדע. ער טיילט ווערטער, גיט באַפעלען און פילט זיך געהויבען.

אים פאַרדריסט נאָר, וואָס זיין דזשעני איז ניטאָ דערביי און זעט ניט וואָס פאַר א כבוד און אָנערקענונג ער קריגט פון זיינע לאַנדסלייט.

דערפאר, אָבער, אַז ער קומט אהיים צו זיין פלונית׳טע, ווערט ער אויס „שיסער״, ער קען אין הויז ניט אויסריידען קיין וואָרט. ער מוז שטומען ווי א פיש...

זיין דזשעני וויל אים ניט אבערקענען האלט פון אים ווייניג... איך הויז מוז ער זיך צוהערען צו אַלץ וואָס זי זאָגט, און רייד פעלט איר ניט... עפּעס א קלייניגקייט די מרס. זעמעל!...

זי איז באוואוסט איבעראל. אין דער לידיס אָקזילערי איז זי טשערליידי, אין אַ צווייטער סאָסייעטי איז זי די סעקרעטארין. זי איז אימער פאַרנומען. זי מאכט אפילס, איז ביזי מיט ארגאנזשירען באזארען... קומט אהיים א הייזעריגע, אַ פארמאטערטע, און ווייסט גאָרניט, אַז זי פאַרמאָגט א מאַן...

אפשר ווילסטו מיך באַגלייטען צום היינטיגען מיטינג? — פרעגט מר. זעמעל זיין פלונית׳טע, אָננעמענדיג זיך מיט מוט. ער וויל איר ציינען, וואָס פאַר א גרויסער קנאקער ער איז, וויפיל כבוד און אנערקענונג ער קריגט פון זיינע לאַנדסלייט.

מרס. זעמעל ווייס וואו ער צילט, און זי ענטפערט:

— וואָס וועל איך דאָרטען טאָן? זען ווי דו שטייסט אַ גאנצען אָװענט און קלאפּסט מיט׳ן האמערל?

— ס׳טרעפט אויך פאַרקערט, אַז מרס. זעמעל וויל איינרעדען איר מאַן, אַז ער זאָל גיין מיט איר צו א מיטינג פון דער אָקזילערי. זי וויל זיך פּלייסען פאַר איר מאַן און אים ווייזען, וואָס פאַר אַן אויפטוערקע זי איז און ווי אַלע פאַרערען איר און גיבען איר אָפּ כבוד.

— וואָס וועל איך דאָרט זען, ווי ווייבער פירען א מלוכה? איך זע דאָס ביי זיך אין הויז...

— אַזוי ? ! — ווערט שוין די מרס. זעמעל אַנגעצויגען — זינט ווען געפעלט דיר ניט די ווייבערשע מלוכה ?

מר. זעמעל ווייס שוין, אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ צו שאַרף וואָרט, און ער וועט שלעכט אָפּשניידען, אויב ער וועט ניט נוצען אַביסעל דיפּלאָמאַטיע.

מיר געפעלט די ווייבערשע מלוכה זעהר גוט, אָבער צווישען צופיל ווייבער ווער איך פאַרלאָרען — פּרובירט ער זיך אַרויסדרייען.

— דאָס אַליין באַווייזט, אַז דו ביזט אַ לעמעשקע — ענטפערט מרס. זעמעל מיט חוזק.

און מאַן און ווייב ווילען איינער דעם צווייטען ניט אַנערקענען און גייען זיך יעדערער זיין אייגענעם וועג.

דער ריכטיגער פּלאַץ

(הומאָרעסקע)

ווען נאָר די דובינס דערהאַלטען אַן איינלאַדונג צו אַ שמחה, ווי אַ חתונה אַ בר מצוה אָדער אַ באַנקעט אַזוי הויבט אָן די מרס. דובין צו קנעַ־לען מיט איר מאַן און איינ׳חזר׳ן ווי אויפצופירען זיך ביים טיש...

און ביים טיש גופא לאָזט זי אים ניט אָפּ פון אויג. זי היט אים ווי אַ גנב. זי לאָזט אים ניט עורב זיין אויף דאָס מינדסטע. ער מוז האַלטען דעם גאָפּעל, מעסער און אַלע מכשירים שטרענג נאָכ׳ן שולחן-ערוך פון עטיקעטע.

די מרס. דובין איז זעהר צירליך־מאַנירליך, זי איז זעהר סענסיטיוו. ס׳איז ביי איר רעכט איבערצולאָזען אַ העלפט חלה אויפ׳ן טעלער, אַבי ניט עובר זיי אויף אַ האָר פון טיש עטיקעטע...

דאַגעגען איז מר. דובין אַזאַ מענש, וואָס איז ניט אַזוי מדקדק אויף עטיקעטע ביים טיש... מר. דובין האָט אַ שוואַכקייט, אַז אַזוי שנעל ווי ער דערזעט אויפ׳ן טיש די געשמאַקע, באַ׳טעמ׳טע מאכלים, פאַרלירט ער זיך. איז אויב עס גייט אים ניט לייכט מיט גאָפּעל־מעסער, העלפט ער זיך מיט

די הענט.. ווייל די הענט זאָגט ער האָט ער מער הנאה ווי צו באַנוצען זיך מיט׳ן גאָפּעל און מעסער...

— מעקס! — דערהערט ער גלייך זיין ווייב׳ס שטילען פּליסטערען — פון וואָס עס פאַלט ביי אים פון שרעק אַרויס די פאַלקע טשיקען פון האנט — מעקס. פאַרשעם מיך ניט! אין דערהיים לאָז איך מיינס איבערגיין, טוסטו ווי די ווילסט, אָבער דאָ, צווישען מענשען, האלט שטאָט, גיי בעסער אוועק אביסעל הונגעריג, אָבער די טיש מאַניערען זאָלסטו אָפּהיטען.

אַז די דובינס האָבען דערהאלטען אַן איינלאַדונג צו די פּרעסקינ׳ס בר־מצוה פּאַרטי, האָט די מרס. דובין ניט פאַרגעסען צו דערמאָנען איר מאַן, אַז ער זאָל אויפּפּאַסען ביים טיש אום זי זאָל ניט האָבען קיין שאנדע.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען צו די פּרעסקינס, איז דאָס הויז שוין געווען אָנגעפּראָפּט און פול באַזעצט. די דובינס האָבען קוים געקראָגען א פּלאַץ ביים א טיש, פאַררוקט העט ווייט, ווייט אין אַ ווינקעל.

— א שאָד, מעקס! — האָט די מרס. דובין באַמערקט מיט פּאַרדרוס, — מיר האָבען פאַרשפּעטיגט. ווען מיר קומען פריער, וואָלטען מיר געזעסען ביים הויפּט־טיש.

— וואָס זאָרגסטו זיך, — האָט מר. דובין אַן אויפגעלעבטער, א מונטערער געענטפערט, — ס׳איז דאָ אויסגעצייכענט א מחיה! דאָ, ביים עק טיש, ביים פאַררוקטען ווינקעל, האָט מר. דובין דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים, א ניט געפּענטעטער, אַ פרייער... די שטרענגע השגחה וואָס ער דאַרף דורכמאַכען פון זיין ווייב, ווען ער קומט מיט איר צו אַ פרעמדען טיש האָט ער איצט ניט געפילט. זי האָט איצט ניט מקפּיד געווען... זי האָט אפילו קיין איינציגען מאָל אים נישט געכאַפּט ביי קיין פעלער אין דער טיש עטיקעטע...

— נו, ווי האָט איר פאַרבראַכט? — האָבען די פּרעסקינס געפרעגט די דובינס, ווען זיי האָבען געהאַלטען ביים פאַרלאָזען די פּאַרטי — האָט איר זיך געפילט כאָטש באַקוועם דאָרט אין ווינקעל?

— אויסגעצייכענט! — האָט מר. דובין אַ באַגייסטערטער געענט־פערט — מיר האָבען זיך געפילט ווי אין דער היים — עס איז געווען דער ריכטיגער פּלאַץ.

נ אָ ר ל אַ כ ע ן

ג ע ס ט

(הומאָרעסקע)

לעצטען זונטאָג אינדערפרי, ווען איך בין אַרונטער פאַר אַ שפּאַציר אין גאַס, האָב איך געטראָפען מיין שכן זיצענדיג אויף אַ באַנק אין פּאַרק. פון אָנפאַנג האָב איך געמיינט, אַז מיינע אויגען נאַרען מיר אָפּ. אָבער אַז איך בין צוגעקומען נענטער, האָב איך דערקענט מיין שכן, בערמאַן.

— גוט מאָרגען! — האָט ער מיך האַרציק באַגריסט און זיך דערפרייט מיט מיר.

— גוט מאָרגען, גוט יאָר!

— זעצט זיך — האָט ער מיך איינגעלאַדען זיך צו זעצען לעבען אים.

— וואָס טוט איר דאָ אין אַזאַ הייסען טאָג? — האָב איך, ניט לאַנג ווארטענדיג, אים אַ פרעג געטאָן — איר האָט, דאכט זיך, א באַנגעלאָ ביים ים?

— יאָ, מיר האָבען א באַנגעלאָ.

— איז וואָס טוט איר דאָ?

— איך בין געקומען אַהיים זיך אַביסעל אָפּרוען — האָט ער סאַר־קאסטיש געענטפערט.

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָב איך געפרעגט.

— איר פארשטייט — האָט ער געזאָגט, — מיר פלעגען אַלע יאָר זיך נוהג זיין צו פאָרען אין די בערג. איך בין זעהר אַ גרויסער ליבהאָבער פון די בערג. פאַרקערט, מיין פלונית׳טע איז פאַרליבט אין ים. זי גלויבט, אַז באָדען זיך אין ים איז איר בעסטע מעדיצין— פלעגט זי מיר פונדעסטוועגען נאָכגעבען און פאָרען זומערען אין די בערג.

דאָרטען אין די בערג פלעג איך זיך פילען זעהר גוט און אָנגענעם. די שטילקייט, די רואיגקייט, פלעגט אויף מיר זעהר גוט ווירקען און איך פלעג פון דאָרטען קומען ווי אַ נייער מענש.

נו, האָט אָבער האיאָר איר שוועסטער, דאָס הייסט מיין שוועגערין, צו־גערעדט מיין ווייב, אַז זי זאָל פאָרען צום ים. בכן, זי האָט געליטען אויף די פיס און דער ים האָט איר געהאָלפען, און אַזוי ווי מיין אידענע ליידט

אויך אויף די פיס, האָט זי איר פאַרזיכערט, אַז באָדען זיך אין ים וועט זי אויסהיילען פון אַלע קראַנקהייטען... איז פרעגט שוין גאָרנישט! ווי נאָר עס קומט דער וויק־ענד ווערט ביי מיר אין באַנגעלאָ א גאַנצער יריד... פעטערס, מומעס, קוזינס, קוזינעס, שוואָגערס, שוועגערינס מיט קינדער באַפּאַלען מיין באַנגעלאָ. עס ווערט א הו־האָ און א טומעל — אַז הימעל עפּען זיך!...

מען שרייט, מען גוואַלדעוועט... וואו מען טוט זיך אָ קער וואַלגערען זיך נאַסע ביידינג־סוטס. מיין ווייב שטייט אַ פאַרשוויצטע: קאָכט, ראַמט און נעמט אויף די געסט. איך דריי זיך אַרום ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער און געפין זיך ניט קיין אָרט.

מיינט איר דאָך אַוודאי, אַז מיין ווייב באָדט זיך? — עס הויבט זיך ניט אָן. זי איז אַזוי פאַרנומען מיט די געסט, אַז זי פאַרגעסט אַז זי דאַרף זיך באָדען.

און אַז ס'ענדיגט זיך דער וויק־ענד פאַלט מיין פרוי אַוועק און קאָן נישט רירען מיט קיין אבר...

האָב איך מיר זיך דערטראַכט, אַז אויף די וויק־ענדס פאָר איך מיר אַוועק אין שטאָט, צו זיך אַהיים, און מייד אויס דעם גאַנצען רעש און טומעל פון די אָנגעלאָפענע געסט אין באַנגעלאָ.

מיינט איר דאָך אודאי, אַז מיין פרוי וואָלט ניט געטאָן וואָס איך, — האָט מיין שכן פאַרענדיגט. — וויל זי אָבער ניט פאַרשעמען די געסט. עס איז דאָך עפּעס משפּחה!...

אוים ליבע צום טאַטען

(הומאָרעסקע)

איך האָב דעם מיסטער גליקמאַנ'ען באַגעגענט אין אַ האָטעל אין די בערג לעצטען זומער, און ער האָט גלייך געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט, מיט זיין אויסטערלישען אויסזען: אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ פּאָר קליינע, וואַסערדיגע אויגען, וואָס האָבען אויסגעקוקט ווי האַלב־פאַרמאַכט, און מיט

דער צעקוועטשטער העט, וואָס ער האָט אַלעמאָל געטראָגן אויפ׳ן קאָפּ (פּי־לייכט צו פאַרדעקן זיין פליך וואָס ער האָט פאַרמאָגט). ער האָט מיט קיינעם ניט אויסגערעדט קיין וואָרט; ער פלעגט אָפּזיצן שעה׳ן איינער אַליין אויפ׳ן פאָרטש און זיך באַווייזן נאָר צום טיש ביים עסן... און אויך ביים עסן פלעגט ער מיט קיינעם ניט פאַרציען קיין שמועס, און אַזוי שנעל ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן מאָלצייט, איז ער פאַרשוואונדען.

איינמאָל, ווען איך בין מיט אים געזעסען אַליין אויפ׳ן פאָרטש — דאָס איז געווען אין אָוונט, ווען אַלע געסט זיינען געווען אין דער קאָסינאָ ביי אַ פאָרשטעלונג — האָט ער פלוצלינג זיך צוגערוקט צו מיר און ניט דרייסט אַ פרעג געטאָן, צי ער קען מיר עפּעס דערציילען.

— מיט פאַרגעניגען — האָב איך געענטפערט — דאָ אין קאָונטרי איז דאָ גענוג צייט אויסצוהערען אַלעמען.

— ווען איך בין מיט זעקס יאָר צוריק פאַרבליבען אַן אלמן — האָט ער אָנגעהויבען דערציילען און זיין געזיכט האָט זיך ווי מיט אַ וואָלקען פאַרצייגן — איז אַרויס אַ קלאַנג אין דער פאַמיליע, אַז איך האָב געפונען אַ פאָר פעטע בענק־ביכלעך, מיט אַ גרויס פאַרמעגען, וואָס מיין פאַרשטאָרבענע פרוי האָט אָפּגעשפּאָרט אין די העכער פיר־צענדליג יאָר, וואָס מיר זענען געווען פאַרהייראַט. אַזוי ווי איך האָב דעם קלאַנג ניט אָפּגעלייקענט, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ פאַקט; און די פאַמיליע, ווי אויך מיינע קינדער האָבען מיר אָנגעהויבען צו האַלטען פאַר אַ רייכען מאַן...

אַ פאָר וואָכען נאָך שבעה קומט צו לויפן מיין עלטערע טאָכטער (איך האָב דריי טעכטער מיט איין זון) און הויבט אָן איינ׳טענה׳ן מיט מיר:

— פּאַ, קום צו מיר — זאָגט זי — וואָס וועסטו זיצען איינער אַליין מיט די פיר ווענט? דו וועסט ביי מיר האָבען אַ שיינעם, ליכטיגען צימער, מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, אויך אַ שוהל איז דאָ דערביי; איך פאַרזיכער דיר, אַז ס׳וועט דיר ביי מיר גאָר ניט פעלן

איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיך איבערלייגען

אַ פאָר טעג שפּעטער קומט צו גיין מיין מיטעלסטע טאָכטער, פון לאָנג איילענד, און בעט מיך אויך צו קומען זיין ביי איר. זי האָט מיר פאַרזי־כערט, אַז עס וועט מיר ביי איר גאָר ניט פעלען; אַז זי האָט פאַר מיר אַ

פּראַכטפולען צימער; אַז ס'איז ביי איר רואיג, שטיל, און איך וועל זיך פילן ווי ביי זיך אין דער היים. דעסגלייכען האָט מיין אינגערע טאָכטער געלאָזט פון זיך הערן אַז איך זאָל קומען צו איר וואוינען ,פאַרזיכערענדיג, אַז זי וועט מיך אָפּהיטען ווי די אויגען אין קאָפּ און מיר וועט זיין ביי איר גוט ווי די וועלט.

מיין זון מיט דער שנור האָבען אויך ניט געשוויגען. זיי זענען געקומען צולויפען און מיך געבעטען, אַז איך זאָל קומען זיין ביי זיי. די שנור האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, מיר איבערצוציייגען, אַז זי איז מיר געטריי און איבערגעגעבען; אַז זי וועט מיר אַוועקגעבען דאָס בעסטע צימער, וואָס זי פאַרמאָגט; אַז זי וועט מיר מאכען די בעסטע מאָלצייטען. הכלל, אַלע קינדער האָבען מיך געוואָלט האָבען ביי זיך. זיי האָבען געוואָלט אריבער־שטייגען איינער דעם צווייטען, אין געטריישאפט און איבערגעבענקייט צו מיר...

ענדליך האָבען די קינדער צווישן זיך באשלאָסען, אַז איך זאָל דער־ווייל גיין צו דער עלטערער טאָכטער,, וואָס וואוינט אין ברייטאָן־ביטש, ווייל דאָרטען האָב איך פאַרבראַכט אַלע מיינע יאָרען; דערצו איז ביי איר רואיגער, און איך וועל זיך דאָרטען פילען אַ סך באקוועמער. שפּעטער וועל איך זיין ביי די איבעריגע קינדער, נאָך דער ריי נאָך.

איך האָב זיך אַפילו געקוויינקעלט און ניט געהאַט קיין חשק אויפ־צוגעבן מיין באַלעבאַטישקייט און גיין זיין ביי די קינדער. אָבער זיי האָבען זיך איינגעשפּאַרט אַז איך טאָר ניט זיין אַליין, אַז זיין מיט זיי איז פאַר מיר דער בעסטער אויסוועג.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ביי יעדען קינד, וואָס איך בין געווען, איז מיר געווען גוט ווי די וועלט; מען האָט מיך באהאַנדעלט מיט כבוד, אָנשטענ־דיג, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר, אָפּגעהיט מיך מיט'ן עסען, געזען, אַז עס זאָל מיר גאָר ניט פעלען. אַלע מיינע פריינט האָבען מיך מקנא געווען, וואָס איך האָב אזא גוטען מזל און אַזוינע טייערע, איבערגעגעבענע קינדער.

— דו ווייסט, פּאַ, האָט זיך מיין אינגערער איידעם, אַן אינשורענס אגענט, איינמאָל אָפּגערופען צו מיר — ס'איז פאַראַן זעהר אַ גוטער „סטאַק" אויפ'ן מאַרקעט; וואָלט איך געוואָלט, אַז מיר זאָלען דאָס קויפען צוזאַמען, אַלס „פּאַרטנערס", און שפּעטער וועל איך דיר מיין חלק אומקערען.

איך האָב זיך אַרויסגעדרייט מיט א תירוץ, אַז איך גלייך ניט צו קויפען קיין „סטאָקס”, ווייל איך גלויב נישט אין ספעקולאַציע.

זינט דאַן האָט מיין אינגערער איידים זיך אויף מיר אָנגע׳ברוגז׳ט און אויך מיין טאָכטער איז געוואָרען קאַלט צו מיר...

מיין מיטעלסטער איידעם האָט אויך, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס. געמאַכט א פאָרשלאָג אַז מיר זאָלען קויפען אַ הויז בשותפות, ווייל די רומס אין וועלכע ער וואוינט איז צו ענג פאַר אים — האָט ער געזאָגט.

נו, האָב איך אים געגעבען צו פאַרשטיין, אַז איצט איז ניט די צייט צו קויפען הייזער, ווייל די פּרייזען זענען צו הויך און מען דאַרף אָפּוואַרטען א שטיקל צייט.

דאָ ניט לאַנג, ווען איך האָב ביי מיין זון פאַרבראַכט אַ „וויק-ענד”, האָט מיר מיין שנור פאַרטרויט אַ סוד, אַז די ביזנעס גייט ביי זיי ניט אַזוי פויגעלדיג און באַלד טאָקע האָט זיך מיין זון צו מיר אָפּגערופען

— דו ווייסט, פּאַ, איך וויל ביי דיר אויסבאָרגען א פּאָר טויזענט דאָלאַר אויסצוצאָלען מיין פאַרטנער, ווייל פאַר צווייען טראָגט ניט די ביזנעס.

— ווען איך וואָלט געהאַט דאָס געלט, וואָלט איך דיר זיכער געגעבען — האָט איך געענטפערט.

— און וואו איז דאָס קאַפּיטאַל, וואָס דו האָסט געפונען פון דער מאַמען ?

— האָט ער אַן אויפגערעגטער געפרעגט — וואו האָסטו דאָס אהינגעטאָן ?

איר ווילט דאָך אודאי וויסען דעם סוף פון דער מעשה — האָט דער איד מיט אַ שמייכעל פאַרענדיגט — איך געפין זיך צוריק אַליין מיט די פיר ווענט און האָב ניט מיט וועמען אויסצורעדען א וואָרט...

וואָלף איוועניסקי

דער יורד

(הומאָרעסקע)

דאָ אַנומעלט, ווען איך בין געווען ביי אַ מיטינג פון מיין לאַנדס־מאַנשאַפט סאָסייעטי, האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין לאַנדסמאַן מר. פּוטערמאַן, וועלכער איז געווען פון די ערשטע גרינדערס פון דער סאָסייעטי. ער איז אויך געווען איר פירער און פאַר צענדליגער יאָרען איר פּרעזידענט. מען האָט געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. זיין וואָרט איז געווען געזעץ. ווען עס פלעגט קומען ערב אַן עלעקשאַן, און ער איז, ווי דער שטייגער איז געווען, נאָמינירט געוואָרען פאַר פּרעזידענט, האָט קיינער ניט געוואגט צו לויפען געגען אים. ער פלעגט דערווײלט ווערען איינשטימיג.

ער איז געווען זעהר צופרידען מיר צו טרעפען אויף דעם מיטינג. ער האָט מיר שוין ניט אָפּגעלאָזען. נאָכ'ן מיטינג האָט ער מיר איינגעלאַדען צו האָבען מיט אים קאַפּע אין אַ דערבייאיגער קאַפעטעריע.

— איר הערט ? — האָט ער אָנגעהויבען פאַררויכערענדיג אַ ציגאַר — מיר לעבען אין אַן אויסטערלישער וועלט, אָט איז מען אויבען אויף דעם שפּיץ, און אָט פאַלט מען אראָפּ, אָט אַפּלאָדירט מען דיך און מען האלט דיך פאַר א גאָט, און אָט חוזק'ט מען אָפּ פון דיר— און מען וויל דיר בישט קענען.

— אייך איז דאָך באוואוסט — האָט ער זיך צעוואַרעמט — וואָס איך האָב אויפגעטאָן פאַר דער סאָסייעטי און פאַר אונזערע לאנדסלייט אויף יענער זייט ים, קיין שום זאַך האָט זיך ניט אָנגעהויבען אָן מיר. ווער האָט געגעבען די גרעסטע ביישטייערונג פאַר רעליף ? — מר. פּוטערמאַן, און אַז א לאנדסמאַן האָט זיך גענויטיגט אין הילף, צו וועמען איז מען געקומען ? צו מיר. די סאָסייעטי איז געווען ביי מיר אַלץ אין דער וועלט. איך בין געווען איבערגעגעבען צו די מעמבערס ,ווי אַ טאַטע צו זיינע קינדער. די סאָסייעטי האָט מיט מיר שטאָלצירט, מיר אָפּגעגעבען כבוד, מיר געזעצט אויבען אָן. א קליינינקייט מר. פּוטמעראן !

און ניט איין ברודער פון דער סאָסייעטי, האָט מיר צו פאַרדאנקען פאַר וואָס איך האָב אים ניט געלאָזט זיך אויסגליטשען, און איצט איז ער אַן ערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן. — און היינט — האָט ער זיך גערעדט מיט כעס —

קוקט זיך קיינער אויף מיר ניט אום — מען לאָזט מיך זיצען ביי דער טיר, אַזוי ווי איך וואָלט גאָרניט עקזיסטירט אויף דער וועלט. און נישט נאָר אין אונזער סאָסייעטי — האָט ער זיך ווייטער געקאָכט — האָב איך פאַרנומען דעם אויבענאָן, נאָר אויך אין מיין פאַמיליע האָט זיך קיין זאך נישט אָנגעהויבען אָן מיר. ביי אַלע שמחות, ווי א ברית, בר־מצוה, אָדער א חתונה, בין איך געווען דער הויפּט מחותן. איך בין געזעסען אויבענאָן און געקראָגען קאָמפּלימענטען און אַ סך כבוד. איך בין געווען דער איינציגער אין דער פאַמיליע וואָס האָב פאַרמאָגט אַן אויטאָמאָביל און געשיקט דאָס ווייב אין די שענסטע האָטעלען אין די בערג. איך האָב איר געקויפט טייערע דזשולערי. און קאָסטבארע פוירזשען לעם קאָוטס.

— און אַז מיין ווייבעל פלעגט זיך באַווייזען — האָט מר. פּוטערמאַן פאָרגעזעצט — אויף אַ מיטינג מיט אירע ברילּיאַנטען און מיט איר פוירזשען לעם קאָוט, פלעגען אַלע פרויען זי מקנא זיין און זיי פלעגען אויסרופען: — אָט גייט מרס. פוטערמאַן — אָט גייט דעם פּרעזידענט׳ס פרוי.

און זיי פלעגען איר באַגריסען מיט א זיסען שמייכעל, און מיין פרוי האָט געפילט, אַז זי איז די „ערשטע לעידי״ אין דער סאָסייעטי, און זי פלעגט זיך טאקע מיט דעם איבערנעמען.

און אין שול האָב איך אויך געהאט דעם אויבענאָן. איך בין דאָרט אויך געווען פּרעזידענט. איך בין געשטאַנען אויפ׳ן באלעמער און געטיילט עליות, געזאָגט מבינות אויף חזנים, און קיין זאך האָט זיך אָן מיר נישט געטאָן.

און צו וועמען איז מען געקומען נאָך א גמילת־חסד׳ל? איר האָט געטראָפען!... צו מיר, מר. פּוטערמאַן! האָט איינער זיך גענויטיגט אויף פּסח, האָט מען זיך געווענדט צו מיר. איך האָב קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, יעדען נויטבאדערפטיגען האָב איך געהאָלפען. און מיינט איר אַז איך האָב געליען מיין געלט? עס הויבט זיך ניט אָן! איך בין געווען אין דעם לאָון פאַנד דער גאנצער מאכער. איך בין געווען דער טרעזשורער, דער טראָסטי, און מען האָט מיר געטרויט. מען האָט מיר נישט געפרעגט קיין חשבון. נו, בין איך געווען אַ גוטער און איך האָב געטאָן אלעמען טובות...

ווען עס פלעגט קומען ערב אַן אונטערנעמונג אין דער סאָסייעטי,

בין איך געווען דער טשערמאַן פון דער אראַנדזשמענט קאָמיטע. מיין בילד מיט מיין באַגריסונג זענען געשטאַנען אויף דעם פראָמינענסטען פּלאַץ אין דעם זשורנאַל. מיין פרוי פלעגט קלייבען נחת, קוקענדיג אויף מיין בילד.

— אָבער איצט — איז מר. פּוטערמאַן אָנגעגאַנגען מיט זיין מאָנאָ־לאָג — בין איך אַרונטער פון מיין גדולה. אַלע אין אונזער סאָסייעטי און דער משפּחה האָבען זיך אַרויפגעאַרבעט. אלע אין דער משפּחה וואוינען אין מאָדערנע נייע אַפּאַרטמענטס, פאַרמאָגען טייערע קאַרס, שיקען זייערע פרויען אין גרויסע לוקסוס האָטעלען, פאָרען יעדען ווינטער אין פלאָרידאַ, און מיין פרוי, נעבאַך, האָט זיך ניט מיט וואָס איבערצוטוּנעמען.

— אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ — האָט מר. פּוטערמאַן ווייטער גערעדט זופּענדיג זיין קאַפע — איצט האָב איך צרות פון מיין אידענע. איצט וויל זי, אַז איך זאָל איבערשטייגען די אנדערע אין דער משפּחה. זי פאָדערט אַז איך זאָל קויפען דוקאָ אַ קעדילאַק, שיקען זי אין רייכע האָטעלען און אַריינעמען אַ „מעיד" אין הויז אַריין... נו, פרעג איך אייך, האָט זיך די וועלט ניט איבערגעדרייט מיט׳ן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס אַרויף?...

אסתר׳קע

(ערציילונג)

אין דעם טאָג ווען די פרעהליכע, לוסטיגע אסתר׳קע איז אָנגעקומען אין דרוק ארבעטען איז אַלץ ווי אויפגעלעבט געוואָרען. עפּעס האָט זי אין יעדען איינעם פון אונז אַרבעטער אריינגעבלאָזען אַ נייע נשמה, אַ ניי לעבען. עפּעס האָט יעדער איינער פון אונז גענומען פילען פרעהליכער, לעבעדיגער און רירעוודיגער, און אפילו שמחה דער אלטער בחור וואָס פלעגט אויסמיידען צו קוקען אויף די מיידלאָך פון דרוקעריי, פלעגט אויך פאַר׳גנב׳וועטערהייד כאַפּען אַ בליק אויף איר און פלעגט זיך פאַרויטלען...

עס פלעגט מיר אויסקומען צו אַרבעטען לעבען איר און איך פלעג ניט ארונטערנעמען די אויגען פון דער שעהנער, פרעהליכער אסתר׳ן. ניט

איינמאָל פלעג איך מאכען א טעות אין זעצען די שריפט ווייל איך פלעג פאַרגעסען וואו איר האלט.

אסתר׳קע דאָס איז געווען א מיידעל אַ פייער! אַ ברען! האָט זי געלאכט, האָט איר געמוזט מיטלאכען. האָט זי גערעדט האָט זי געצוואונגען אַז אלע זאָלען זיך צו איר צוהערען, און האָט זיך אויף אייך אָנגעשטעלט אירע צוויי שווארצע קארשען אויגען, האָט איר געפילט ווי זי בריט אייך מיט אירע בליקען און דרינגט אַריין אין אייער הארץ. שפּעטער, ווען מיר זיינען אַביסעל מער באקאנט געוואָרען, פלעגען מיר גיין צוזאַמען אַהיים. עס רעדט זיך אַזוי גרינג צו גיין מיט אסתר׳קען אהיים, ווייל קיין בעלנים צו באגלייטען אסתר׳קען אהיים האָבען ניט געפעלט, פאַרערער האָט זי פארמאָגט א סך. אָבער איך פלעג אים שטענדיג אויסמאַרקירען אַז איך זאָל זיין דער יעניגער וואָס זאָל אסתרק׳ן באגלייטען אַהיים.

און טאָמער פלעגט אמאָל אַן אנדערער איר באגלייטען אַהיים, פלעג איך האָבען א שלאָפלאָזע נאכט, און פלעג קוים דערלעבען דעם פרימאָרגען איר ווידער צו זען...

זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געבאָרען געוואָרען לעבן קיעוו אויף א דאָרף אַז זי איז פאַרבליבען א קיילעכדיגע יתומה צו זיבען יאָר. ס׳איז אַזוי געווען: אירע עלטערען האָבען געהאַלטען אין אַרענדע, א קרעטשמע. זיי זיינען געווען גאַנץ פאַרמעגליך, זי איז געווען דאָס איינציגע קינד ביי אירע עלטערען. זיינען איין מאָל אין מיטען דער נאַכט רויבער באַפאַלן זייער קרעטשמע, דער׳הרג׳עט דעם טאטען מיט דער מאמען און צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבען פארמאָגט. זי איז געבליבען לעבען ווי דורך א נס.

זי האָט זיך ערצויגען ביי אַ פעטער, איר טאטענס א ברודער אין קיעוו. זי האָט דורכגעמאכט עטלעכע קלאַסען גימנאזיע. און דאָ אין שטאָט געפינט זי זיך ניט מער ווי אַ יאָר. זי שטייט איין ביי א טאנטע און איר איז זעהר ניט אָנגענעם צו זיין ביי דער טאנטע, ווייל איר מאן איז זעהר אן אונוויסענדער, פאַרגרעבטער מענש. דערצו טרינקט ער, און ווען ער קומט אהיים א שכור׳ער מאכט ער סקאנדאדלען. און אַזוי שנעל ווי זי וועט זיך צוגעוואוינען צו איר נייער באשעפטיגונג וועט זי זיך אריבערקלייבען אין א נייער דירה. פלעג

איך אַ גאַנצען טאָג ציילען די מינוטען און שטונדען אַז איך זאָל קענען באַ־גלייטען אסתר׳קען אהיים. איך דער 18 יעהריגער בחור פלעג זיך פילען ווי פאַר׳קשופ׳ט פון גליק... פון וואָס פלעגען מיר ניט ריידען! און אסתר׳קע פלעגט לאַכען און שטיפען ווי אַ קינד און מיר אויך אָנשטעקען מיט איר פרעהליכקייט...

אונזער דרוק האָט זיך גערעכענט פאַר דעם גרעסטען אין דער גובער־ניע. מיר האָבען געאַרבעט פאַר דער רעגירונג. אַלע 5 יאָר פלעגט זיין אַ „ביד" און מיר פלעגען אַלע מאָל קריגען דעם קאָנטראַקט. עס זיינען געווען באַשעפטיגט אין דרוק אַרום הונדערט מענשען. די פאַבריק האָט באַלאַנגט צו אַן אלמנה מיט צוויי זין. דער עלטערער פון די צוויי זין איז געווען אַ סטודענט און האָט שטודירט אין אויסלאַנד. ער פלעגט אַרונטערקומען איינמאָל אַ יאָר זען צו אַלץ איז אין אָרדענונג, האָבען קאָנפערענצען מיט די אויפזעער, זען וועמען מען דאַרף העכערען שכירות און א. ז. וו., און עס געדענקט זיך מיר וואָס עס פלעגט זיך אָפּטאָן ווען מען פלעגט ערוואַרטען אָט דעם גע־הויבענעם גאַסט פון אויסלאַנד. אַלע פלעגען זיין באַשעפטיגט, מען האָט געראַמט, געפּוצט די מאַשינען. יעדער איינער האָט געוואָלט אויסנעמען ביי דעם חשוב׳ן, גרויסען גאַסט, וואָס קומט אַזש פון אויסלאַנד.

און אָט האָט זיך אין דרוקעריי צוטראָגען די נייעס, אַז דער בעל-הבית, דער סטודענט איז שוין דאָ און ער וועט באַלד באַזוכען די פאַבריק. אַלע פלעגען זיך אַוועקשטעלען לעבען די מאַשינען אויסגעפּוצט, אָנגעצויגען יום-טוב׳דיג געשטימט.

און אָט פלעגט זיך באַווייזען די סוויטע, דער בעל-הבית, דער סטו־דענט, אין מיטען אַרומגערינגעלט פון די אויפזעער וואָס פלעגען אים באַ־גלייטען אויף שריט און טריט. די עלטערע אַרבעטער וואָס האָבען נאָך גע־אַרבעט פאַר זיין פאָטער פלעגט ער געבען אַ שלום-עליכם, די אינגערע פלעגט ער באַגריסען מיט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ. ער פלעגט זיך אָפּשטעלען ביי יעדען מאַשין און רעדען צו די עלטערע אַרבעטער אַ פּאָר ווערטער, צום מייסטער און גייען ווייטער באַגלייט פון די אויפזעער. אַזוי פלעגט ער עולה רגל זיין די גאַנצע פאַבריק וואָס האָט פאַרנומען אַ גרויסען שטח מיט פאַרשידענע אָפּטיילונגען.

ווען דער סטודענט, דאָס הייסט, דער ביל־הבית, איז צוגעקומען צו אסתר׳קעס מאשין וואו זי האָט געאַרבעט, האָט ער זי גאַנץ העפליך באגריסט ווי זי וואָלט געווען פון די אַלטע אַרבעטער. ער האָט מיט איר פאַרבראַכט א ווײַלע וואָס דאָס איז געווען אַ רעטעניש פאַר די ארבעטער אין שאַפּ, און האָט איר אײַנגעלאַדען צו באַזוכען אים אין קאַנטאָר. איך האָב געברענט פון אײַפּערזוכט אויסצוגעפינען וואָס דער בעל־הבית האָט מיט איר גערעדט און צו וואָס ער האָט איר געלאַדען אין קאַנטאָר. איך האָב זיך פּרו־בירט צו קאָנטראָלירען, אָבער אין מײַן יונגען מוח האָט געבושעוועט פאַרשידענע משוגע׳נע געדאנקען.

פאַרשידענע געדאנקען האָבען זיך א גאַנצען טאָג געפּלאָנטערט אין מײַן יונגען מוח. איך האָב ניט געהאט קיין רוה, איך האָב שוין קוים דערלעבט, אַז דער טאָג זאָל זיך ענדיגען. ווען מיר זײַנען געגאַנגען בײַנאכט אהיים, האָט מיר אסתר׳קע דערציילט, אַז דער בעל־הבית וויל זי זאָל ארבעטן אין קאַנטאָר אַלס געהילף צו דער בוכקיפּערין, אַז ער גייט פאַרברײַנגען דאָ א גאַנץ היבשע צײַט, ווײַל ער רעכענט אויפצוגעבען זײַן שטודיום.

די לעצטע ווערטער האָב איך שוין גאָרניט געהערט, אַזוי האָט מיר די בשורה ערשטוינט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוטה און געפרעגט בײַ אסתר׳קען צי זי איז צופרידען מיט דעם אָנבאָט פון דעם בעל הבית. — איך דאַרף נאָך באשליסען היינט מאָרגען, צי איך זאָל דאָס אָננעמען — זאָגט זי.

— ענדליך האָט אסתר׳קע אונטער דעם דרוק פון איר מומע אָנגע־נומען צו אַרבעטען אַלס געהילף, אין קאַנטאָר. איך בין ארומגעגאַנגען ווי א צודולטער, איך האָב זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט. מיר פלעגט זיך פאָרשטעלען ווי אסתר׳קע זיצט דאָרט אין קאַנטאָר מיט דעם בעל־הבית און פאַרברײַנגען צוזאַמען, לאַכען, שטיפען, און דעם געדאַנק פלעג איך פילען ווי איך ווער געביסען פון אַ גיפטיגער שלאַנג. איך האָב פּרובירט ווערען נאָך טעטיגער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך פלעג אָננעמען די געפערליכסטע און געוואַגסטע אַרבעט, כדי אַרויסצושלאָגען אסתרקען פון קאָפּ און צו פאַרטרײַבען מײַן צײַט. אָבער אסתר׳קע האָט מיך פאַרפאָלגט אויף שריט און טריט און איך האָב איר פאַר א מינוט ניט געקענט פאַרגעסען. איך האָב איר פון מײַנע געדאנקען ניט געקענט פאַרטרײַבען ביז וואנען

איך האָב אויסגעארבעט א פלאַן אריינצוגעמען איר אין דער פּאַרטיי. יע, דאָרט וועל איך זיין נאָענט צו איר. מיר וועלן ביידע אַרבעטען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נישקשה, אסתר׳קע וועט ווערען אַ גוטע רע־וואָלוציאָנערקע, און אפשר וועט זי מיט איר פייערדיגען טעמפּעראַמענט באגייסטערען נאָך מענשען, אַז זיי זאָלען ווערען אָנגעשטעקט מיט דעם זעלבען אידעאַל.

איז ווען איך האָב אסתר׳קען איין מאָל אין אַן אָוונט אוועקגעלייגט א שטיק אגיטאציע און האָב מיט מיין גאַנצען טאַלאַנט פּרובירט איר איבער־צייגען פאַרוואָס אַלס ארבעטאָרין דאַרף זי באלאנגען צו דער סאָציאַליסטישער פארטיי, האָט זי אויף מיר געקוקט מיט אירע שעהנע, גרויסע אויגען און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אַ סימן אַז זי איז איינשטימיג מיט מיר, און מיינע רייד האָבען געהאט אויף איר אַ ווירקונג.

זי איז געוואָרען אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי. זי האָט מיט פליס, מיט איר גאנצער ענערגיע געארבעט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. קיין זאַך איז איר ניט געווען צו שווער צו טאָן פאַר דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל. זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געפאר, ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס דורכפירען.

די פּאַרטיי האָט ביי אונז אין שטאָט אראנזשירט אַ גרויסע דעמאָנ־סטראַציע צו פּראָטעסטירען געגען דעם וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אויפ־געהאַנגען 2 רעוואָלוציאָנערען. אסתר׳קע איז געווען די גאנצע איניציאַטאָרין אין אָרגאַניזירען פון דער דעמאָנסטראַציע. שוין פון גאַנץ פרי אָן האָבען זיך געקליבען מאסען אַרבעטער מיט פאָנען, גרייט צו מאַרשירען. די פּאָליציי האָט גענומען שריט צו פאַרווערען די דעמאָנסטראַציע. דער טאָג איז געווען פראכטפול שעהן און האָט געוועקט מוט ביי די דעמאָנסטראַנטען, וואָס האָבען פאַרפלייצט די גאַסען.

אסתר׳קע איז ארומגעלאָפען א פאַרשוויצטע אָנגעטאָן אין אַ רויטע רובאשקע געבענדיג באַפעלען צו די דעמאָנסטראַנטען און איגנאָרירענדיג די באַפעלען פון דער פּאָליציי...

און אָט האָט זיך פון אַ גאס די מאסע א לאָז געטאָן מיט פאָנען און אונטער דער קלאַנג פון דער מאַרסעליעזע גענומען מאַרשירען. די פּאָליציי

האָט זיך געשטעלט ווי אַ וואנט געגען די דעמאָנסטראַנטען, און פּלוצלינג איז די לופט פאַרהילכט געוואָרען פון אַ שיסעריי און מענשען האָבען גענומען פאַלען ווי זאַנגען צו דער ערד!!...

אַז דער רויך איז פאַרשוואונדען איז אסתר׳קע געלעגען אין אַ טייך בלוט.-.

אסתר׳קע! אסתר׳קע! — האָב איך איר געכאפּט און זיך געלאָזט לויפען אונטער אַ האָגעל פון קוילען — דו מוזט לעבען! — דו מוזט!

און אסתר׳קע האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען אין וועלכע עס איז געווען אַ ים פון ליבע. איך שטארב! — איך גיי דיר פאַרלאָזען! זע, פאַרגעס ניט אָן מיר... קעמף פאַר אַ בסערער וועלט... פאַר אַ פרייע וועלט.. און אירע שעהנע אויגען האָבען זיך צוגעמאכט אויף אייביג..

און עד היום קען איך אָט די טראַגישע פּאַסירונג מיט אסתר׳קען ניט פאַרגעסען, און עס דוכט זיך מיר אַז איך בין די אורזאַכע פון אסתר׳קעס פריהצייטיגען טויט.

ב י נ ג אָ!

זינט עס איז אַריין אין דער מאָדע בינגאָ, איז מיר גוט ווי אַ וועלט; איז צו מיינע צרות געקומען אַ סוף, בין איך געוואָרען אַ פרייער מענש, קען איך גיין וואו איך וויל; איז מיין ווייבעל געוואָרען אַ רעגעלער מלאך; איז מיין הויז געוואָרען אַ רעגעלער גן־עדן; רעדט זיך צו מיר אַן אנדער שפּראַך, איז אויס מיט יאַדען און נעגען מיר; קוקט זי מיר אין די אויגעלעך אריין, ווייס זי ניט וואָס צו טאָן מיט מיר. הערט זי זיך צו צו מיין יעדען וואָרט. און איך דאנק דעם רבונו של עולם וואָס ער האָט באשאפען אַזאַ שפּיל ווי בינגאָ, אַז מיין ווייבעל זאָל זיך האָבען מיט וואָס צו פאַרנעמען און מיר לאָזען צורו... דענקט איר דאָך אוודאי אַז איך שפּאס — זאָג איך אייך, אַז דאָס איז דער ריינער אמת. מיין ווייבעל האָט זיך זינט זי האָט אָנגעהויבען שפּילען בינגאָ אַ סך געענדערט, און איז געוואָרען אַן אנדער מענש.

בעפאָר עס איז אויפגעקומען בינגאָ, געדענק איך, האָב איך פון מיין

ווייבעל געהאט קאַלט און וואַרעם. פלעגען מיר זיך גאַנץ פיין אונטערקריגען: פלעגט זי מיר קאָנטראָלירען יעדער וואָרט, האָב איך געהאט פון איהר צרות אויפ׳ן פוד, האָט זי מיר פאַרפינסטערט די וועלט, האָב איך איהר פיעל מאָל ניט געטראָפען אין הויז, פלעגט מיר ניט איין מאָהל אויסקומען צו עסען אין רעסטאָראַן... האָט זי גאָרניט געוואוסט, אַז זי האָט אַ מאַן. אָבער איצט צוליב די בינגאָ איז מיר גוט ווי אַ וועלט און איך בין מיר פריי ווי אַ פויגעלע.

איר דארפט וויסען זיין אַז מיין ווייבעל איז זעהר א גרויסע אָנהענגערין פון בינגאָ: זי איז פאַרקאָכט אין דער שפיל. זי איז אַזוי פאַרליבט אין בינגאָ אַז זי קען גיין דריי מאָהל א וואָך אָדער אפילו מעהר. זי זאָגט — און זי גלויבט טאקע אין דעם אויך — אַז בינגאָ לעבט איהר אויף, גיט איהר מוט און האָפענונג, מאכט איר צו פאַרגעסען אַלע שוואכקייטען און מאכט איר פילען גוט. זי טענה׳ט אויך אַז אַלע פרויען וואָס גייען צו בינגאָ פאַרערען זייערע מענער און באהאנדלען זיי זייער גוט.

נו, בין איך זייער צופרידען וואָס מיין ווייבעל פאַרווילט זיך ביי בינגאָ און האָט פאַרגעניגען, און אין דער זעלבער צייט בין איך מיר אויך אַ פרייער מענשעל. אַי, עס גייט אויס צו א פּאָר דאָלער — איז ערשטענס, וואָס טוט מען ניט אום צופרידענשטעלען אַ פרוי? און צווייטענס אַ צופרידענע פרוי איז דאָך א מזל־ברכה אין הויז און אַ פאַרגעניגען מיט איהר צו פאַר־ברייגגען.

און אָט קום איך אַריין אין הויז. מיין ווייבעלע נעמט מיך אויף מיט אַ ליבען שמייכעלע און נעמט מיר אַרונטער דעם אויבער־מאַנטעל. דו קוקסט אויס מיד, מיין טייערער, זאָגט זי צו מיר מיט א רחמנות פנים, זעץ זיך אַביסעל אָפּרוען. דו ביזסט אוודאי הונגעריג, איז וואָס ווילסטו עסען, אפשר א טענדערליין סטייק, אָדער שמעקט דיר א ריב־סטייק, און אפשר גאָר קאַלבס קאָטלעטען? און איך טראכט ביי זיך ווען האָט מיין ווייבעל געפרעגט ביי מיר וואָס איך גליידך. זי פלעגט מיר מאכען מאָלצייטען וואָס ס׳איז איהר אַריינגעפאַלען אין קאָפּ אַריין. פילע מאָל האָב איך דאָס אין מויל ניט געקאָנט נעמען און איך האָב געמוזט עסען און שווייגען. ווען ניט — אָבער וואָס איז איצט צו טראכטען וועגען דעם.

און אָט שטייט שוין דער סטייק מיט די געבראָטענע פּאָטייטאָס אויפ׳ן

טיש און פאַרשמעקט דאָס הויז. מיין ווייב פאַרעט זיך אַרום טיש און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט מיר. נו, ווי איז געווען דער סטייק? פרעגט זי מיר מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעלע, און איך וויל אויסשרייען! לעבען זאָל די בינגאָ! הורא פאַר די בינגאָ! אך ווי בין בין דאַנקבאר דעם דערפינדער פון דער בינגאָ שפיל. ווען ניט די בינגאָ ווער ווייס וואָס פון מיר וואָלט געוואָרען, ווער ווייס וואו איך וואָלט מיט מיין ווייבעל געהאלטען. ווען ניט בינגאָ — טראכט איך — וואָלט מיין ווייבעל גענומען די מיה מיר אַזוי אָפצוהיטען מיט'ן עסען, און וואָלט נאָכגעגעבען אַלע מיינע קאַפּריזען. און עס ווילט זיך מיר אויסרופען הויך אויפ'ן קול אַז אַלע זאָלען הערען. מענער! אויב איר ווילט האָבען אַ רוהיגען, גליקליכען לעבען זעט שיקט אייערע ווייבער צו בינגאָ, ווייל בינגאָ איז די בעסטע רפואה צו אַ גליקליכען צופרידענעם פאמיליע לעבען. איאָ דער סטייק איז געווען באַ'טעמ'ט? חזרט איבער מיין ווייבעל נאָך אמאָל, זעהענדיג אַז איך בין פאַרטראכט און ענטפער איר ניט. און אַז איך זאָג אַז דער סטייק איז געווען גוט. איז זי זייער צופרידען.

ווערסט מיך אפשר צופירען צו בינגאָ — זאָגט צו מיר מיין ווייבעל אַ שמייכלענדע. ווען דו פירסט מיך צו בינגאָ בין איך מזלדיג יענעם אָוועגד.

קוק איך אויף מיין ווייבעל אויף איהר אומשולדיגען פנים און איך טראכט, ווי קען מען אַזאַ ליבען מלאך ענטזאגען אַ געפעליגקייט און ניט באגלייטען איהר צו איהר פאַרליבטע שפיל — בינגאָ.

און ווען מיין ווייבעל קומט אהיים פון בינגאָ הויבט זיך ערשט אָן די ריכטיגע שפיל. זי הויבט מיר אָן צו דערציילען די ענטוישונג וואָס זי האָט געהאַט. דאָ האָט איר געפעלט א נומער און זי האָט מיט אומגעדולט געוואַרט אז מען זאָל אים אויסרופען, אָבער דער נומער האָט זיך גערייצט מיט איהר און האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסקומען. אָבער מיט דעם דזשעקפאָט — דערציילט זי — איז עפּעס גאָר א געהיימניס און איך קען ניט פאַרשטיין. די ערשטע דריי נאָמבערס, האָב איך געקראָגען גלייך, גרינג ווי א האָר פון מילך, האָט אָבער דער לעצטער נאָמבער זיך פאַר'עקשנ'ט און כאָטש גים איהם אַ קריינק; ער וויל ניט אַרויס. ער רופט נאָמבערס אָבער ניט דעם וואָס איך דאַרף. און אָט, אָט — עס דוכט זיך אַז ער רופט אויס מיין נאָמבער — אָבער א נעכטיגער טאָג! דאָס האַרץ קלאפט, די אויערען זיינען

אָנגעשטריינגט אָבער מיין נאָמבער וואָס איך דאַרף ליגט אין קימפּעט. ער שלאָפט! און ער האָט אויסגעפירט — ער איז טאַקע ניט אַרויס... נו, פרעג איך דיר — פאַרענדיגט זי — איז דאָס ניט אַ האַרץ ווייטאָג, א ניכפּה זאָל אים כאַפּן.

— זיכער איז דאָס אַ האַרץ ווייטאָג — ענטפער איך איהר מיט סימ־פּאַטיע – אָבער וואָס קאָן מען טאָן.

ליגט ניט עפּעס א געהיימניס אין דעם? — פרעגט זי מיר איבער נאָך אמאָהל.

גיי דערקלער איר די געהיימניס, אַז איך אַליין פאַרשטיי דאָס אויך ניט.

איז פאַרוואָס גייסטו צו בינגאָ ווען דו פאַרדעכדיגסט אַז ס'איז ניט כשר, פרעג איך איהר.

איך גיי ווייל איך גלייך די שפּיל בינגאָ — ענטפערט זי מיר — מענשען גלייכען אַז מען נאַרט זיי, אַז מען זאָגט זיי ניט דעם אמת. דערצו די עקסאַיטמענט, דער וואַרטען אויף דעם נאָמבער און מען קען דאָך טאַקע אמאָל געווינען אויך, הגם, עס דאַרף געשעהן א נס...

אַ באַזוך אין אַ שפּיטאָל

(עפּיזאָד)

איהר שרייבט עפּיזאָדען פון לעבען אין „אמעריקאַנער״ — רופט זיך אָפּ צו מיר מיין פריינד, אַ מענש אין די מיטעלע יאָהרען, וויל איך, אַז איהר זאָלט מיט מיר באַזוכען אַט דעם אַנשטאַלט און באַשרייבען אַביסעל פון יענע אומגליקליכע, געשטראָפטע, וואָס דאַרפען דאָרט פאַרברענגען דעם גאַנצען לעבען.

איך ווייס, אַז מיין פריינד'ס פרוי איז פּאַראַליזירט און געפינט זיך אין א סאַניאַטאָריום פאַר אונהיילבאַרע קראַנקהייטען און ער באַזוכט זי יעדע וואָך. ער איז זעהר אַן איידעלער, גוטער מענש און ער איז געבליבען דער זעלבער איבערגעגעבענער מאַן צו זיין קראַנקער פרוי, ווי אמאָל:

נאָר לאַכען

געווען איז דאָס א שבת, ווען מיין פריינד האָט מיך איינגעלאַדען צו זעהן באַזוכען זיין פרוי. איך האָב אַלע מאָל געפיהלט, אַז עס איז ניטאָ קיין גרעסערע מצוה, ווי צו באַזוכען אַט די אומגליקליכע קראַנקע, וואָס מאַטערען זיך אויף דער וועלט.

און אַט זיינען מיר שוין אין דעם האָספּיטאל, וואו אויף שניי ווייסע בעטען ליגען אַט די אומגליקליכע צום טויט פאַראורטיילטע קראַנקע, וואָס קענען ניט רירען מיט קיין אבר. זיי ליגען און צאַנקען, געהען אויס ווי אַ ליכט. אין זייערע אויגען איז אויסגעדריקט אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל געבעט און רחמנות, אַז עס כאַפּט אייך אָן א שרעק! איהר האָט זיך מורא צו טרעפען מיט זייערע בליקען, ווי איהר וואָלט געפיהלט, אַז איהר זייט עפּעס שולדיג אַט די אומגליקליכע, ליידענדע, וואָס זיינען מיד פון לעבען און גלייכגיטיג צום טויט. און מאָדנע געדאַנקען פּלאָנטערען זיך אין אייער קאָפּ און איהר פאַרגעסט אָן דעם גאנצען כאָפּ־לאָפּ און טומעל און איהר ווערט פאַרוואנדעלט אין אַן אנדער מענש.

אַט זיינען מיר ביי מיין פריינד׳ס פרוי. עס פאַרכאַפּט דעם האַרץ א קוק צו טאָן אויף דעם סקעלעט, וואָס ליגט אומבאוועגליך. די אויגען אויסגעלאָשען, די באַקען איינגעפאַלען, אַ קרענקליכער שמייכעל באַוויזט זיך אויף איהר דאַרען, אויסגעצערטען פאַר דער צייט געזיכט. מיין פריינד צערטעלט איהר מאָגערע, פאַראַליזירטע האנט און איהרע אויסגעלאָשענע אויגען ווערען פייכט פון טרערען. זי קוקט אויף איהם מיט אַזוי פיל ליבע און צערטליכקייט. און ער, מיין פריינד ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט איהר. מיט מוטערליכער צערטליכקייט קאָרמעט ער איהר די גוטע זאַכען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. די איבעריגע קראַנקע קוקען און זיינען איהר אַזוי מקנא!

צו א סך פון די אומגליקליכע קראנקע קומט קיינער ניט. זיי זיינען נעבעך עלענד און פאַרלאָזען. מיין פריינד געהט טאקע צו די דאָזיגע אומגליקליכע און קאָרמעט זיי און גיט זיי פון די אַלע גוטע זאכען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, און מיט אויסערגעוועהנליכען געדולד גיט ער זיך אָפּ צו די ליידענדע קראַנקע, וואָס קענען זיך ניט רירען מיט קיין אבר. זיי זיינען איהם דאַנקבאַר און בענשען איהם מיט די אויגען.

— איהר ווייסט — זאָגט ער צו מיר — איך טו דאָס אַלע וואָך. איך

גיב זיך אָפּ מיט זיי דעם גאַנצען טאָג. איך פיהל זיך אַזוי געהויבען פון אַט דער נאָבעלער ארבעט. איך פיהל, אַז איך ברענג אַריין אַביסעלע טרייסט און פרייד אין לעבען פון די אומגליקליכע, פּאַראַליזירטע, וואָס האָבען שוין אויפגעגעבען די האָפנונג אמאָל געזונט צו ווערען. איך פיהל, אַז איך לעב מיט זיי, לינדער זייערע שמערצען, טייל זיך מיט זייער שיקזאַל.

— איהר זעהט — זאָגט ער צו מיר און נעמט אַרויס אַן אויסבינדער— דאָס האָב איך געקויפט א מתנה פאַר איינעם פון די פּאַציענטען, וואָס ליגט דאָ אין האָספּיטאַל

— צו וואָס דאַרף יענער אַן אויסבינדער? — האָב איך געפרעגט פאַרוואונדערט.

— מיט דעם אומגליקליכען פּאַציענט איז פאַרבונדען א טראגישע, שרעקליכע געשיכטע.

געווען א בחור, געזונט, שעהן און שטאַרק ווי אַ בוים, האָט געפיהרט אַ ליבע מיט א מיידעל. מען האָט געמאַכט פּלענער פאַר דער חתונה, געדרוקט איינלאַדונגס קאַרטלעך, באַשטעלט א האַל פאַר דער חתונה און געהאָפט אויף אַ גליקליכען צוקונפט.

פּלוצלינג איז די כלה קראַנק געוואָרען. דער חתן האָט אַראָפּגעבראַכט די בעסטע דאָקטוירים, די גרעסטע פּראָפעסאָרען. דער חתן האָט איינגעלייגט וועלטען. עס איז איהם קיין זאַך ניט שווער געווען צו טאָן אום צו ראַטעווען זיין כלה. אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען. אין איין וואָך איז זי פאַר־ברענט געוואָרען און דערמיט האָט זיך זיין לעבען געענדיגט.

דער בחור האָט זיך זעהר גענומען צום האַרצען. ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו נעמען זיך דאָס לעבען און עס האָט אויף איהם אַזוי שלעכט געווירקט, אַז ער איז פּאַראַליזירט געוואָרען און איז געוואָרען אַ פּאַציענט אין דעם האָספּיטאַל.

אַט שטעהען מיר ביים בעט פון דעם אומגליקליכען חתן. די קראַנק־הייט האָט נאָך ניט פאַרצערט די שיינע געזיכטציגע פון דעם יונגען און שעהנעם בחור. ער באַגריסט אונז מיט א שמייכעל און איז זעהר צופרידען פון אונזער באַזוך. מיין פריינד גיט איהם די מתנה, וואָס ער האָט איהם געבראַכט און ביי דעם קראַנקען, פּאַראַליזירטען בחור לייכטען אויף די אויגען

פון פרייד. ער דריקט מיין פריינד׳ס האנט און ווייס ניט ווי אָפּצודאַנקען איהם פאַר דעם באזוך און פאַר דער מתנה.

— זעצט זיך, זעצט זיך, — ווייזט ער אונז מיט א װאונק, אַז מיר זאָלען זיך זעצען. עס איז אַזוי גוט צו האָבען דאָ באזוכער! מען ווערט אַביסעל אָפּגעפרישט. עפּעס ווערט מען פאַרוואנדעלט אין אַן אנדער מענש. איהר פילט זיך אַזוי געהויבען; עפּעס ברענגט אונז דער באַזוכער אַ גרוס פון דער גרויסער לעבעדיגער וועלט און הויכט אונז אַן מיט לעבען, כח און האָפענונג, אַז מיר קענען דערנאָך אריבערטראָגען אונזערע אַלע פיין און שמערצען. איהר ווייסט, אַז דער באַר־טאַי דערמאָנט מיר אין מיין כלה רחל׳ן. זי האָט אַזוי ליב געהאט ווען איך פלעג טראָגען אַ נייעם „אויסבינדער״... איהר זעהט? — ווייזט ער אונז מיט א װאונק, אויף אַ בילד וואָס שטעהט אויפ׳ן טישעל, און זיינע אויגען צינדען זיך אָן מיט אַ פייער — דאָס איז רחל׳ס בילד, היינט איז איר יאָרצייט. יאָ, שוין דער דריטער יאָרצייט. איך וועל באַלד בעטען די נוירס זי זאָל מיר אויסשלייפען דעם „באָר־טאַי״, איך וויל צוריק ווערען דער אמאָליגער התן־בחור, רחל׳ע מיינע וועט אויף מיר קוקען מיט איהר ליבען שמייכעלע און איך וועל פיהלען אַזוי גוט, אַזוי גוט. יאָ, היינט איז רחל׳ס יאָרצייט...

און צוויי הייסע טרערען קייקלען זיך אראָפּ פון דעם אומגליקליכענס אויגען און פאַרשווינדען אויף זיינע אויסגעצערטע באקען.

א חלום

(הומאָרעסקע)

אין קאָפּ טאַנצען ארום פאַרשידענע טעמעס. די פלונית׳טע איז ניטאָ. אין הויז איז שטיל. ווילט זיך עפּעס אָנשרייבען.

„די טעמע איז אַ פראַכטפולע!״ האָב איך ניט אויפגעהערט מורמלען צו זיך אַליין, שפּאַנענדיג איבער׳ן צימער, „עס וועט זיך שאַפען א צאַפּעלדיגע הומאָרעסקע״.

און באַלד האָט זיך מיין פּען געגליטשט איבער ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר. איך האָב געשריבען מיט פלייס, מיט התמדה.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעשלאָגען מיינע געדאַנקען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און איך האָב פאַר זיך דערזען מיין לענדלאָרד, מר. קלאַפּערמאַן.

— איך בין געקומען נאָך מיין דירה־געלט — האָט ער אזאָג געטאָן מיט א בייזער שטימע. — היינט מוז דאָס געשען! מער וועל איך ניט ווארטן.

— אָבער, מר. קלאַפּערמאַן, — האָב איך זיך גענומען ביי אים בעטן,

— איר וועט מוזען נאָך אַביסעלע צוואוארטען. איך בין — — —

— איך האָב שוין גענוג געוואַרט! — האָט ער מיר איבערגעשלאָגען אין מיטען — און אויב איר באַצאָלט ניט ביז מאָרגען די רענט, שיק איך אייך א „דיספּאָזעס".

דער לענדלאָרד איז פאַרשוואונדען, און מיט אים מיין טעמע...

אָבער עס האָט ניט גענומען לאַנג און א נייע טעמע איז ביי מיר געבאָרען געוואָרען, און איך האָב זיך מיט פלייס ווייטער גענומען שרייבען.

און ווידער א קלאַפּ אין טיר, און עס וואקסט אויס דער גראָסערי־מאַן, מר. שניידערמאַן.

— איר קומט מיר א חוב פאַר גראָסעריס — האָט ער געזאָגט — און איר מוזט היינט באַצאָלען.

— אָבער איך האָב היינט ניט קיין געלט! — אַפּעליר איך צום גראָסערי־מאַן — איר וועט מוזען אָפּווארטען אביסעל צייט.

— איך האָב שוין גענוג געוואַרט! — בייזערט זיך דער גראָסערי־מאַן — איך קאָן אייך מער ניט האלטען אויף די ביכער, איך קאָן ניט.

אַ קלאַפּ מיט'ן טיר און דער גראָסערי־מאַן פאַרשווינדט צוזאַמען מיט מיין טעמע...

איך לאָז זיך שפּאנען האַסטיג איבער'ן צימער. איך בין זעהר אויפגע־רעגט! שוין צווויי טעמעס דער'הרג'עט! אָבער עס איז דאָ! איך לויף האַסטיג צו צום טיש און הויב אָן צו שרייבען.

איך ווער אַזוי הינגעריסען פון דער נייער טעמע, אַז איך באמערק גאָרניט, ווי מיין בוטשער וואקסט אויס לעבן מיר.

— אייער פרוי האָט מיר צוגעזאָגט צו באַצאָהלען היינט מיין ביל! — זאָגט ער אין אַ הויכען טאָן.

— איך בין זעהר פאַרנומען, — הויב איך זיך אָן ביי אים צו בעטען.— מיין פרוי וועט אייך אין אַ פּאָר טעג ארום באַצאָלען.

— איך בין געקומען נאָך געלט! — זאָגט צו מיר דער בוטשער שטרענג — און אויב איר באַצאָלט ניט איצט וועל איך אייך מער ניט באָרגען.

און אויך מיין דריטע טעמע איז געגאנגען קאפּוט...

אָבער איך בין פאַר׳עקשנ׳ט: איך מוז היינט עפּעס אָנשרייבען, עס נעמט ניט לאַנג און איך שרייב ווידער.

איצט באשליס איך, וועל איך פאַרשפּארען די טיר און קיינעם נישט אריינלאָזען — מעג מען אפילו צעברעכען די טיר...

מען קלאפּט ווידער, אָבער איך מאַך זיך ניט וויסענדיג... איך שרייב מיט הארץ, מיט מיין גאנצען וועזען. די קלעפּ ווערען שטארקער — — — —

— שטיי אויף פּנחס! — הער איך מיטאמאָל מיין פלונית׳טע׳ס שטימע

— עס איז שוין שפּעט און מיר דאַרפען גיין צום מיטינג!

טאַטע-מאַמע׳ס צער

(הומאָרעסקע)

עס איז געווען א זונטאָג אין דער פרי, ווען מיין פלונית׳טע׳ס שטימע האָט מיר אויפגעוועקט פון געשמאקען שלאָף.

— מעקס! שטיי אויף, עס איז שוין שפּעט!

— וואָס איז געשען? — האָב איך אַ פאַרשלאָפענער געפרעגט.

— דו ווייסט נישט אַז היינט איז „מאָדהערס דעי״? — האָט זיך איר שטימע געלאָזט הערען — היינט איז דאָך דער טאָג אין יאָר, וואָס מען קומט באַזוכען דער מאַמען.

— איז על-כן וואָס? — האָב איך אַ פאַרשלאָפענער געפרעגט.

— דאַרף מען זיך צוגרייטען אויפצונעמען די קינדער — האָט זי געענטפערט.

באַלד בין איך שוין געשטאַנען אַן אָנגעטאָעבער און מיין אידענע האָט מיר געגעבען אַ לאַנגע רשימה פון זאַכען, וואָס איך זאָל איר איינקויפען.

— איך גלויב — האָב איך געפּרופט אַ פאַרשלאָפענער מיט איר איינ׳טענה׳ען — דו דאַרפסט גאָרנישט אָנגרייטען און מאַכען אַ גרויסען טאַראַראַם, ווייל אַז די קינדער וועלען קומען, וועלען זיי אונז אויסנעמען אין אַ רעסטאָראַן פאַר דינער.

— זיי נישט קיין חכם! — האָט מיין אידענע געענטפערט — היינט איז מיין טאָג, ווייל איך מיט די קינדער און אייניקלעך צוזאַמען פאַרברענגען ביי מיר אין הויז.

און מיין אידענע האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. זי האָט אָנגעהויבען צוגרייטען מאכלים, וואָס די קינדער גלייכען און האָט זיך געהאַלטען מיט מיר אין איין שאַפען, אין איין אַרומשיקען איר צו ברענגען די זאַכען וואָס זי באַדאַרף.

— נו, וואו איז די פּאַמפּערניקעל, וואָס איך האָב דיך געהייסען קויפען?

— האָט מיין פרוי געפרעגט — האָסט פאַרגעסען, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט? די קינדער גלייכען פּאַמפּערניקעל.

— אָבער מען קען דאָס נישט קריגען אין דער בעקעריי — ענטפער איך — זיי האָבען שוין די פּאַמפּערניקעל׳ס אויספאַרקויפט.

— גייט מען אַ ביסעלע ווייטער, און מען קריגט דאָס — וויל מיין אידענע נישט וויסען פון קיין תירוצים. און איך האָב געמוזט זיך לאָזען גיין איבער די סטאָרס זוכען פּאַמפּערניקעל.

— אָט אַזוי! — האָט מיין אידענע מיך גראַטולירט, ווען איך בין געקומען און געבראַכט די פּאַמפּערניקעל — אַז מען וויל, גיט מען זיך אַן עצה.

— זע ווי דו שוויצט! רו זיך אָפּ אַביסעל! — האָב איך גע׳עצה׳ט מיין פרוי — עס איז נאָך פאַראַן גענוג צייט.

— אַז מען וויל אַביסעלע פאַרברענגען מיט די קינדער דאַרף מען שוויצען — האָט מיין אידענע שמייכלענדיג געענטפערט.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און מיין אידענע איז איילענדיג צוגע־לאָפען ענטפערען.

— דו ווייסט ? — האָט זי מיט פאַרדרוס איבערגעריסען דעם טעלעפאָן־געשפרעך — ראָזע קען נישט קומען, ווייל איר שוויגער, פילט נישט גוט און זיי מוזען פאָרען זי זען.

— נו, וואָס איז זיך צו ערגערען — טרייסט איך זי — וועלען מיר זיך אונטערהאלטען מיט אונזערע אַנדערע צוויי טעכטער.

— אָבער, איך האָב געוואָלט זיי אַלע היינט דאָ האָבען צוזאמען — לאָזט זיך מיין פרוי נישט טרייסטען.

— וועסטו זיי זען אַן אנדערש מאָל — שלאָג איך איבער די רייד — מיר וועלען נאָך היינטיגע וואָך צו זיי צופאָרען.

— דער טעלעפאָן קלינגט ווייטער און ווען מיין אידענע ווערט פאַרטיג מיט'ן געשפרעך, ווערט איר געזיכט פאַרוואָלקענט.

— וואָס איז געשען ? — פרעג איך איר — האָט עפּעס פּאַסירט ?

— אָט — הויבט זי אָן שטאַמלען — דאָס איז געווען ליל, און זי האָט מיר דערציילט, אַז דעניס'ל האָט א „קאָלד" און זי וועט נישט קענען קומען.

— זיי ניט פאַרצווייפעלט ! — זאָג איך צו מיין אידענע — היינט איז „מאָדהערס דעי" וועלען מיר זיך מוזען אונטערהאַלטען מיט אונזער טאָכטער לין און אירע קינדערלעך, זאָלען געזונט זיין.

— אָבער, איך האָב אַזוי פיל אָנגעגרייט ! — טענה'ט מיין אידענע — וואָס וועל איך טאָן מיט דעם ?

— א קלאַפּ אין טיר און עס באווייזט זיך א מעסענדזשער מיט א טעלעגראַמע, וואו אונזער טעכטערל לין לאָזט וויסען, אַז זי קען נישט קומען, ווייל אירע שוויגער־עלטערן זיינען אַריינגעפאַלען פון שיקאַגאָ.

מיין אידענע רעדט מער קיין וואָרט נישט, נאָר קוקט אויף די אָנגע־גרייטע מאכלים און אויף מיר און... שווייגט.

וואָלף איוועסקי

מציאות

(הומאָרעסקע)

איך זאָג אייך, אַז אויב איר פּאַרמאָגט א פרוי, וואָס זוכט באַרגעינס — איז אייך שוין נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, האָט איר שוין קאַלט און וואַרעם; איז אייך דאָס לעבען ניט ניחא, איז ביי אייך אין הויז כסדר אַ הו־האַ און טומעל; איר ווייסט נישט אויף וואָסער וועלט איר זענט.

מיך האָט גאָט געשטראָפט מיט א פרוי, וואָס האַלט אין איין זוכען באַרגעינס; וואָס לויפט פון איין דעפּאַרטמענט סטאָר צו א צווייטער; וואָס נישטערט די צייטונגען און זשורנאַלען פאַר גרויסע באַרגעין-סעילס, זע איך זי קיינמאָל ניט אין הויז, עס איך קיינמאָל קיין היימישען אָפּגעקאָכטען מאָלצייט; זיץ איך שטענדיג אַליין מיט די פיר ווענט; קוקט מיין הויז אויס ווי א סטאָרעדזש אָנגעוואָרפען מיט גאַנצע פּעק שיך, מאַנטלען, זאָקען און אַנדערע חפצים... מען האַלט אין איין ברענגען פּעקלעך מיט סחורה פון דעפּאַרטמענט סטאָרס... מיין פרוי האַלט אין איין אָפּטראָגען צוריק די מציאות, וואָס זי האָט איינגעהאַנדעלט, ווייל זי געפינט אויס, אַז עס איז גאָר נישט קיין באַרגעינס..

מיינט איר דאָך, אַז מיין אידענע לערנט א לעקאָן, אַז זי נאַרט זיך אָפּ? א נעכטיגער טאָג! ביי איר איז רעכט צו וואָקען" ווער ווייס ווי ווייט אַבי זי דענקט, אַז זי כאַפּט א באַרגעין, הגם דערנאָך געפינט זי אויס, אַז עס איז גאָר נישט קיין באַרגעין, אַז זי האָט דאָס געקענט קריגען ביי איר אייגענעם גראָסערי מאַן אין דער נאָכבאַרשאַפט און נאָך ביליגער... מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַלץ — עס הויבט זיך גאָרנישט אָן!

אָט קום איך פון דער אַרבעט אַ פאַרמאַטערטער, אַ הונגעריגער, איז איידער איך האָב אַ געלעגענהייט זיך אָפּצורוען — ערשט דער טעלעפאָן קלינגט און מיין אידענע בעט מיך, אַז איך זאָל גלייך קומען, ווייל זי האָט איינגעהאַנדעלט א סך באַרגעינס און זי קען דאָס אַליין ניט טראָגען... איז פרעגט שוין גאָרנישט! איך קום דערנאָך, אַהיים אַ מידער, אַן אויסגעגעצטער פון שוויס שלעפּענדיג די שווערע פּעק, וואָס זי האָט איינגעהאַנדעלט אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס. און איך דאַרף נאָך בעטען דעם וואָס לעבט אייביג,

אַז זי זאָל זיך נישט אָפּנאַרען, ווייל טאָמער נאַרט זי זיך אָפּ בין איך דאָס כפרה הינדעל... לאָזט זי אויס צו מיר דעם גאַנצען כעס. בין איך אין אַלץ שולדיג... בכן אַזוי ווי איך בין — נאַר וואָס איז דער אונטערשיד וואָס איך בין — אַבי איך בין שולדיג.. און נאַרען נאַרט זי זיך אָפּ זעהר אָפּט. פאַר־שטייט איר שוין, אַז עס פעלט מיר נישט קיין צרות — אָט אַנומעלט, עס איז געווען אַ געוויינליכער מיטוואָך אינדערפרי. אינדרויסען האָט געגאָסען א שלאַקס רעגען, ערשט מיין אידענע קלייבט זיך אַוועקצוגיין.

— וואוהין גייסטו? פרעג איך זי?

— דו ווייסט גאָרנישט? — ענטפערט זיך מיט ביטול — היינט גייט זיין אַ גרויסער, אויסערגעוויינליכער באַרגעין סעיל אין אַ באַרימטער דעפּאַרט־מענט סטאָר. מען גיט דאָרט אַוועק זאַכען בחצי חינם, און אַזוי ווי עס איז אַ גרויסער רעגען וועלען קיין סך מענשען נישט קומען, וועט מען קענען האַנדלען מציאות.

עס האָט נישט געהאָלפען מיין טענה׳ן מיט איר, אַז עס איז א פּאָס־קודנער וועטער און מען קען זיך נאָך חס־ושלום צוקילען. זי האָט מיך בעהערט ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי, זי איז אַוועק נאָך די באַרגעינס. און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט געכאַפּט א שטאַרקען קאָלד און איז אָפּגעלעגען צוויי וואָכען אין בעט מיט דאָקטוירים, מיט מעדיצינען און זי האָט שוין אויסגעקרענגט די באַרגעינס...

נו, פרעג איך אייך, איז נישט א שטראָף פון גאָט, אַז מען האָט אַ פרוי, וואָס האַלט זיך אין איין יאָגען נאָך באַרגעינס?...

א ווייב׳ס טענות

(הומאָרעסקע)

מיין פריינט האָט זיך צוגערוקט צו מיין טישעל אין קאַפעטעריע, האָט געבעטען דערלויבעניש עפּעס צו דערציילען, און פאַרויכערענדיג א ציגאַ־רעטעל, האָט ער גלייך, אָן אַקדמות, אָנגעהויבען:

— אַז ס׳איז מיר דעם זומער אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים צו שיקען מיין פלונית׳טע אין קאַנטרי, דאַרף איך אייך ניט דערציילען. איר דאַרפט וויסען זייך, אַז מיין אידענע איז זעהר אינדעפּענדענט, האַלט פון זיך אַ וועלט. זי וויל זיך אַלע מאָל אַרויסזען. נו, פאַרשטייט איר שוין, אַז כ׳האָב זי געמוזט שיקען אין אַ שיינעם האָטעל און דערצו מיט אַ שיינער גאַרדעראָבע.

און זי, אַז זי פאָרט, פאָרט זי ניט אויף צוויי-דריי וואָכען, נאָר אויפ׳ן גאַנצען סעזאָן. האָב איך זיך געמוזט גוט אונטערגאַרטלען און אַריין איבער׳ן קאָפּ אין חובות.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין קאַנטרי גלייכט זי צו נעמען אַ קאָרט אין האַנט אַריין און פאַרלירען פאַרלירט זי ווי אַ העלדין. און וואָס מער זי פאַרלירט, אַלץ מער צופלאַקערט זיך ביי איר דער אַפּעטיט צו שפּילען. ווען איך פלעג אַרויסקומען פאַר אַ „וויק־ענד״, האָב איך איר געדאַרפט איבער־לאָזען גענוג געלט, אַז זי זאָל האָבען מיט וואָס צו שפּילען.

איז פרעגט שוין גאָרניט! ניט איין מאָל אַז איך פלעג אַרויסקומען צו איר פלעג איך דאַרפען באַצאָלען די חובות, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט מיט איר קאָרטען שפּילען...

טאָמער פלעג איך אויסרעדען אַ וואָרט, הלמאי זי פאַרשפּילט אַזוי פיל געלט, פלעגט זי זיך אויף מיר צעשרייען: „וואָס הייסט״, פלעגט זי אויף מיר עפענען איר מענה־לשון, „איך בין געקומען אין קאַנטרי צו פלאָגען זיך? איך בין געקומען פאַר אַ „גוד טאַים״. אַלע פרויען דאָ אין האָטעל שפּילען אין קאָרטען, זאָל איך אָפּשטיין פון זיי? עס וואָלט דאָך געווען די גרעסטע שאַנדע? וואָס בין איך קיין מענש ניט?״ און זי פלעגט זיך צעוויינען און דאָס פלעגט אויסגיין צו אַ פּאָר דאָלאַר.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די נאָכוויי־ענישען פון דער קאַנטרי זיינען דאָס ערגסטע. אַז זי איז מיט מזל געקומען אַהיים, האָט זי ערשט אָנגעהויבען אַרויסקומען צו מיר מיט קריוודעס. בכן, טענה׳ט זי, אַז איך האָב זי פאַרשעמט וואָס איך בין ניט אַרויסגעקומען עטליכע „וויק־ענדס״, אָדער אַז ווען איך בין געקומען צו איר, האָב איך פאַרגעסען צו ברענגען אַ שיינעם פּרעזענט און זי האָט זיך געשטיקט פון שאַנדע; אָדער אַז איך האָב די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען אין קאַנטרי זי ניט גערופען אויפ׳ן טעלעפאָן, ווי

אַנדערע מענער; אָדער אַז איך האָב ניט אָפּגעהיט די עטיקעטע ביים טיש, ווען איך האָב געגעסען און האָב ניט „געטיפּט״ גענוג די וועיטערס. און נאָך גאנצע בערג מיט עוולות וואַרפט זי מיר אויף און האלט מיר אין דערגיין די יאָרען.

זי סטראשעט מיך אויך, אַז דערפאר וועט זי שוין איבעראַיאָהר ניט פאָרען אין קאַנטרי און איך וועל זי האָבען לעבען זיך דעם גאנצען זומער.

— נו, פרעג איך אייך, — האָט מיין פריינט פאַרענדיגט, — האָב איך זיך געדארפט פאַרשולדיגען איבער'ן קאָפּ מיט חובות און שיקען מיין פלונית'טע אין קאַנטרי, אַז זי זאָל מיר דערנאָך דערגיין די יאָרען?

איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אַ סימן, אַז ער איז גערעכט און האָב אים נאָר געקענט העלפען מיט א קרעכץ.

קריוודעס

(הומאָרעסקע)

אז וויבער האָבען אימער קריוודעס צו זייערע מענער, דאָס איז נאטיר־ליך. וועלכע פרוי האָט ניט קיין קריוודעס צו איר מאַן? און קריוודעס האָבען זיי אָן א שיעור. עפּעס אַ קלייניגקייט, וויבערשע קריוודעס! אָבער קיינער קאָן זיך ניט פאַרגלייכען אין הלכות קריוודעס צו מיין פלונית'טע. עפּעס אַזוינע אויסטערלישע, מאָדנע אומגערעכטע קריוודעס האָט זי צו מיר, אַז עס איז שווער צו באַגרייפען.

מען זאָגט, אַז פרויען האָבען גע'ירש'ענט ניין מאָס רייד. און איך זאָג: אַז פרויען האָבען פאַרכאַפּט ניין מאָס זכרון פון די מענער — און אפשר נאָך מער.

ווען מיין פלונית'טע האָט מיט מיר אַן איבעררייד, הויבט זי מיר אָן אויסצורעכענען אַזוינע קריוודעס, וואָס איך הויב ניט אָן צו געדענקען. די

קריוודעס זענען שוין אַלט צענדליגער יאָרען, אָבער זי געדענקט זיי אַזוי קלאָר און דייטליך, ווי זיי וואָלטען ערשט פּאַסירט...

אָט א שטייגער געדענקט זי, אַז ווען מיר זענען געווען חתן־כלה און איך האָב איר געגומען אין טעאַטער, בין איך געקומען מיט איר כמעט נאָך דעם ערשטען אַקט.. און הגם דאָס איז שוין א קימא־לן פון צענדליגער יאָרען, קען זי דאָס אַלץ נישט פּאַרגעסען און האלט מיר אין איין אויפוואַרפען. אָדער זי געדענקט, אַז ווען מיר זענען געווען אויף אונזער „האָני־מון״, האָב איך א שמייכעל געטאָן צו אַ דאַמעלע, וואָס איז געזעסען מיט אונז ביי איין טיש. אָדער זי וואַרפט מיר אויף, אַז ווען זי איז געלעגען אין קימפּעט מיט אונזער אברהמ׳לען, פלעג איך אַלעמאָל קומען אין האָספּיטאל שפּעט, פּאַרברענגען מיט איר א קורצע צייט און פּאַרגעסען צו ברענגען איר בלומען, ווי אַלע מענער... און נאָך און נאָך בערג מיט קריוודעס, וועגען ענינים, וואָס איך הויב נישט אָן צו געדענקען, רעכענט זי מיר אויס.

ווי אַזוי זי געדענקט אָט־די אַלע בערג מיט קריוודעס, וואָס זענען שוין צענדליגער יאָרן אַלט, איז פּאַר מיר די גרעסטע געמיימניס. מיין פּאַרענטפערן זיך האָט ביי איר א קנאַפּען ווערט. דאָס רעגט איר נאָך מער אויף.

זי טענה׳ט, אַז ווען זי זאָגט עפּעס דאַרף מען איר גלויבען; אַז זי ווייס וואָס זי רעדט, אַז אירע א באשולדיגונג טאָר מען ניט באַשטרייטען, א. אז. וו.

איך מוז זיצען און שטומען, ווי יורקעס הונט, און טאָר ניט עפענען א מויל. טאָמער ענטפער איך א וואָרט, איז נאָך ערגער, וואַקסען ביי איר אויס נאָך מער קריוודעס.

איך בין גרייט אַוועקצוגעבען מיין גאַנץ פּאַרמעגען פּאַר א מיטעל, אַז מיין פלונית׳טע זאָל מיר אויפהערען עגבערן דעם קאָפּ מיט אירע אמאָליגע אלטע קריוודעס.

נ אָ ר ל אָ כ ע ן

א מעשה מיט א ניקעל

(עפּיזאָד)

דאָס איז געשען מיט עטליכע צענדליג יאָר צוריק. איך האָב דאַן גע־ארבעט אַלס קאָנדוקטאָר אויף אַ קאַר, וואָס האָט פאַרבונדען די איסט־סייד מיט די וועסט־סייד.

אין יענע יאָרען האָבען מיר נאָך ניט געוואוסט פון עלעקטרישע, באַ־קוועמע, ליכטיגע באַסעס. ווי מיר האָבען היינט, נאָר איבער׳ן שטעטל ניו יאָרק פלעגען זיך אַרומשלעפּען אַזוינע קאַרלעך, געשלעפּט פון פערדלעך. איך זאָג „אַרומשלעפען“,(ווייל איר זייט קיינמאָל ניט געווען זיכער, צי זיי וועלען אייך ברענגען צו דער באַשטימטער צייט... די פערד־קאַרס, ווי די עלטערע איינוואוינער וועלען זיך דעראינערען און מאַנכע אויך פון די אינגערע, זענען געווען אַזוינע שמאָלע, הילצערנע, קליינע קאַרס, וואָס האָבען אויס־קוקט ווי קאַסטענס. באַלויכטען פלעגט מען די קאַרס מיט קעראָסין־לאָמפּען, און די פּאַסאַזשירען פלעגען איינער דעם צווייטען ניט קאָנען זען.

ווינטער פלעגט די קאַר געוואַרמעט ווערען פון אַן אַלטמאָדישען אויווען, וואָס פלעגט גאַנץ שטאַרק אונטעררויכערען און אַרויסגעבען אַ מאָדנעם גערוך, אַזוי, אַז די פּאַסאַזשירען פלעגען זיך גאַנץ גוט אָנעסען מיט רויך פאַר זייער ניקעל. גאַנץ אָפט פלעגט טרעפען, איבערהויפּט ווינטער, אין די שנייען, אַז די פּאַסאַזשירען פלעגען זיך מוזען מטריח זיין און העלפען אונטערשטופען די קאַר... פון דעם רויך און דעם טשאַד פלעגט מען קריגען אַ קאַפּווייטיק.

אַמאָל פלעגט אויך טרעפען, אַז די סוסים פלעגן זיך פאַר׳עקשנ׳ען און דערקלערען אַ סטרייק, און די פּאַסאַזשירען פלעגען דאַן מוזען „עולה־רגל“ זיין, צופוס, און האַלטען אין זינען, אַז זיי פאָרען, ווייל זיי האָבען דאָך באַ־צאָלט „קאַרפעיר“...

דאָס איז געווען אין אַ גרויען, קאַלטען פרימאָרגען. א פאַרוואָלקענטער הימעל איז געהאָנגען איבער ניו יאָרק, אַ שטאַרקע זאווערוכע האָט א גאַנצע נאכט געבושעוועט און האָט אָנגעוואָרפען בערג מיט שניי. די פערדלעך האָבען נעבאָך געסאָפּעט און זיך געמאטערט מיט די לעצטע קרעפטען צו שלעפען די קאַר דורך די בערג מיט שניי, און די פּאַסאַזשירען זיינען געזעסען

און געבעטען גאָט, אַז די פערדלעך זאָלען שלעפען די קאַר און זיי ניט איבער־לאָזען אינמיטען.

עס איז געווען אַרום זיבען אזייגער אינדערפרי, ווען די אַרבעטער פאָרן צו דער ארבעט. דער אויוון האָט געברענט און פון זיך אַרויסגעגעבען אַ ווארעמקייט געמישט מיט טשאַד... דאָס קעראָסין לעמפעל האָט פאַרשפּרייט א מרה־שחורה׳דיגע, טונקעלע ליכטיגקייט און געהאָלפען די שוין אַזוי אויך פארשלאָפענע פּאַסאַזשירען מער איינצושלעפערען. ווען די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסער גאַס, איז אַ פּאַסאַזשירקע, אַ גאַנץ אומבאַקאַנטע, אַרויפגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט אין קאַר. איך זאָג אומבאַקאַנטע, ווייל איך האָב מיינע אַלע פּאַסאַזשירען געקענט ווי מיינע צען פינגער. איך האָב געוואוסט וואו יעדער פון זיי וואוינט, ביי וואָס ער אַרבעט, וויפיל ער פאַר־דינט, צי ער איז פאַרהייראַט, וויפיל קינדער ער האָט אַ. אַ. וו. זיי פלעגען מיר דערציילען פון זייערע טראָבעלס, זייערע געהיימנישען. ביי מיר פלעגען זיי אַפילו אָפּט פרעגען אַן עצה. ניט איינמאָל פלעג איך פאַר זיי אויסלייגען „קארפעיר״ און אויך אויסלייען א גמילות־חסד..

די אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירקע האָט אויסגעזען צו זיין אַ יאָר פינף־און־פערציג. זי איז געווען שיין און נעט געקליידעט. לויט נאָך איר קליידונג און מאַניערן ,האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז זי איז ניט קיין אָרעמע. זי איז געווען נערוועז, צעטראָגען, און אירע אויגען האָבען געקוקט אין אַלע זייטען, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער פּאַפּאַזשירקע און אויסגעשריען: „פעיר״, פליז״ !״ זי האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר בעטענדע אויגען און האָט אַזוי מאָדנע געקוקט אויף מיר, אַז איך בין געבליבען שטיין א צעטומעלטער און האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— אנטשולדיגט, — האָט זי זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ נידעריגער שטימע. און עס איז קענטיג געווען, אַז עס קומט איר אָן צו רעדען מיט גרויס שווערקייט. — פליז, קאָנדוקטאָר, לייט מיר א ניקעל, איך האָב ניט קיין „קארפעיר״...

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען ווי א צעטומעלטער, הגם ביי מיר איז קיין נאָווינע ניט געווען, אַז מיינע פּאַסאַזשירען זאָלען ביי מיר אויסלייען אויף

קאַרפּעיר, איז אָבער איר אַרט בעטען געווען אויסערגעוויינליך. עס האָט אויף מיר געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק. איר פּנים האָט זיך געריוויטלעט און געברענט פון שאנדע [די הענט האָבען זיך ביי איר געטרייסעלט, און אירע אויגען האָבען ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט וואו זיי זאָלען קוקען.

— מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען! — האָב איך איר געענטפערט. איך האָב איר דערלאַנגט א ניקעל, וואָס זי האָט מיר באַלד צוריקגעגעבען פאַר קאַרפעיר.

אראָפּגייענדיג פון קאַר, האָט זי מיר העפליך געדאנקט און מיר פאַר־שפּראָכען אָפּצוגעבען דעם ניקעל.

אין א פּאָר טעג אַרום האָב איך זי ווידער געהאַט פאַר א פּאַסאַזשירקע. זי האָט מיר מיט דאַנק אָפּגעגעבען דעם ניקעל און האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל איר געבען מיין אַדרעס. איך האָב איר מיט פאַרגעניגען געגעבען מיין אַדרעס. אַזוי איז אַוועק א לאנגע צייט. איך האָב וועגען דער גאנצער געשיכטע פאַרגעסען.

איינמאָל קומענדיג אַהיים פון דער אַרבעט, דערלאַנגט מיר מיין פרוי אַ בריוו. איך באַטראכט דעם בריוו פון אַלע זייטען און ווייס ניט פון וועמען ער איז, ענדליך עפען איך אים אויף און לייען:

„איר זייט געבעטען צו קומען צווישען 2 און 4 אַזייגער נאָכמיטאָג. איר קאָנט קומען אַליין, און אויב איר ווילט — מיט אייער פרוי. זעהר וויכטיג". אונטערגעשריבען ראָזענצווייג.

איך האָב אָנגעהויבען ברעכען מיין קאָפּ. שארפען מיין מוח, טרעפען, ווער קאָן דאָס זיין? איך האָב אָנגעהויבען אויסרעכענען אַלע מיינע פריינט, באַקאַנטע, לאַנדסלייט, אָבער איך האָב קיינעם מיט אזא נאָמען ניט געקענט;

איך האָב זיך מיישב געווען מיט מיין פרוי און סאיז געבליבען, אַז מיר זאָלען ביידע גיין... מאלע וואָס עס קען אמאָל פּאַסירען? אין צווייען איז שטאַרקער און זיכערער...

דעם קומענדיגען דאָנערשטאָג זענען מיר ביידע, איך און מיין פרוי, אויסגעפּוצט אין די בעסטע זאַכען וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט, אַוועק אויף דעם אַדרעס וואָס ס׳איז אָנגעגעבען אין דעם בריוו. אויפ׳ן וועג האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם בריוו. איך האָב דעם בריוו

איבערגעלייענט עטליכע מאָל און האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. דער נאָמען ראָזענצווייג איז מיר געווען אומבאַקענט.

ווען מיר זענען ענדליך געקומען אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס האָבן מיר דאָרט געטראָפען אַ גרויסע, פּראַכטפולע דעפּאַרטמענט סטאָר. דער נאָמען איז געווען דער זעלבער ווי דער אונטערשריפט אויף דעם בריוו.

מיר זענען אַריין אינווייניג און זיך געמאָלדען ווער מיר זענען. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ שיינעם אָפיס, וואו אַ מאַן איז געזעסען און גערויכערט אַ סיגאַר.

— זייט איר דער און דער? — האָט דער מאַן מיט אַ פריינדליכען שמייכעלע זיך צו מיר געווענדעט — און איר אַרבעט אַלס קאָנדוקטאָר אויף אַ קאַר?

— ריכטיג — האָב איך געענטפערט.

— זעצט זיך.

דער מאַן האָט מיר גענומען אויספרעגען וויפיל איך פאַרדין און צי איך מאַך אַ לעבען; וויפיל קינדער איך האָב. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ. איך בין געזעסען און האָב זיך געוואונדערט: צו וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ וויסען און וואָס וויל ער פון מיר? מיין נייגעריגקייט איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט.

— קומט, — האָט ער דערנאָך אַ זאָג געטאָן. — און איר מאַדאַם, — האָט ער זיך געווענדעט צו מיין פרוי — וואַרט דאָ אויס אַ ווייל אין מיין אָפיס.

דער מאַן האָט מיך אַרויפגעפירט אַ פלאָר העכער. דער גאַנצער פלאָר איז געווען אויסגעהאַנגען מיט מענער'שע סוטס און מאַנטלען. דער מאַן האָט עפּעס אין דער שטיל גערעדט צו אַ צווייטען מאַן. קענטיג אַ סעילסמאַן, און האָט זיך אַנטשולדיגט און איז צוריק אַרונטער.

— טוט אויס אייער רעקל, — האָט זיך צו מיר געווענדעט דער סעילסמאַן אין אַ העפליכען טאָן, — און קלייבט זיך אויס וועלכען סוט איר ווילט.

איך בין געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און האָב זיך ניט גערירט פון אָרט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

— טוט אויס אייער רעקל! — האָט דער סעילסמאַן שוין באַפעלענ־דיג געזאָגט — און צייגט מיר וועלכען סוט איר ווילט.

— אָבער איך האָב ניט קיין געלט, און איך בין ניט געקומען קויפען קיין סוט!

— ווער בעט ביי אייך געלט! — האָט ער געשמייכעלט — און א סוט דארפט איר טאַקע יאָ האָבען!

דער סעילסמאַן האָט, ווי מיט גוואלד, אויסגעטאָן מין קאָנדוקטאָרשען יוניפאָרם און האָט מיר אָנגעמאָסטען א פּראַכטפול שיינעם אָנצוג. איך בין געשטאַנען ווי געפּלעפט און האָב געקלערט: איז דאָס אַ חלום אָדער אַ ווירקליכקייט? איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

ווען דער סעילסמאַן איז פאַרטיג געוואָרען מיט מיר און דער אָנצוג און מאַנטעל איז גערלעגען אויף מיר ווי אויסגעגאָסען ,איז ער מיט מיר ארונטער אין אָפּיס. דאָרט האָב איך געטראָפען מיין פלונית׳טע, און... איך האָב זי ניט דערקענט, זי האָט געטראָגען אַ פּראַכטפולען פוטער־מאַנטעל, אַ שיינעם הוט און א טייער קלייד.

זי האָט מיר דערציילט וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען, ווי אַזוי מען האָט איר אויך אויסגעקליידט מיט די בעסטע זאכען, פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט זיך, פונקט ווי איך, ניט געקאָנט אָפּוואונדערען און ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. זי איז געשטאַנען ווי אַן איבערראַשטע, און האָט זיך קוים דערוואָרט אויף מיר.

באלד האָט זיך באַוויזען אַ פרוי, און איך האָב זי גלייך דערקענט. דאָס איז געווען די וואָס איך האָב איר געליען אַ ניקעל אויף קאַרפעיר.

זי האָט מיר באַגריסט מיט א ליבען שמייכעל און האָט אונז אריינ־גענומען אין אָפּיס.

— איר געדענקט? — האָט זי זיך צו מיר געווענדט אַ צופרידענע, און עס איז קענטיג געווען, אַז די דעראינערונג פאַרשאַפט איר אביסעל פאַר־גניגען — ווען איר האָט מיר אַמאָל אויסגעליען אַ ניקעל? איר האָט מיר דאַן געטאָן אַן אויסערגעוויינליך גרויסע טובה, וואָס איז שווער אָפּצושאַצען. איך האָב יענעם טאָג געדאַרפט שליסען אַ קאָנטראַקט וועגן אַ גרויסען הויז, וואָס איך האָב געקויפט. איך בין אַפילו א ביזנעס־פרוי, אָבער ווען איך גיי

וועגען געשעפט, האָב איך ליב זיך צו פּאַרפּוצען און ציִיגען מייַנע שיינע קליידער. נו, האָב איך זיך פאַרפּוצט און דערוויַיל פאַרגעסען מיין בייטעלע מיט געלט. ווען איך קום דאַן צו שפּעט פאַרליר איך מיין האַנט־געלט אויפ׳ן הויז, ווייל דער פאַרקויפען האָט געדארפט דרינגענד אָפּפאָרען נאָך קאַלי־פאָרניע אין אַ באַשטימטער צייט. דורך אייער פריינדליכקייט האָט איר גע־ראַטעוועט א מסחר, וואָס האָט מיר אריינגעבראַכט קאַרגע אָנדערהאַלבען צענדליג טויזענט דאָלאַר פּראָפיט. דעריבער וויל איך אייך באַלוינען. א חוץ די קליידער, וואָס איר און אייער פרוי האָבען באקומען, קריגט איר דאָ א טשעק פון פינף הונדערט דאָלאַר, איר זאָלט קאָנען אָנפאַנגען עפּעס אַ געשעפט.

זי האָט מיר דערלאַנגט דעם טשעק און געבעטען צו קומען אָפטער. מיט די פינף הונדערט דאָלאַר בין איך געגאַנגען אין ביזנעס, און עס האָט מיר זעהר אָפּגעגליקט. זייט דאַן זענען מיר פאַרבליבען גוטע פריינט.

איך כאַפּ פּיש

מיין מחותן, אַ פאַרברענטער פישערמאַן פון יאָרן און איז באַקאַנט מיט אַלע לעיקס און טייכען אין די בערג, ווי אַ פרומער איד אין אשרי, האָט מיר דאָ ניט לאַנג אין א זונטאָג, איינגעלאַדען מיט אים צו גיין כאַפּען פיש.

— אויב איר וועט איינמאָל פאַרזוכען דעם ספּאָרט פון כאַפּען פיש, וועט איר פאַרבלייבען אַ פישערמאַן אייער גאַנצע לעבען — האָט ער מיר פאַרזיכערט.

ער הייסט מיר זיך איבערטאָן אין אַלטע קליידער, ווייל אַ פישערמאַן קען ניט טראָגען קיין נייע זאַכען זיי זאָלען ניט איבערגעפּירט ווערען.

און אָט זיצען מיר אין קאַר און יאָגען זיך צו דעם לעיק וואו מיר דאַרפען כאַפּען פיש. אויפ׳ן וועג דערקלערט מיר מיין מחותן, וואָס עס מיינט אַ פישערמאַן.

— א פישערמאַן – צולאָזט ער זיך מיט פּאַטאָס, — איז ווי א סאָל־דאַט וואָס דאַרף זיך ניט אָפּשטעלען פאַר קיין שום זאַך. ער דאַרף האָבען

געדולד און אויסדויער. ער דאַרף ניט ווערען גלייך אנטוישט און אויפגעבען. ער דאַרף וויסען ווי אָנצוגיין מיט די שטומע באַשעפענישען, וואָס שווימען אין די וואַסערען און וואָס זיינען כיטרע גענוג זיך ניט צו לאָזען כאַפּען....

עס טרעפט פיל מאָל, אַז איר זאָלט אָפּשטיין שטונדען און ניט כאַפּען קיין איין פישעל, אָבער דאָס מיינט גאָר ניט! דאָס מיינט נאָר, אַז די שווי־מענדיגע באַשעפענישען ווילען אייך אויסמאַטערען און ווילען אַז איר זאָלט אויפגעבען, אָבער דער דערפאַרענער פישערמאַן לאָזט זיך ניט אויסכיטרעווען פון די שטומע פיש, און דער סוף גייט ער אַרויס דער זיגער.

ס'טרעפט אמאָל, אַז מען כאַפּט גאָרניט. ס'הייסט, אַז מען גייט אַוועק מיט ליידיגען. דאַרף מען דאָס אויך אָננעמען פאַר גוט, און ניט ווערען אנטוישט.

און אָט שטעלט ער אָפּ די קאַר און מיר לאָזען זיך צום לעיק.

— וואו איז דער לעיק? — פרעג איך אים? און בין שוין בייגעריג צו זען ווי דער לעיק קוקט אויס.

— אָט דאָ ניט ווייט, א צען־צוועלף בלאָק, — ענטפערט ער מיר, און ציינט מיר מיט'ן האנט וואו דער לעיק געפינט זיך.

מיר גייען. דער וועג איז אַ שווערער. מען דאַרף קריכען איבער אָפּגע־בראָכענע ביימער און צווייגען; באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, איבער שמאָלע פאַרקרימטע סטעזשקעלעך, איבער קאַנאַוועס מיט וואַסער, וואָס פאַרשטעלען דעם וועג; בלאָטעס, זומפּען, צווישען ביימער, וואָס רייסען און פליקען אייער געזיכט אָן רחמנות. מיין געזיכט איז שוין צעדראַפּעט, די פיס גע־שוואָלען, און עס נעמט ניט קיין ענד.

— וואו איז דער לעיק? — האלט איך אין איין פרעגען מיין מחותן — מיר זענען דאָך שוין אָפּגעגאַנגען א פאָר מייל.

— האָט געדולד! — ענטפערט מיר געלאַסען מיין מחותן — באַלד, באלד און מיר וועלען קומען צום לעיק.

דער וועג ווערט ערגער און שווערער. די ביימער רייסען פון מיר שטיקער, די שיך זיינען ביי מיר פול מיט וואַסער, דער פּנים אַ צעדראַפּעטער און איך פיל, אַז באַלד, באַלד וועל איך אַוועקפאַלען.

ענדליך דערגרייכען מיר דעם לעיק. מיט מסירות נפש לאָזען מיר זיך

אַרונטער דעם בערגעל וואָס פירט צום טייך און מיר בעמען זיך צו דער אַרבעט. מיין מחותן גיט מיר דעם „ראַד”, דאָס הייסט, די „מאכערייקע” וואָס דאַרף כאַפּען פיש. ער פאַרוואַרפט דאָס אין טייך, גיט מיר די דירעקשאָנס וואָס איך דאַרף טאָן, אין פאַל ווען איך דערהער אַ צי אין וואַסער, און זעצט זיך לעבען מיר מיט זיין ראַד.

איך זיץ און האַלט דעם ראַד ווי ער האָט מיר געהייסען. עס גייט אַריבער צען־פופצען און צוואַנציג מינוט, און גאָרניט! די פיש ווילען ניט בייסען... איך ווער אומגעדולדיג; איך רוף אים צו און זאָג אים, אַז איך האָב מער קיין כח צו האַלטען דעם ראַד, ווייל די האַנט איז מיר פאַר׳חלש״ט.

— א טייערער פישערמאַן זייט איר! — זאָגט ער צו מיר סאַרקאַס־טיש — אויב איר פאַרלירט אַזוי שנעל דאָס געדולד, וועט שוין פון אייך קיין פישערמאַן קיינמאָל ניט זיין.

— אָבער וואָס איז דער שכל — פרעג איך אים — צו פאַרלירען אַזוי פיל צייט צו כאַפּען א קליין פישעלע? שוין מער ווי אַ שטונדע, אַז מיר מאַטערען זיך צו כאַפּען א פישעלע און מיר האָבען נאָך גאָרניט געכאַפּט.

— מיר טוען דאָס צוליב ספּאָרט, צוליב פאַרגעניגען, צוליב שטילען אונזערע נערוועז, — מאַכט ער צו מיר. — און דאָס אַלץ.

— אָבער וואָס איז געשען מיט די פיש וואָס זיי ווילען ניט בייסען, און מען קען זיי ניט כאַפּען.

— מען וועט כאַפּען! מען דאַרף האָבען געדולד! פיש זיינען זעהר קלוג און כיטרע און היינט גראַדע האָבען זיי זיך פאַרשלאָפען.

נו, זיצען מיר ווייטער אָן אָטעם און וואַרטען, אַז אפשר וועט גאָט רחמנות האָבען און וועט אונז צושיקען א פּאָר פישעלעך מיט וואָס צו קומען אַהיים. אָבער די פישעלעך ווילען זיך היינט ניט לאָזען כאַפּען — כאָטש שריי חי־וקים!

איך האַלט דעם ראַד, ווי א סאָלדאַט די ביקס, און וואַרט, אַז א פישעל זאָל זיך פאַרטשעפּען. די האַנט איז מיר שוין פאַר׳חלש׳ט, און איך פיל, אַז ער וועט מיר באַלד אַרויספאַלען פון האַנט.

און אַזוי זיצענדיג, האַלטענדיג דעם ראַד און וואַרטענדיג, אַז אַן אומ־שולדיג פישעלע זאָל זיך פאַרטשעפּען, אָדער א „בייס” טאָן, ווער איך סענ־טימענטאַל און איך טראַכט מיר, טאַקע וואָס האָב איך צו די אומשולדיגע

פישעלעך צו באַרויבען זיי פון זייער פרייהייט. זיי זיינען דאָך פרידלעכע באַשעפענישען, וואָס טשעפּען קיינעם ניט, קום איך, אַן אויפגעקלערטער, אינטעליגענטער מענש און וויל זיי פאַרניכטען. איז דאָס יושר׳דיג? איז דאָס ניט ברוטאַל! און איך פיל ווי איינצולאָזען דעם ראַד און מאַכען א סוף צו דעם נאַרישען ספּעקטאַקעל, ווען פּלוצלונג גיט מיר מיין מחותן אַן אָרדער אַז מיר זאָלען גיין ווייטער.

— דעם פּלאַץ — זאָגט ער מיר — האָבען די פיש היינט באַיקאָטירט. פיש ווי מענשען דערקלערט ער מיר — פוילען זיך אמאָל צו גיין זוכען שפּייז; זיי ליגען אין זייערע נאָרעס און וואַרטען, אַז די שפּייז זאָל זיי אַליין קומען אין מויל אריין.

און אָט קלעטערען מיר ווידער איבער גליטשיגע וועגעלעך און שטעגעלעך. מיר קריכען ווידער באַרג אַרויף, באַרג אראָפּ, איבער בלאָטיגע זומפּען און טאָלען צווישען שטעכיגע ביימעלעך. איך הויב אָן צו פילען מיד, אויסגעמאַטערט, ביז וואַנען מיר קומען צו אַ נייעם פּלאַץ.

מיין מחותן, ווי אַ געניטער פישערמאַן, באַטראַכט דעם טייך, נישטערט מיט די אויגען, זוכט אין אַלע זייטען, וויל זיך דערגרונטעווען צי דאָ איז דער ריכטיגער פּלאַץ פאַר כאַפּען פיש.

און ווידער האַלטענדיג דעם ראַד אין האַנט, הער איך ניט אויף צו פילאָזאָפירען. טאַקע, טראַכט איך מיר, וואָס האָבען מיר זיך אָנגעזעצט אויף די פרידליכע באַשעפענישען, וואָס טוען אונז קיין שום שלעכטס; וואָס טשעפּען קיינעם ניט; זיי גייען קיינמאָל ניט אַרויס פון טייך אימיצען אָנצוגרייפען, איז וואָרום זאָלען מיר זיין אַזוי בלוטדורשטיג און זיי וועלען אומברייגגען?

איך בין געוואָרען אַזוי סענטימענטאַל, אַז איך האָב געוואָלט איינלאָזען דעם ראַד און אַן ענד! ווען פּלוצלינג האָב איך דערהערט מיין מחותנ׳ס הילכיגען געשריי, וואָס האָט מיר אויפגעוועקט פון מיינע געדאַנקען.

— שנעלער! שנעלער! — האָט ער געשריען, — אַ פישל בייסט! ציט שנעל דעם ראַד פון וואסער, אָבער שנעל!

איך בין געוואָרען אַזוי צעמישט און צוטומעלט פון מיין מחותנ׳ס געשריי, אַז דער ראַד איז ביי מיר אַרויסגעפאַלען פון האַנט. איך האָב זיך א לאָז געטאָן כאַפּען דעם ראַד און בין אַריינגעפאַלען אין וואסער!...

ווען מען האָט מיר אַרויסגעצויגען פונוואַסער, בין איך געווען נאָס ווי א האָן און מיין גאנצער קערפּער האָט געציטערט פון קעלט.

— איצט וועט איר שוין זיכער זיין א פישערמאַן — האָט מיין מחותן שמייכלענדיג מיך געטרייסט — יעדער איינער איידער ער קען ווערען אַ פישערמאַן מוז זיך פריער טובל זיין אין טייך...

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, אַז מען האָט מיר געבראַכט אַהיים האָב איך געקראָגען הויכע פיבער און האָב געהאַלטען אין איין פלוידערען פון ראַדס, פיש וואָס ווילען ניט בייסען, און אַזוי ווייטער.

אַ פאַרשטענדיגער ריכטער

(הומאָרעסקע)

דאָ , אנומעלט, ווען איך און מיין פלונית׳טע זיינען אין אונזער „קאָטע-רינקע״ געפאָרען צו מיין טאָכטער אין לאָנג איילענד אויף אַ וויזיט, האָט אונז אויפ׳ן וועג אַ פאָליסמאַן אָפּגעשטעלט און זיך געהייסען ווייזען מיינע „לייסענס״.

— איר זענט אַריבער די ווייסע ליניע — האָט ער רואיג דערקלערט — און דעריבער קומט אייך אַ טיקעט.

— שטופּ דעם גרעפּטער אַריין א פּאָר „מכות״, וועט ער דיך לאָזען צורו — האָט מיין אידענע צו מיר א זאָג געטאָן — דו זעסט דאָך, אַז ער זוכט דאָס.

— די „מכות״ קענט איר האַלטען פאַר זיך — האָט דער פאָליסמאַן, אין אַ גוטען אידיש, געענטפערט — און אַ טיקעט וועט איר שוין ביי מיר יאָ קריגען.

עס האָט נישט געהאָלפען מיין טענה׳ען און מיין בעטען זיך. ער האָט מיר אויסגעשריבען א צעטעל.

האָט מיין אידענע זיך צעשריגען אויפ׳ן פאָליסמאַן, און דערנאָך אויף מיר. זי האָט מיך אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען ווי גולם, שלים-מזל,

לאַ־יוצלח א. אז. וו., און דעם פּאָליסמאַן האָט זי געסטראַשעט, אַז זי וועט נישט שווייגען.

— נו, איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז דו זאָלסט פּטור ווערען פון דער קאָטערינקע, וואָס פאַרשאַפט דיר אַזוי פיל צרות און האַרצווייטאָג ? דאָ אַ ׳טייר״, דאָ אַ בעטערי, און דאָ שטעלט זי זיך אָפּ און וויל אינגאַנצען נישט גיין... האָסט פון דעם אויטאָמאָביל רק צרות !

— איך בין נישט דער איינציגער — האָב איך ארגומענטירט מיט מיין אידענע — אַ קאר איז ווי אַ ווייב, אמאָל האָט מען פון איר נחת און אמאָל צרות...

— און וואָס וועסטו טאָן מיט׳ן טיקעט — האָט מיין ווייב זיך נישט בארואיגט.

איך וועל גיין אין קאָורט און וועל „פייטען״ ! — האָב איך קורץ געענטפערט.

— זע נאָר מיין העלד ! — האָט מיין אידענע זיך צעלאַכט — דו בעסער פאָלג מיך, און גיי באצאָל דעם צענערל, און מאַך זיך נישט צום נאר.

— אָבער איך ווייס, אַז איך בין אומשולדיג און אַלס אַן אַמערי־קאנער בירגער האָב איך אַ רעכט צו באווייזען מיין אומשולד.

— מאך זיך נישט נאריש וועט מען פון דיר נישט לאכען. ער וועט „פייטען״ סיטי האָל ! גיי און באצאָל דעם טיקעט און דריי נישט קיין קאָפּ.

אַז איך בין געקומען אין קאָורט און מען האָט אויסגערופען מיין נאָמען, האָב איך זיך דערקלערט „נישט שולדיג״ !

— גילטי, אָר נאָט גילטי ? — האָט דער ריכטער, קוקענדיג אויף מיר מיט בייזע בליקען איבערגע׳חזר״ט.

— נאָט גילטי ! — האָט איך אַ צווייט מאָל איבערגע׳חזר״ט הויך אויפ׳ן קול.

— דיין קייס איז אָפּגעלייגט אויף צוויי מאָנאַטען, אין אַן אנדער קאָורט — האָט דער ריכטער, דערלאַנגענדיג מיר אַ צעטעל, געזאָגט.

אַז איך בין געקומען אהיים און דערציילט מיין אידענע, וואָס עס האָט פּאַסירט אין קאָורט, און אַז איך האָב זיך דערקלערט נישט שולדיג, האָט זי

מיר דערלאַנגט די ריכטיגע פּאַרציע. זי האָט מיר געמאַכט שווער דאָס האַרץ און געזאָגט, אַז איצט וועל איך ערשט האָבען צרות, דעפּאַר וואָס איך האָב זיך דערקלערט נישט שולדיג.

— אָבער איך זוך נישט מער ווי גערעכטיגקייט —האָב איך זיך פאַר־ענטפערט — דו ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט שולדיג.

— שולדיג, נישט שולדיג — האָט זי געשריגען — אַז מען קריגט א טיקעט גייט מען און מען באַצאָלט, און אַן עק.

נאָר אָט זיץ איך שוין אין דעם צווייטען קאָורט און באַטראַכט דעם ריכטער מיט דער פליישיגער נאָז און פליכעוואַטען קאָפּ ווי ער טיילט אויס גערעכטיגקייט, און עס דערוועקט זיך אין מיר אַ האָפענונג, אַז ער וועט האָבען איינזען מיט מיר און וועט מיך נישט באַשטראָפען.

און אָט רופט מען אויס מיין נאָמען. מען שוועררט איין דעם פּאָליסמאַן. און דער פּאָליסמאַן דערציילט אין אַ געלאַסענעם, רואיגען טאָן, פאַרוואָס ער האָט מיר געגעבען דעם טיקעט, און ער האָט פאַרענדיגט מיט דעם, וואָס מיין אידענע האָט זיך ווילד צעשריגען, פריער אויף אים און דערנאָך אויף מיר און געמאַכט פון מיר אַש און בלאָטע.

דער ריכטער האָט זיך פאַר א ווײַלע פאַרטראַכט, געקוקט אויף מיר מיט סימפּאַטיע געפרעגט מיך עטליכע פראַגען און „דיסמיסד” די „קעיס”.

— איר האָט מזל וואָס איר האָט אָנגעטראָפען אויף דעם דזשאָדזש — האָט דער פּאָליסמאַן זיך צו מיר אָפּגערופען, ווען מיר זיינען אַרויס פון קאָורט — ער סימפּאַטיזירט אימער מיט די מענער, וואָס ליידען פון זייערע פרויען און האָבען ביי זיי אַ שלעכטע מערכה און דעריבער האָט ער אייך נישט באַשטראָפט.

ערשט איצט, האָט מיין אידענע מיך געקרוינט פאַר א העלד און נעמט זיך מיט מיר איבער און אַלץ דערפאַר, וואָס איך בין אַרויס דער זיגער פון קאָורט.

נ אָ ר ל אַ כ ע ן

לייקוואוד און פלאָרידע

(הומאָרעסקע)

ווי נאָר ס׳קומט אָן דער בייזער, קאַלטער ווינטער מיט די קורצע טעג און די זון ווערט אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע און פאַרשווינדט, אַזוי הויבט אָן מיין פלונית׳טע אונטערצוקרעכצען. זי הויבט זיך אָן צו באַקלאָגען אויף פאַר־שידענע קראַנקהייטען ווי: רעוומאַטיזם, אַרטרייטיס, קאָפּ־ווייטאָג, ברוסאַי־טעס און אַנדערע חולאת׳ן. זי פאַרלירט דעם אַפּעטיט צום עסען, זי ווערט נערוועאיש און שלאָפט נישט קיין נעכט. זי האַלט אין איין שרייען און בייזערן זיך אויף מיר און עס ווערט מיר ענג דאָס הויז.

ווען איך קום אַ מידער און א הונגעריגער פון א טאָג ארבעט, לאָזט זי זיך פאַרנאַנדער און רעכענט אויס איר בינטעל קראַנקהייטען.

— און וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — שלאָג איך איבער אין מיטען — און וואַרט אויף דאָס ערגסטע.

— ווערסטו דען פאָלגען, וואָס דער דאָקטאָר הייסט? — ענטפערט מיין אידענע סאַרקאַסטיש.

—א ברירה האָב איך! — און איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף איר ענטפער.

— ער האָט מיך געהייסן פאָרען קיין פלאָרידע! — גליטשט זיך ביי איר אַרויס דער ענטפער.

— פלאָרידע? — ווערט מיר אַביסעל קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרץ — און איך פיל ווי מיינע כוחות פאַרלאָזען מיך — וואָס האָט פלאָרידע צו טאָן מיט אַרטראַיטיס אָדער רומאַטיזם?

— האָב איך דאָך פריער געוואוסט, אַז דו וועסט נישט פאָלגען, וואָס דער דאָקטאָר הייסט — זאָגט מיין אידענע שוין א ברוגז׳ע.

— און איך גלויב נאָך אַלץ — נעם איך זיך אָן מיט מוט — אַז לעיק־וואוד קען דיר גיכער העלפען צו דיינע קראַנקהייטען ווי פלאָרידע.

— זינט ווען ביזטו געוואָרען אַזאַ מומחה? — שפּריצט מיין אידענע מיט פייער — פון וואַנען ווייסטו, אַז פלאָרידע וועט מיר נישט העלפען? זעסטו דען נישט ווי אַלע האַלטען אין פאָרען אַהין?

— זיי פאָרען זיך נישט קורירען, נאָר אויספיינען זיך מיט זייער דזשולערי און קליידער — דערקלער איך מיין פלונית'טע.

— א גאַנצער חכם געוואָרען אויף דער עלטער — טאַדעלט מיך מיין אידענע.

— אָבער וואָס איז דער מער מיט לעיקוואוד? —שלאָג איך איר איבער אין מיטען — דו ווייסט דאָך, לעיקוואוד האָט מיך נישט איין מאָל געשטעלט אויף די פיס. דאכט זיך לעיקוואוד — לאָז איך נישט אָפּ — האָט א שם מיט איר לופט, און מענשען פון גאַנץ אמעריקע פאָרען אהין!

— לעיקוואוד איז פאַר קבצנים! שנאָרערס! און „מאיזערס"! — רעדט מיין אידענע מיט כעס — און אויב מיינע שוועסטער, שוועגערינס און די גאנצע פאַמיליע קענען זיך פאַרגינען פאָרען קיין פלאָרידע, וויל איך אויך פאָרען אַהין.

— ווייסטו גאָר וואָס? — וויל איך שלום מאכען מיט מיין פלונית'טע — לאָמיר פריער אַ פאָר טאָן קיין לעיקוואוד, און אויב דיר וועט נישט געפעלען ווערען דאָרט, וועלען מיר פאָרען קיין פלאָרידע.

גוט! — איז מיין אידענע איינשטימיג.

אָנקומענדיג אין לעיקוואוד האָבען מיר דאָרט אין האָטעל געטראָפען מיין ווייב'ס גאנצע משפחה — אירע שוועסטער, שוועגערינס, קוזינעס און אַפילו אונזער בוטשער, וואָס האָט א שם פאַר זעהר אַ רייכען... זיי האָבען אנשטאָט פאָרען קיין פלאָרידע זיך אַריבערגעכאפּט קיין לעיקוואוד...

מיין פלונית'טע איז אַרונטער א שטיין פון הארץ.

א שכן

(הומאָרעסקע)

— איר רעדט פון שכנים? — האָט זיך דערהערט אַ שטימע פון א אידען, וואָס איז געזעסען אויף דער צווייטער באַנק און זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב געפירט מיט מיין פריינט — וויל איך אייך

אויך דערציילען, מיט אייער דערלויבעניש, זעהר אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג. טאַקע פון מיינעם אַ געוועזענעם שכן.

— דערציילט! דערציילט! — האָבען מיר זיךביידע אָפּגערופען — מיר זיינען נייגעריג צו הערען.

דער איד האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אונזער באַנק, און ער האָט, אָן הקדמות, אָנגעהויבען:

— ווען איך האָב העכער מיט א יאָר צוריק זיך אַריינגעצויגען אין מיין נייער וואוינונג, האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך אריינגעלאָזען צו מיר א איד, און זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

— מיין נאָמען איז מעקס גודמאַן — האָט ער מיט א שמייכעל געזאָגט — און איך בין אייער שכן. איך וואוין אויף דעם ערשטען פלאָר. איר פאַרשטייט? איך האָב ליב צו לעבען גוט מיט מיינע שכנים, ווייל, ווער איז נאָך אַזוי נאָענט ווי א שכן? דערצו בין איך אַ גרויסער ליבהאָבער פון מענשען. צייט איז, ברוך השם, דאָ גענוג. נו, איז זעהר גוט, אַז מען האָט מיט עמיצען א וואָרט אויסצוריידען און טאַקע ביי זיך אין הויז.

— איר הערט? — האָט מיין שכן פאָרגעזעצט — איך בין אַזאַ מענש, וואָס איך מאַך זיך היימיש גלייך, ווי איך באַקען זיך מיט עמיצען. אָט טאַקע דער געוועזענער שכן, וואָס האָט געוואוינט דאָ, בין איך געוואָרען מיט אים אַזוי נאָענט, אַז איך פלעג ביי אים טאָגען און נעכטיגען. אָט אַזאַ מענש בין איך. איך האָב ליב מענשען, איבערהויפּט, א שכן...

און מיין שכן מר. גודמאַן, איז געוואָרען אַן אָפטער באַזוכער ביי מיר אין הויז. ער פלעגט אָפּזיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דעם גאַנצען אָוונט האָט ער נישט צוגעמאַכט זיין מויל. ער האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. פלעגט ער אָנהויבען עפּעס דערציילען, איז דאָס געווען אַזוי לאַנג ווי דער אידישער גלות. נאָך איידער ער פלעגט ענדיגען, פלעגט ער שוין לאָזען וויסען אין פאָראויס, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו דערציילען. און אַזוי פלעגט ער ריידען און אָפּנודיען דעם גאַנצען אָוונט.

מיין שכן, מר. גודמאַן, איז געווען פון די מענשען, וואָס גלויבען אַז זיי וויסען אַלץ, פאַרשטייען אַלץ, און אַז זיי דאַרפען ריידען, אָבער דער צווייטער דאַרף זיך צוהערען...

— איר פאַרשטייט ? — האָט מיין שכן מיר איין מאָל דערקלערט ! — מיט מיין פּלונית׳טע האָב איך נישט וואָס צו ריידען. מיר האָבען שוין אַלץ אָפּגערעדט. זי קען מיט אירע חבר׳טעס אָפּריידען אויפ׳ן טעלעפאָן שטונדען גאַנצע און עס וועט איר נישט נמאס ווערען. אָבער טאָמער נעם איך אמאָל מיט איר אויסריידען א וואָרט, טוט זי גלייך אַ דריי אויף דעם טעלעוויזשאָן און איך בלייב שטום ווי א פיש.

אין איינעם אַן אָוונט האָט מיין שכן אראָפּגעבראכט א הויכע, דיקע אידענע און זי פאָרגעשטעלט אַלס זיין ווייב.

— וואָס דאַרפסטו זיצען אַליין אין הויז ביי טעלעוויזיע — האָט ער צו איר געזאָגט — דאָ האָסטו א טעלעוויזיע און דו וועסט זיך קאָנען פאַר־ווײלען צווישען גוטהארציגע און צוגעלאָזענע מענשען.

די פעטע אידענע האָט אונז געדאנקט פאַר אונזער גאַסטפריינדליכ־קייט, און זי איז גלייך געוואָרען היימיש ביי אונז אין הויז...

— אייער קאָפע איז אַזוי געשמאק און באַ׳טעמ׳ט — פלעגט מיין שכן, מר. גודמאַן, האלטען אין איין מאכען קאָמפּלימענטען מיין אידענע, ווען זי פלעגט אים סערווירען מיט העפליכקייט.

און ער פלעגט אַזוי האלטען אין איין טרינקען די קאָפע און נישט אויפהערען צו וואַרפען קאָמפּלימענטען. און די גראָבע שכנה פלעגט זיצען דערביי און אים צוהעלפען.

—אַי. אַ לעבען אויף אייך ! — פלעגט זיך ארײנלאָזען די מרס. גוד־מאַן מיט אַ גרויס באַנדעל ווערטער — איר וועט זיין אַזוי גוט און נעמען דאָס אין לאַנדרעמאַט, ווען איר וועט נעמען אייער באַנדעל. און דערצו, א געזונט אויף אייך, וועט איר אַזוי גוט זיין און מיר ברענגען פון סופּערמארקעט די זאַכען, וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבען אויפ׳ן צעטעל. איר גייט דאָך מיט אייער קאַר, האַ ? טאָ וועט איר שוין אויך ברענגען אַ זעקעל פּאָטעיטאָס אויך.

— איך קאָן ביי אייך מאכען א טעלעפאָן־קאָל ? — פלעגט דן מרס. גודמאַן אָנקלאַפּען זונטאָג אין דער פרי — איך דאַרף אָפּרופען מיין דאָקטער, און מיין טעלעפאָן איז עפּעס נישט אין אָרדענונג.

— יאָ — פלעגט זי א זאָג טאָן, ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן

ערשטען קאָל — איך דאַרף אויך אָפּרופען מיין צווייטע טאָכטער, ווייל איר מיידעלע פילט עפּעס נישט מיט אַלעמען...

— איר וועט מיר מוזען טאָן א געפעליגקייט —— האָט זיך מיין שכן צו מיר אָפּגערופען איין אָוונט, ווען מיר זענען געווען אַליין — איר וועט מיר מוזען געבען א גמילת חסד פאַר א קורצער צייט.

נו ווי העלפט מען נישט אַרויס א שכן מיט אַזאַ קלייניגקייט ווו אויס־לייען א פּאָר דאָלער?

זינט דעמאָלט האָט ער אויפגעהערט צו קומען צו מיר. ער איז גע־וואָרען פאַרפאַלען אַזוי ווי אין וואַסער אַריין...

איך האָב זיך שפּעטער אַרויסגעצויגען פון מיין דירה, ווייל איך האָב מורא געהאט, אַז ער זאָל מיר, חלילה, נישט אָפּגעבען דעם ערשטען חוב, און דערנאָך בעטען אַ גרעסערען גמילות־חסד׳ל...

— נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ שכן? — האָט דער איד מיט א שמייכעל פאַרענדיגט.

וואָס ער טוט טויג ניט

מיין שכן האָט זיך אַראָפּגעלאָזען נעבען מיר אויף דער באַנק, אין דעם דערבייאיגען פּאַרקל, און האָט זיך אנטשולדיגט, וואָס ער שטערט מיין רו. פאַרויכערענדיג זיין ליולקע, האָט ער צעגערענדיג אָנגעהויבען:

— דאַכט זיך, מיר זיינען שוין שכנים באַלד מער ווי אַ יאָר. און איך האָב קיינמאָל ניט געהאט די געלעגענהייט צו פאַרקניפּען מיט איר א געשפּרעך.

—נו, האָט איר ענדליך די געלעגענהייט געקראָגען — האָט איך שמייכלענדיג געענטפערט.

— אַלזאָ, מיין נאָמען אין פרידמאַן — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט — מיין נאָמען אַליין באַווייזט, אַז איך בין אַ פרידליכער, שטילער מענש... איך גאַר נאָך פרידען. פאַר איין שעה פרידען, וואָלט איך אָוועקגעגעבען אַ לעבען פון קריג.. איר הערט — האָט ער, צורוקענדיג זיך נענטער צו מיר, ווייטער גע׳טענה׳ט — מען רעדט פון גרויסע מלחמה־פירער, פון באַרימטע סטראַ־טעגען, פון געשולטע, כיטרע דיפּלאָמאַטען, וואָס מיט זייער שכל און פּעאיג־

קייט זעען זיי אָנצוהאַלטען דעם פרידען אויף דער וועלט... און איך זאָג, אַז מיר מענער דאַרפען זיין גרעסערע דיפּלאָמאַטען און פאַרמאָגען אויסער־געוויינליכען געדולד און פעאיגקייטען צו קאָנען אָנהאַלטען דעם שלום־בית אין הויז.

אָט נעמט צום ביישפּיל, מיין פלונית׳טע — האָט ער זיך צעוואָ־רעמט — אַזוי איז זי א מלאך אין אַ מענשן־געשטאַלט. מענשען לויבען זי פאַר איר גוטסקייט; אַז זי רעדט, שיטען זיך פּערל פון איר מויל; טאָן א טובה, וועט זי לויפען אין פייער און אין וואַסער... זי איז צו יעדען איינעם פריינטליך, צוגעלאָזען, אָבער ניט צו מיר. איך האָב צו איר ניט קיין מזל... אויף מיר זוכט זי נאָר חסרונות. איר געפעלט ניט קיין זאַך וואָס איך טו און ווי אַזוי איך טו. זי האַלט מיר אין איין מאַכען פאַרווירפע אַז איך בין ניט פריינטליך צו מענשען, אַז איך בין ניט נייגעריג צו טאָן אַ מענשען א טובה, אַז איך האלט זיך גרויס, אַז איך בין אַ גרויסער עגאָאיסט אַז איך דערווייטער זיך פון דער פאַמיליע, און ווען עס קומט א גמילות־חסד׳ל — בין איך ניטאָ אינדערהיים...

וואָלט דאָס מיך געדאַרפט זעהר פאַרדריסען: סטייטש אָן אייגענע פרוי זאָל וועגען איר מאַן אַזוי רעדן! איך וואָלט געדאַרפט פאַרלירען ס׳געַ־דולד... אָבער דאָס שמעקט שוין מיט קריג, און ווי איך האָב פריער דערמאָנט, בין איך אַ גרויסער אָנהענגער פון פרידען. נו, נוץ איך אָביסעלע דיפּלאָ־מאַטיע, איך מאַך א סטראַטעגישען צוג: איך הויב אָן צו ווערען סענטימענ־טאַל, הויב אָן ווערען רעדעוודיגער; ווער מיט אַלעמען אַ גוטער ברודער; טו טובות, רעכטס און לינקס; לאַד־איין די פאַמיליע אויף דינער; האלט זיך אין איין וואַרפען מיט גמילות־חסדים׳לעך — איך ווער פשוט פאַרוואנדעלט אין א מלאך.

פאַר א ווײלע ווערט מיין פלונית׳טע ווי פאַרכאַפּט. מיין סטראַטעגישער צוג האָט זי ווי צוטומעלט. אָבער עס נעמט ניט לאנג און זי הויבט אָן צו פייערען אויף מיר און מיר אויפוואַרפען חטאים:

— א מאן ביזטו? ביזט א שמאַטע, א לעמישקע! מיט אַלעמען חבר׳סטו זיך, מיט אַלעמען מאַכסטו פריינט, דו האלטסט זיך ניט פאַר קיין מענש... אַלעמען לייסטו געלד.. אַלע נוצען דיך אויס.

הכלל, איך בין ביי איר דער גרעסטער לא־יוצלח...

און איך מוז ווייטער שוויגען און שאַרפען מיין מוח, וואָס פאַר א סטראַטעגישען צוג איך זאָל איצט מאַכען, כדי אָנצוהאַלטען דעם פרידן — ווייל אַ פאַלשער, ניט אויסגערעכענטער שריט פון מיין זייט ,מיינט קריג, וואָס איך זוך אויסצומיידען...

צעשטערטע פריינטשאַפט

(הומאָרעסקע)

ווען מיין אידענע האָט מיר איין אָוועגט דערציילט, אַז זי האָט צוגע־זאָגט די פינטעלס מיטצונעמען אויף אַ רייזע קיין ניאַגרא פאָלס, בין איך געבליבען זיצען אַ געפּלעפּטער.

— וואָס, דו ווילסט זיי נישט מיטנעמען? — האָט מיין אידענע נישט געוואַרט, אַז איך זאָל איר ענטפערען — פאַרוואָס ?

— דו פאַרשטייסט — האָב איך גענומען מיט איר איינ׳טענה׳ן — די מרס. פינטעל איז זעהר אַ קאַפּריזנע, נערוועזע פרוי און אונטערנעמען אַזאַ רייזע איז נישט פאַר אירע נערוועז.

— פאַרקערט — האָט מיין אידענע זיך נישט געלאָזט איינריידען — די רייזע וועט באַרואיגען אירע נערוועז און מיר וועלען נישט האָבען קיין אונאַנגענעמליכקייטען פון איר.

— דו פאַרשטייסט — האָב איך גענומען מיט איר איינ׳טענה׳ן — מיר קאָנען זיך מיט די פינטעלס אַזוי פיל יאָרן, מיר זיינען אַזוי אינטים באַפריינ־דעט, מיר גייען צוזאַמען, פאַרברענגען, עסען צוזאַמען, איז ווי פּאַסט דאָס זיי נישט מיטצונעמען ?

— וואָס מיינטו, עס פאַסט נישט ? — דו האָסט שוין פאַרגעסען וואָס דו האָסט געהאַט פון איר לעצטען מאָל, ווען מיר האָבען איר גענומען אין די מאונטעינס ?

— דאָ וועט זי זיך אויפפירען אַנדערש — די רייזע וועט איר מאַכען פאַר אַן אנדער מענטש.

אַז דיר איז ליב, איז מיר ניחה — האָב איך איר נאָכגעגעבען — אָבער זאָג זיי אָן, אַז זיי זאָלען קומען אין צייט.

און אַט האָט די מרס. פינטעל געבראַכט איר באַגאַזש — גרויסע טראַנקס מיט קליינע טראַנקס, ווי זי וואָלט געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע.

— טשעפּעט איר נישט! — האָט מר. פינטעל אַ זאָג געטאָן צו מיר אין דער שטיל, אַז זי זאָל נישט הערען – זי האָט אַ שוואַכקייט, אַז זי פאָרט ערגיץ נעמט זי מיט אַ סך באַגאַזש.

— נו, טו איך איר צוליב און שוויג און לייג איר באַגאַזש אין קאַר אַריין. און אַט זיץ איך שוין ביים רעדעל און די קאַר טראָגט זיך אויף דעם גלאַטען אספּאַלט צו ניאַגראַ־פאַלס. מיין אידענע איז מלא שמחה, וואָס די מרס. פינטעל איז צופרידען. מען רעדט, מען שפּאַסט און מען לאָזט זיך וואוילגיין.

מיטאַמאָל הויבט זיך מרס. פינטעל אָן צו באַקלאָגען, אַז עס פעלט איר אויס לופט, אַז זי ווערט דערשטיקט און אַז איר שווינדעלט אין קאָפּ, זי שרייט אַז איך פאָר צו־שנעל און זי וויל, אַז איך זאָל פאָרען לאַנגזאַמער. מיין אידענע גיט מיר אַ וואונק, אַז איך זאָל שוויגען און פאָרען לאַנגזאַמער.

נאָר אַט האָט אָנגעהויבען ווערען טונקעל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ האָטעל איבערצונעכטיגען.

— וואָס האָט מען זיך דאָ אָפּגעשטעלט? — האָט אַ פרעג געטאָן די מרס. פינטעל — און גלייך צו מיר אַ זאָג געטאָן, אַז מיר זאָלען פאָרען אַביסעל ווייטער, ביז וואַנען מיר וועלען קריגען אַ שענערען האָטעל.

— דאָ איז כשר!

— ניין! ניין! — האָט מרס. פינטעל זיך צעשריגען — איך וויל האָבען אַן אפּ־טו־דעיט האָטעל מיט אַ סווימינג־פּול. זי האָט עקסטראַ געקויפט זיך אַ בעידינג־סוט פאַר 20 דאָלאַר און זי וויל אין אים כאַפּען אַ שווים... אין אַ ביליגען האָטעל וועט זי נישט קענען שלאָפען און זיך „ענדזשאָיען".

— מיר זענען נישט געפאָרען אויף אַ וואַקאַציע, נאָר צו זען די וואונ־דער פון ניאַגראַ-פאַלס, און איין נאַכט קען מען איבערשלאָפען אין אַ ביליגערען האָטעל — האָב איך זיך אָפּגערופען — איך בין נישט פאַראינטערע־סירט אין האָטעלען מיט סווימינג־פּולס.

— אַז מען פּאָרט מיט פּריינט, דאַרף מען נאָכגעבען — דאַרף מען זיי צופרידענשטעלען און ניט מאַטערן זיי — האָט מרס. פּינטעל אויסגעשאָסען מיט כעס.

— יאָ, יאָ, — האָט מר. פּינטעל אונטערגעכאַפּט — זי איז גערעכט. איך גיב מיין פרוי אַלץ נאָך. און זיי האָבען זיך ביידע אויף מיר צעשריען.

מיין פרוי האָט מיר ווייטער געגעבען אַ וואונק, אַז איך זאָל שווייגען און ניט ארייגלאָזען זיך אין אַ קריג.

נאָכדעם ווי מיר האָבען פאַרבראַכט צוויי טעג אין ניאַגאַרא־פאָלס און קאַנאַדע און אַלץ געזען און באַוואונדערט, האָב איך געמאַכט א פאָרשלאג, אַז מיר זאָלען זיך לאָזען פאָרען אַהיים.

— וואָס איז די איילעניש? — האָט מרס. פּינטעל זיך צעשריגען — מיר זיינען נישט געקומען צו געבען א קוק און אַנטלויפען. דאָ איז דאָך פאַראַן א סך צו זען. מיר קענען „אפאָרדען" צו בלייבען נאָך א פּאָר טעג.

— געוויס! געוויס! — האָט מר. פּינטעל צוגעבאַמקעט — מיין ווייב ווייס וואָס זי רעדט .מען דאַרף זיך ניט איילען. עס איז נאָך דאָ אַ סך צו זען, עפּעס א קלייניגקייט ניאַגרא-פאָלס!

—אָבער איך דאַרף מאָרגען זיין צו דער אַרבעט! — האָב איך גע'טענה'ט — און איך מוז זיך לאָזען אין וועג אַריין.

— נאָר ער יאָגט! — האָט מרס. פּינטעל געגוואַלדעוועט — איר האָט אונז געלאַדען צו מאַכען מיט אייך דעם „טריפּ" דאַרפט איר זען, אַז מיר זאָלען הנאה האָבען.

— אָבער איך האָב אייך געזאָגט אַז איר פאָר מער נישט ווי אויף פיר טעג — האָב איך גע'טענה'ט —און איך מוז זיך אַיילען א היים.

האָט מען אָנגעפאַנגען צו אַרגומענטירען, האָבען זיי מיר אריינגעזאָגט. האָב איך זיי ניט געשוויגען, און זיי צוריק אריינגעזאָגט, ביז וואַנען מיר האָבען זיך גוט צעקריגט...

צוריק אהיים זיינען מיר געפאָרען ווי שטומע, נישט אויסגערעדט איינער צום צווייטען קיין וואָרט.

און אַזוי האָט די רייזע קיין נאיאגרא־פאָלס צעשטערט די פריינטשאַפט צווישען אונז און די פינטעלס.

וואָלף איוועניסקי

אַן אויטאָמאָביל

מיין אלטער גוטער פריינט מר. פלעמעל האָט זיך צוגעזעצט ביי מיין טישל אין קאַפעטעריע און מיט א שמייכעלע מיר געפרעגט, צי ער קען מיר דערציילען עפעס אינטערעסאנטעס.

— מיט פאַרגעניגען! — האָב איך געענטפערט — איך בין נייגעריג צו הערען וואָס איר האָט צו דערציילען.

— איר הערט, — האָט ער אָן אָקדמות אָנגעהויבען, זופענדיג זיין הייס טעפעלע קאַפע, — אַז ס׳איז געקומען דער זומער מיט די משונה׳דיגע היצען, רופט זיך אָפּ איין טאָג מיין פלונית׳טע, אַז זי וויל, אַז מיר זאָלען קויפען א „קאר״.

— וואָס עפעס אַ קאר אינמיטען דערינען?״ — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— ווייל היינטיגע צייטען קען מען נישט אויסקומען אָן א קאר — האָט זי געענטפערט.

— מאך זיך ניט נאריש, — האָב איך זיך געפרואווט ווערען געגען מיין אידענע — קנאפּ מענשען באַגייען זיך אָן קארס?

— אויב מיין גאנצע פאמיליע קאָנען אפאָרדען צו האָבען קאָרס, קאָנען מיר אויך, איך בין נישט ערגער פון זיי. — און ס׳האָט נישט געהאָלפען מיינע טענות און אַרגומענטען, אַז אַ קאר איז פאַרבונדען מיט א סך הוצאות, ווי „אינשורענס״, „גאראַדזש״, געז, „פלעטיס״ א. אַז. וו. זי האָט זיך נאָר איינגעשפאַרט אַז זי מוז האָבען אַ קאר; אַז אָן אַ קאר קאָן מען זיך נישט באַגיין.

— דו פארשטייסט? האָט זי מיר געגומען דערקלערען שוין אין אַ פריינדליכען טאָן — אונזערע קינדער און די גאנצע משפחה זענען צע־שפרייט איבער אַלע פיר עקען שטאָט. לילי און לי וואוינען אין ברייטאָן און רחל׳ע וואוינט אין לאָנג אַיילענד. עס איז מיר שוין נמאס און מאוס געוואָרען צו שלעפען זיך מיט די באַסעס און פאַרלירען אַזוי פיל צייט.

— אָבער קנאפּ מענשען האָבען נישט קיין קארס — האָב איך גע־פרואווט ווייזען עקשנות מיין אידענע, — און פונדעסטוועגען זעט מען זיך

מיט קינדער, פריינט און מען מאכט נישט קיין ווזן פון דעם. און פאַרגעסט נישט, אַז פון אַ קאר קאָן מען אויך האָבען האַרצווייטאָג און גריזאָטע. מען קאָן זיך נישט איינמאָל פאַרשפעטיגען.

— דיר איז גרינג צו רעדען; אויף אַלץ געפינסטו אַ תירוץ — האָט זי מיט כעס געענטפערט — דו ווארטסט, אַז די קינדער זאָלען קומען דיך זען. אָבער איך קאָן זיך נישט דערוואַרטען, אַז זיי זאָלען קומען און איך מאַטער זיך געגנוג אָן איידער איך דערשלעפּ זיך צו זיי.

— איז ווער הייסט דיך לויפען אַזוי אָפט! — האָב איך נישט אויפגעהערט זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט מיין אידענע — ווארט, האָב געדולד, וועלען זיי אַליין אונז קומען זען.

— דו ביזט געווען אַ קאַלטער לונג און לעבער און אַזוי וועסטו פאַרבלייבען — האָט זי שוין בייז געענטפערט — אָבער איך בין אַ מאַמע און עס בענקט זיך מיר צו זען די קינדער און די איניקלעך.

— עס האָבען נישט געהאָלפען מיינע טענות און מיין געבעט. איך האָב איר געמוזט נאָכגעבען און קויפען אַ קאַר.

מיין אידענע׳ס פנים האָט געשטראַלט פון צופרידענהייט, ווען מיר האָבען גענומען דעם ערשטען „ראַיד" מיט דער קאַר. איצט האָט זי מיט באַגייסטערונג געזאָגט, וועלען מיר זיך קאָנען זען אָפטער מיט די קינדער, מיט פריינט, קאָנען פאָרען צו די חבר׳טעס שפּילען מאַ־דזשאָן" און נישט דאַרפען זיך שלעפּען מיט די באַסעס און קומען נאָך האַלבער נאכט אַהיים.

— דו ווייסט? — האָט מיין אידענע מיר מיטגעטיילט ווען איך בין איין טאָג געקומען אַהיים; מיר האָבען דעם קומענדיגען זונטאָג אַ בר־מצוה ביי אונזערס אַ קוזינע אין לאָנג איילענד און מיר וועלען מוזען דאָרט זיין.

און אָט איז געקומען דער טאָג פון דער בר־מצוה. מיר האָבען זיך פאַרפּוצט אין אונזערע שיינע קליידער און זיך אַוועקגעלאָזען צו דער קוזינע אין לאָנג איילענד.

זיץ איך ביים ראָד און טרייב און מיין אידענע זיצט לעבען מיר און קלייבט נחת. — דו זעסט? רעדט זי מיט באַגייסטערונג — וואָס אַ קאַר מיינט? באַלד, באַלד וועלען מיר שוין זיין דאָרט.

מיין אידענע האַלט אין איין רעדען, אָבער איך הער זיך שוין נישט

איין. וואָס איז דאָס? עפּעס וואַרפט זיך די קאַר און מאַכט אַ געררודער. מיין אידענע דערשרעקט זיך. איך שטעל אָפּ די קאַר און גיב אַ קוק — ערשט אַ „פלעט"! שלעכט! וואָס טוט מען? און דאָ טראָג איך מיינע נייע קליידער. ענדליך, נאָך אַ שטונדע שוויצען און מאַטערען זיך, האָבען מירביידע קוים מיט צרות געביטען דאָס ראָד. פאַרמאַטערטע און פאַרשוויצטע פאָרען מיר ווייטער. איך באַשליס אונזער קוזינע אָפּצורופען. איך שטעל אָפּ די קאַר ביי אַ געזאָלין סטעישאָן און לאָז זיי וויסען, אַז מיר וועלען קומען אין אַ האַלבע שטונדע און מען זאָל צוואַרטען מיט דער צערעמאָניע. אָבער ווען איך וויל פאָרען מיט דער קאַר ווייטער, וויל זי זיך נישט רירען פון אָרט. איך ווענד אָן מיין גאַנצען טאַלאַנט צו לאָזען איר גיין, אָבער אַ נעכטיגער טאָג! זי רירט זיך ניט. אַ מעכאַניקער פון דער סטאַנציע עקזאַמינירט די קאַר און דערקלערט, אַז מען דאַרף „טשענדזשען" די בעטערי, ווייל זי איז צו־שוואַך. ביקצור, ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער בר־מצוה איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און מיין פלונית׳טע איז געווען זעהר געערגערט, וואָס זי האָט ניט בייגע־וואוינט די צערעמאָניע.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. ווען מיר האָבען ביינאַכט געדאַרפט גיין אהיים, האָט די קאַר זיך ווידער ניט געוואָלט רירען פון אָרט און מיר האָבען געמוזט זיך שלעפּען אַהיים מיט באַסעס און קומען פאַרמאַטערטע פאַרטאָג.

— נו, — האָב איך מיט נצחון זיך אָפּגערופען צו מיין אידענע, — זעסט שוין ,אַז מיר א קאַר קאָן מען זיך אָנמאַטערען און פאַרשפּעטיגען.

— איצט, — האָט מיין פריינט, מר. פלעמעל פאַרענדיגט — האָט זי שוין געזען, אַז מיט אַ קאַר קאָן מען זיך פאַרשפּעטיגען.

נאָר לאַכטן

דער פינאַנס רעפּאָרט

(הומאָרעסקע)

ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלען אין דער פינאַנץ־קאָמיטע וואָס אונ־טערזוכט די ביכער פון דער סאָסייעטי, איז נאָך פאַר מיר אַלץ א געהיימניס.

בין איך מיר געגאַנגען א שטאָלצער צו דעם פינאַנץ־מיטינג. עפּעס אַ קליינינקייט, מיין סאָסייעטי טרויט מיר אָן מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער ארבעט צו אונטערזוכן די ביכער און ברענגען אַ רעפּאָרט.

אַז איך בין געקומען צום סעקרעטאַר אין הויז, האָב איך שוין גע־טראָפען ברודער יאָסעף, אַן אַלטער מעמבער פון דער סאָסייעטי, וואָס איז שטענדיג אין דער פינאַנץ־קאָמיטע. ברודער יאָסעף אונטערזוכט שוין די ביכער פון דער סאָסייעטי פאַר יאָרען און יאָרען... ברודער יאָסעף איז זיך געזעסען ווי ביים טאַטען אין ווייַנגאָרטען און איז געווען פאַרטאָן אין דעם טעלעוויזשאָן. באַלד האָט זיך באַוויזען ברודער זלמן און די איבעריגע צוויי מעמבערס פון דער פינאַנץ־קאָמיטע און מען האָט זיך געעזצט און גע־וואַטשט טעלעוויזשאָן.

ענדליך האָט זיך באַוויזען דער סעקרעטאַר מיט די ביכער. די קאָ־מיטע־לייט האָבען זיך צוגערוקט נענטער צום טיש און ברודער לערנער, וואָס האלט זיך פאַר דעם אינטעליגענט פון דער סאָסייעטי, האָט גענומען מישען די ביכער.

קוקט ברודער לערנער אַריין אין די ביכער, קנייטשט דעם שטערען, זוכט, נישטערט און די איבעריגע פון דער קאָמיטע קוקען ווי ברודער לערנער אַרבעט שווער און שווייגען.

— איך מאַך א פאָרשלאַג — רופט זיך אָפּ ברודער זלמן מיט זיין גראָבער, הייזעריגער שטימע — אַז מען זאָל פריער נעמען עפּעס אין מויל אַריין... די ביכער אונטערזוכען וועט מען נישט פאַרשפּעטיגען...

— אונטערשטיצט! — כאַפּט אונטער ברודער קלאַפּערמאַן, וואָס איז אַ גרויסער מומחה אין מאַכען אַמענדמענטס, „מאָשאָנס" און פּאָינטס אָוו אָרדערס ביי די מיטינגען — מיר האָבען צייט מיט די ביכער..

און באלד איז די קאָמיטע געזעסעןביים טיש און זיך געלאָזט וואויל־גיין מיט די גוטע מאכלים, וואָס דעם סעקרעטאר׳ס סימפאטיש ווייבעל האָט דערלאנגט...

— איך ווייס נישט, צו וואָס מען דאַרף אינגאנצען זיך מאטערען און אונטערזוכען די ביכער — האָט זיך אָפּגערופען ברודער קלאפּערמאן, זייענדיג שוין אַביסעלע בגילופנ׳דיג — ווער קען דאָס ניט וועלוועלע אברהם יצחק׳ס, דעם מלמד׳ס זון? ער קומט פון אַזאַ אָנשטענדיגע באַלעבאטישער משפחה. ס׳וואָלט געווען די גרעסטע באַליידיגונג פאַר אים, ווען מען האָט נישט צו אים קיין צוטרוי... עפּעס א קלייניגקייט, אברהם יצחק׳ס, דעם מלמדס זון!!

— אמת! אמת! — באמקעט צו מאָטעל דער זאַאיקע, וואָס אַז ער נעמט א וואָרט ביי א מיטינג נעמט ער אַזוי שטאַמלען און פינטלען מיט די אויגען, אַז מען ווייס נישט, וואָס ער וויל און וואָס ער רעדט...

— איך שטים איין מיט ברודער קלאפּערמאן — זאָגט ברודער יאָסעל, וואָס האָט שוין געהאלטען ביים 4טען כוס... מיר האָבען אַ סעקרעטאר, איז ער אַ שטילער, ערליכער, זיידענער יונגערמאַן. מיר קענען זיך אויף אים פאַרלאָזען... עפּעס א קלייניגקייט! וועלוועלע אברהם יצחק׳ס, דעם מלמד׳ס זון...

— אונטערשטיצט! אונטערשטיצט! — האָבען אַלע קאָמיטע־לייט אונטערגעכאפּט — שלינגענדיג די פעטע לאַטקעס מיט סמעטענע, וואָס מען האָט דערלאנגט צום טיש...

און שפּעט אין דער נאכט איז מען פאַרטיג געוואָרען מיט צובייסען, איבערלאָזענדיג די ביכער ליגען פאַר׳יתומ׳ט אויפ׳ן טיש.. .

ביים נעקסטען מיטינג האָט ברודער לערנער אין נאָמען פון דער קאָמיטע אָפּגעגעבען אַ רעפּאָרט, אַז די קאָמיטע האָט געפונען די ביכער אין דער בעסטער אָרדענונג...

נאָר לאַכען!

א גליקליכער שידוך

(הומאָרעסקע)

— איך האָב געהערט זאָגען, אַז איר האָט געהייראַט — האָב איך זיך געווענדעט צו מיין ברודער שאַיע, ווען איך האָב אים געטראָפען ביי א מיטינג פון דער סאָסייעטי — איז דאָס אמת?

— געטראָפען — האָט ער מיט א שמייכעל געענטפערט — אָבער...

— וואָס איז דער „אָבער"? — האָב איך געוואָלט וויסען.

— הערט אַ געשיכטע — האָט ער זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען — לעצטען ראש השנה בין איך געווען אין אַ האָטעל אין די בערג און זיך דאָרט צופעליג געטראָפען מיט אונזער לאַנדסמאַן געצעל, דעם רעוורענד. ער האָט דאָרט געדאַווענט די ימים נוראים. איר מוזט דאָך וויסען, אַז אונזער לאַנדסמאַן געצעל איז אויסער אַ מסדר קדושין, חזן און מוהל, אויך אַ שדכן. און נאָך וואָס פאַר א שדכן!

— גוט, וואָס איך האָב איך געטראָפען — האָט געצעל אַ צופרי־דענער זיך צו מיר אָפּגערופען — איך האָב פאַר אייך א גוטען שידוך!

— א שידוך? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט — איך האלט נאָך נישט דערוויל ביי קיין שידוך.

— ביי אזא שידוך מעגט איר האלטען! — האָט ער מיט א שמייכעל געענטפערט — דאָס מאכט זיך איין מאָל אין לעבען.

— דער שידוך — האָט ער, גלעטענדיג זיין קמץ בערדעל, א באַ־גייסטעטער גערעדט — איז פאַר אייך אַ גליק. ער איז ווי צוגעפאסט פאַר אייך. אַזוינע שידוכים מאכען זיך נישט יעדען טאָג.

— איר פארשטייט? — האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזט — דאָס איז אַן אלמנה׳לע מיט אלע מעלות! זי איז רייך, פארמאָגט א פאַר גרויסע אפּאַרט־מענט־הייזער; און איז נישט מיאוס און נישט קיין נאַר. אַזאַ גליק לאָזט מען נישט אַרויס פון די הענט.

און געצעל דער שדכן האָט זיך מיט זיין גאַנצען שדכנ׳ישען טאַלאַנט גענומען צו מיר. ער האָט מיר גענומען איינריידען, אַז איך זאָל אָפּרופען

דאָס אַלמנה׳לע, און אַז זי וועט מיר זיכער געפעלען, און אַז איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, אויב איך וועל מיט איר הייראַטען.

אָבער איין זאך האָט מיר געצעל אָנגעזאָגט: איך זאָל נישט פאַר־קניפּען מיט איר קיין שום געשפרעכען וועגען געלט, ווייל זי איז פון יענע פרויען, וואָס זענען פאַראינטערעסירט בלויז אין אַן אידעאַליסטישער הייראַט.

די ווערטער „אידעאַליסטישער הייראַט" האָבען מיר געלאָקט, און איך האָב באַשלאָסען זיך מיט איר צו זען.

איך מוז אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, אַז די אַלמנה׳לע האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק. איך האָב זיך אין איר פאַרליבט מיט דעם ערשטען קוק. עס האָט נישט גענומען לאַנג, און מיר האָבען געהייראַט.

נאָך דער חתונה האָט מיין ווייבעל געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלען אונזער „האָנימון" האָבען אין פלאָרידאַ.

— איך וויל — האָט זי געזאָגט — ווייזען מיינע חבר׳טעס, אַז איך האָב געהייראַט מיט אַ רייכען מאַן...

נו, ווי קאָן מען אָנטזאָגען אַזאַ שיין, נאַאיוו און ליב ווייבעל צו פאַר־ברענגען מיט איר דעם „האָנימון" אין פלאָרידע? מען קאָן זיך דאָך נישט גלייך אַרויסשטעלען פאַר אַ וויסטען קבצן, ספּעציעל, ווען מען האָט חתונה מיט אַ ווייבעל וואָס האָט צוויי אַפּאַרטמענט־הייזער!

קומענדיג צוריק פון אַ 3־וואָכיגען „האָנימון", האָט מיר מיין ווייבעלע פאַרטרויט אַ סוד, אַז זי וויל, אַז מיר זאָלען נעמען אַן אַפּאַרטמענט אין שכנות מיט אירע רייכע שוועסטער, און אויסשטאַטען דעם נייעם אַפּאַרטמענט מיט „אַפּ־טו־דעיט" מעבעל, אַז זי זאָל זיך נישט דאַרפען שעמען פאַר אירע רייכע שוועסטער.

— צו קויפען אַ קאַר — האָט זי ביט אַ שמייכעלע געזאָגט — האָסטו צייט שפּעטער. אָבער דערווייל דאַרפען מיר אויסשטאַטען אַ שיינעם אַפּאַרטמענט.

— דו ווייסט — האָב איך צו איר געזאָגט — דו וועסט מיר מוזען אַרויס־העלפען צו קאָנען באַזאָרגען אַט די אַלע זאכען, ווייל איך פאַרמאָג נישט אַזוי פיל געלט.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו מיינסט — האָט זי מיך אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע.

פישעלעך צו באַרויבען זיי פון זייער פרייהייט. זיי זיינען דאָך פרידלעכע באַשעפענישען, וואָס טשעפּען קיינעם ניט, קום איך, אַן אויפגעקלערטער, אינטעליגענטער מענש און וויל זיי פאַרניכטען. איז דאָס יושר׳דיג? איז דאָס ניט ברוטאַל! און איך פיל ווי איינצולאָזען דעם ראַד און מאַכען א סוף צו דעם נאַרישען ספּעקטאַקעל, ווען פּלוצלונג גיט מיר מיין מחותן אַן אָרדער אַז מיר זאָלען גיין וויטער.

— דעם פּלאַץ — זאָגט ער מיר — האָבען די פיש היינט באַיקאָטירט. פיש ווי מענשען דערקלערט ער מיר — פוילען זיך אמאָל צו גיין זוכען שפּייז; זיי ליגען אין זייערע נאַרעס און וואַרטען, אַז די שפּייז זאָל זיי אַליין קומען אין מויל אריין.

און אָט קלעטערען מיר ווידער איבער גליטשיגע וועגעלעך און שטעגעלעך. מיר קריכען ווידער באַרף אַרויף, בארג אראָפּ, איבער בלאָטיגע זומפּען און טאָלען צווישען שטעכיגע ביימעלעך. איך הויב אָן צו פילען מיד, אויסגעמאַטערט, ביז וואַנען מיר קומען צו אַ נייעם פּלאַץ.

מיין מחותן, ווי אַ געניטער פישערמאַן, באַטראַכט דעם טייך, נישטערט מיט די אויגען, זוכט אין אַלע זייטען, וויל זיך דערגרונטעווען צי דאָ איז דער ריכטיגער פּלאַץ פאַר כאַפּען פיש.

און ווידער האַלטענדיג דעם ראַד אין האַנט, הער איך ניט אויף צו פילאָזאָפירען. טאַקע, טראַכט איך מיר, וואָס האָבען מיר זיך אָנגעזעצט אויף די פרידליכע באַשעפענישען, וואָס טוען אונז קיין שום שלעכטס; וואָס טשעפּען קיינעם ניט; זיי גייען קיינמאָל ניט אַרויס פון טייך אימיצען אָנצוגרייפען, איז וואָרום זאָלען מיר זיין אַזוי בלוטדורשטיג און זיי וועלען אומברייננגען?

איך בין געוואָרען אַזוי סענטימענטאַל, אַז איך האָב געוואָלט איינלאָזען דעם ראַד און אַן ענד! ווען פּלוצלינג האָב איך דערהערט מיין מחותנ׳ס הילכיגען געשריי, וואָס האָט מיר אויפגעוועקט פון מיינע געדאַנקען.

— שנעלער! שנעלער! — האָט ער געשריען, — אַ פּישל בייסט! ציט שנעל דעם ראַד פון וואסער, אָבער שנעל!

איך בין געוואָרען אַזוי צעמישט און צוטומעלט פון מיין מחותנ׳ס געשריי, אַז דער ראַד איז ביי מיר אַרויסגעפאַלען פון האַנט. איך האָב זיך א לאָז געטאָן כאַפּען דעם ראַד און בין אַריינגעפאַלען אין וואסער!...

ווען מען האָט מיר אַרויסגעצויגען פונוואַסער, בין איך געווען נאַס ווי א האָן און מיין גאנצער קערפּער האָט געציטערט פון קעלט.

— איצט וועט איר שוין זיכער זיין א פישערמאַן — האָט מיין מחותן שמייכלענדיג מיך געטרייסט — יעדער איינער איידער ער קען ווערען אַ פישערמאַן מוז זיך פריער טובל זיין אין טייך...

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, אַז מען האָט מיר געבראַכט אַהיים האָב איך געקראָגען הויכע פיבער און האָב געהאַלטען אין איין פלוידערען פון ראָדס, פיש וואָס ווילען ניט בייסען, און אַזוי ווייטער.

אַ פאַרשטענדיגער ריכטער

(הומאָרעסקע)

דאָ, אַנומעלט, ווען איך און מיין פּלונית'טע זיינען אין אונזער „קאַטע־רינקע" געפאָרען צו מיין טאָכטער אין לאָנג איילענד אויף אַ וויזיט, האָט אונז אויפ'ן וועג אַ פּאָליסמאַן אָפּגעשטעלט און זיך געהייסען ווייזען מיינע „לייסענס".

— איר זענט אַריבער די ווייסע ליניע — האָט ער רואיג דערקלערט — און דעריבער קומט אייך אַ טיקעט.

— שטופּ דעם גרעפּטער אַריין א פּאָר „מכות", וועט ער דיך לאָזען צורו — האָט מיין אידענע צו מיר א זאָג געטאָן — דו זעסט דאָך, אַז ער זוכט דאָס.

— די „מכות" קענט איר האַלטען פאַר זיך — האָט דער פּאָליסמאַן, אין אַ גוטען אידיש, געענטפערט — און אַ טיקעט וועט איר שוין ביי מיר יאָ קריגען.

עס האָט נישט געהאָלפען מיין טענה'ען און מיין בעטען זיך. ער האָט מיר אויסגעשריבען א צעטעל.

האָט מיין אידענע זיך צעשריגען אויפ'ן פּאָליסמאַן, און דערנאָך אויף מיר. זי האָט מיך אָנגערופען מיט די ערגסטע נעמען ווי גולם, שלים־מזל,

נ אָ ר ל אַ ב ע ן -

אַ זוהן א דאָקטאָר

(הומאָרעסקע)

זינט בערל דעם אָפּערעיטאָר׳ס זון איז געוואָרען דאָקטאָר און גע־עפֿענט אַן אָפּיס, איז בערל׳ען ניט צו דערקענען. אַ שמייכעל רוט אימער אויף זיין געזיכט. ער איז געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש.

בערל האָט זיין גאַנץ לעבען געשוויצט און געמאַטערט זיך ביי דער ניי-מאשין. ער האָט זיך פּאַר׳עקשנ׳ט, אַז זיין זון מוז ווערען אַ דאָקטאָר.

און איצט, אַז זיין וואונש איז דערפּילט געוואָרען, איז ער מלא שמחה! איז צו זיין גליק קיין שיעור נישטאָ.

זיצט זיך בערל אין דעם פּאַרקל, וואו אַלע סאָשעל-סעקיורי־ניקעס פאַרברענגען זייער ליידיגע צייט, און דערציילט די וואונדער פון זיין זון דעם דאָקטאָר, וואָס פאַר אַ גרויסער מומחה ער איז אין היילען קראַנקהייטען.

— מיין זינדל, — באַרימט זיך בערל, — איז נישט פון קאָלאָמבוס׳עס דאָקטוירים, וואָס האָבען געלערענט דאָקטאָריע אויף איין פוס. מיין זון האָט געשטודירט אין די גרעסטע און באַרימטסטע מעדיצינישע קאָלעדזשעס אין איראָפּע; ער האָט געאַרבעט אין די גרעסטע האָספּיטאַלס אין ניו יאָרק. אַז ער קומט צו אַ פּאַציענט און גיט נאָר אַ קוק אויף אים, ווייס ער פון וואָס פאַר א קראַנקהייט ער ליידט; ער פאַרשרייבט אַזעלכע מעדיצינען, וואָס קיין אנדער דאָקטאָר ווייס גאָרניט פון זיי...

— וואָס דאַרפט איר מער, — הערט בערל ניט אויף צו רימען זיין זון, דעם דאָקטאָר, — אָט האָט מיין גראָסערי מאַן א איד א חלוש, געפּאַכעט מיט דער נשמה, איז נישט געשלאָפען קיין נעכט, ניט געהאַט קיין אַפּעטיט צו עסען; האָט געליטען פון אַ צענדליג קרענק ווי אַ הויכען בלוט דרוק, אַסט־מע, אַלסערס און אַ שוואַך הארץ, איז ווי נאָר מיין זון האָט אים געגעבען די ערשטע מעדיצין, איז ער געוואָרען אַן אנדער מענש. ער האָט געקראָגען אַן אַפּעטיט צום עסען, האָט פאַרלוירען דעם הוסט און איז געוואָרען געזונט ווי אַן אָקס. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אָט האָט מיין נעקסט-דאָריגע געליטען אויף אַ קראַנקהייט און קיין דאָקטאָר האָט ניט געוואוסט אויף וואָס.

זי איז אויסגעוועזען ביי די גרעסטע פּראָפעסאָרען, מען האָט איר שוין אָפּגע־זאָגט דאָס לעבען. ווער האָט זי געראַטעוועט? טאַקע מיין זינדל.

און בערל ווערט אַזוי צעהיצט לויבענדיג זיין זון דעם דאָקטאָר, אַז ער הויבט אָן צו הוסטען און פאַרקייכט זיך און קען ניט כאַפּען דעם אָטעם.

— נו, פאַרוואָס גיט אייך ניט אייער זון דער דאָקטאָר עפּעס א מעדיצין צו אייער הוסט? — פרעגט אים איינער פון די צוהערער אין פּאַרק.

— איר פאַרשטייט? — ענטפערט בערל אַביסעל פאַרשעמט, — זיך אַליין קען א דאָקטאָר ניט העלפען — און איך געהער דאָך צום דאָקטאָר...

אַ גוטער דאָקטאָר

(הומאָרעסקע)

דאָ אנומעלט, ווען איך האָב זיך געאיילט צו מיין דאָקטאָר, מיט וועמען איך האָב געהאָט אָן „אַפּאָינטמענט" פאַר אַ געוויסער שטונדע, און ס'איז שוין געווען שפּעט, קומט מיר מיטאמאָל אנטקעגען מיין לאַנדסמאַן, מענדל, אַ איד וואָס ווייס ניט פון קיין צייט. ער טראָגט ניט קיין זייגער און גלויבט ניט אין קיין זייגער. ער זאָגט, אַז די צייט איז באַשאַפען געוואָרען פאַר דעם מענטשען און נישט דער מענטש פאַר דער צייט.

— וואוהין איילט איר זיך אַזוי? — טוט מיר מענדל אַ פרעג און פאַרשטעלט מיר דעם וועג — עס מוז זיין זעהר וויכטיג.

— איך אייל זיך צום דאָקטאָר — ענטפערט איך אים קורץ, און כאַפּ כלומרש א קוק אויפ'ן זייגער.

— צום דאָקטער? — חזר'ט מענדעל איבער — וואָס איז געשען?

— איך האָב עפּעס „טראָבל" מיט'ן מאָגען...

— אודאי אַלסערס — שלאָגט מיר מענדל איבער און וויל מיר שוין עצה'ן וואָס צו טאָן.

— ניט קיין אַלסערס — ווער איך שוין אַביסעל אויפגערעגט — נאָר עפּעס אנדערש.

—אָ איך ווייס — וויל מיך מענדל ניט אָפּלאָזן — איר מוזט ליידען פון אַ נערוועזן מאָגען.

— ס׳קאָן זיין — שטים איך צו און לאָז מיך גיין.

— לויפט ניט, וואָס איז די איילעניש ? — איר מוזט ליידען פון געז — איך האָב אַ מיטעל פאַר דעם.

— איך האָב אַן אפּאָינטמענט מיט מיין דאָקטער — בעט איך זיך ביי מענדל׳ען — און ס׳איז שוין שפּעט.

ניט געפערליך — רעדט זיך מענדל געלאַסען — איר וועט דעם דאָקטער ניט פאַרשפּעטיגען.

— וואָס הייסט, ניט פאַרשפּעטיגען — וואַרף איך צו מענדל׳ען א בייזען בליק — איך האָב געהאַט אַן אפּאָינטמענט פאַר א געוויסער שעה און איך האָב שוין פאַרשפּעטיגט.

אָבער מענדל הערט ניט וואָס איך רייד און אים קימערט ניט וואָס איך בין אין כעס.

— ווי הייסט אייער דאָקטער ? — טוט מענדל א פרעג פלוצלינג, און איך פיל באַלד, באַלד וועט איך אַרויס פון געדולד און אים געבען אַ ריכטיגע פאַרציע.

— וואָס איז די נפקא־מינה, ווי דער דאָקטאָר הייסט ? — קאָן איך זיך קוים באהערשען — דער נאָמען איז ניט וויכטיג.

— א נאָמען האָט אַ סך צו זאָגען — רעדט זיך מענדל געלאַסען — א דאָקטער דאַרף אַ סך שטודירען און שוויצן, אייער ער מאכט זיך א נאָמען, איידער ער ווערט באַוואוסט און אנערקענט און איידער ער קאָן פאַרשטיין אַ קרענק...

— איר זענט גערעכט — גיב איך אַ זאָג צו מענדל׳ען און לאָז זיך גיין.

— כאפּט ניט — פאַרשטעלט מיר מענדל דעם וועג — זאָגט מיר דעם נאָמען פון אייער דאָקטער.

— און אז איר וועט שוין וויסען דעם נאָמען פון מיין דאָקטער, וואָס קאָן דאָס מיר העלפען ?

— עס קאָן אייך אַ סך העלפען — רעדט זיך מענדל, קאַלט ווי א שטשאור — דעמאָלט וועל איך אייך קאָנען זאָגען,, צי ער איז א גוטער דאָקטער צי ניט.

— טאָ ווייסט, אַז מיין דאָקטער׳ס נאָמען איז גודמאַן.

— ניט געהערט פון אַזאַ דאָקטער — פאַרקרימט זיך מענדעל.

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — רייץ איך זיך מיט מענדלען — אַז איר וועט דעם דאָקטער ניט קענען.

— ווייל ער איז ניט פון די באַרימטסטע דאָקטוירים — האַלט זיך מענדל ביי זייניגע.

— פונאַוונען ווייסט איר, אַז ניט? — ווער איך שוין אַביסל אָנגע־צויגען.

— ווייל איך האָב פון אים ניט געהערט — ענטפערט מענדל מיט אויטאָריטעט .

— און פון וועלכען באַרימטען דאָקטאָר האָט איר יאָ געהערט?

— שייך געהערט — שמייכעלט ער — אָט, נאָט — און מענדל שלעפּט מיט שטאָלץ אַרויס אַ קאַרטל פון זיין קעשענע און דערלאַנגט עס מיר — דאָס איז דער ריכטיגער דאָקטער, ער איז אַ ספּעציאַליסט אויף אַלע קראַנקהייטען... ער וועט אייך זיכער העלפען. ער איז מיין אייגענער זון, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק געעפענט אַן אָפיס...

קרבן פון טעלעוויזשאַן

(א מאָנאָלאָג פון אַ פרוי)

איך זאָג אייך, אַז איך וועל קיינמאָל ניט מוחל זיין דעם דערפינדער פון טעלעוויזשאַן: איך וועל אים קיינמאָל פאַרגעבען פאַר דער עולה, וואָס ער איז געגען מיר באַגאַנגען; איך וועל אים פאַרבלייבען אַ בלוטיגער שונא, כל זמן איך וועל לעבען. וואָס האָט ער געהאָט צו מיינע יאָהרען. ער האָט דאָך מיר געקוילעט אָהן אַ מעסער!! איך זעה, אַז איהר שמייכעלט און קלערט אַוודאי אַז איך רייד אויסער׳ן זינען, אז איך בין...

זאָג איך אייך, אַז איך בין ביי מיין פולען פאַרשטאַנד. איך געדענק אַמאָל, איידער דער גזלן, די טעלעוויזשאַן, האָט מיר פאַרמאַכט דאָס מויל,

פלעג איך גיין צו פריינד ,לאַנדסלייט, משפּחה און פלעג אימער זיין די ריידער־קע, און ריידען האָב איך שטענדיג געהאַט פון וואָס; קיין רייד האָט מיר קיין מאָהל ניט אויסגעפעלט... אין דער משפּחה האָבען זיי מיר גערופען די „צייטונג אויף צוויי פיס". איך פלעג זיי איבערגעבען אַלע נייעס פון דער משפּחה, פון לאַנדסלייט. איך האָב געוואוסט אַלע פאַרבאָרגענע סודות אין דער משפּחה; ווער עס האָט חתונה געהאַט און ווער עס איז געשטאָרבען, און ווער עס קריגט זיך אונטער... פאַר מיר איז קיין פאַרבאָרגענע זאַכען ניט געווען. און אַזוי ריידענדיג פלעגט מען שוין אַביסעלע אריבערגעהן צו אביסעלע רכילות, וואָס אַלע האָבען פון דעם געלעקט די פינגער...

און אַז איך פלעג פאַרטיג ווערען מיט איין וויזיט, פלעג איך זיך נישט פוילען און אָפּשטאַטען נאָך א וויזיט. ווייל צו וועמען צו געהן איז, אַ דאנק גאָט, געווען. נו, איז טאָקע געווען לעבעדיג און פרעהלעך. פלעג איך זיך פיהלען, ווי אַ פיש אין וואַסער. וואו איך בין געקומען האָב איך גערעדט. אַי האָב איך גערעדט! קיינער האָט שוין א וואָרט ניט אַרויסגערעדט.. ווער וועט דאָס וואָגען מיר איבערצושלאָגען אינמיטען?! פלעג איך זיין די סטאַר ביי יעדען צוזאמענקונפט און אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז איך בין דאָ, מוז מען שוויגען...

אָבער היינט, וועה צו מיר! האָט דער גזלן, די טעלעוויזשאָן, מיר געשאָכטען אָהן א מעסער; ער האָט מיר געמאכט פאַר א שטומע. ער האָט מיך אַרונטערגעזעצט פון מיין מלוכה און געה שריי חי וקיים... שטעלט זיך פאַר, אַט קום איך צו איינער פון דער משפּחה, איז מעהר ווי א „העלאָ" לאָזט מען מיך ניט אַרויסריידען. און אַזוי גיך ווי איך געה אַריבער די שוועל, ווער איך פאַרוואנדעלט אין א שטומע.. איר ווילט זעהן טעלעוויזשאָן?" — מאכט די באַלעבאָסטע צו מיר מיט א שמייכעלע — און איידער איך האָב צייט צו געבען אַן ענטפער טוט זי אַ דריי דעם באַטאָן און איך מוז שוין זיצען איינגעלייגט. מוז שוין מיין צונג ליגען אין קימפּעט...

און דאָרט, אויפ'ן טעלעוויזשאָן זינגט עפּעס א יונגער שנעק א לידעל, און א צווייטער קאָמעדיאנעוועט, מאכט ווילדע משוגענע שטוקעס, און אַלע לעקען די פינגער און מען אפּלאָדירט זיי.

מיר דאכט זיך אַז מיין קחינע שמייכעלט ווי זי וואָלט זאָגען: דו

האָסט שוין אין דיין לעבען געגוג אָנגעפּלוידערט, יעצט רוה זיך אָפּ אביסעל.

אָבער לאַנג קען איך ניט איינזיצען און זיך צוהערען ווי אַנדערע ריידען, הויב איך זיך אויף און לאָז זיך הענדום־פּענדום צו מיין שוועגערין. אפשר, וועט מיר דאָרט אָפּגליקען און איך וועל דאָרט קענען אַביסעל אַ רעדט טאָן. האָב איך ביי איהר די זעלבע אויפנאַמע. מעהר ווי אַן „העלאָ" קען און ניט אַרויסריידען „אי איז דאָ איצט אַ פּראַכטפולע פּראָגראַם!" — טוט זי א זאָג, און איידער איך גיב איר אַן ענטפער, איז שוין דער טעלעוויזשאָן אָפּען און מען טאַנצט און מען זינגט און עס קעהרט זיך אַ וועלט. איך זיץ ווייטער ווי א שטומע און שטיק זיך און ווערג זיך און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט מיין צונג...

בשעת מעשה ווען איך וואָלט געקענט וואָלט איך פון כעס צובראָכען די טעלעוויזשאָן און אַן ענדע.

— נו, „ווי גלייכט איר די פּראָגראַם?" — מאכט צו מיר מיין קוזינע — און איך זיץ ווי אַ באַגראָבענע און קען קיין וואָרט ניט אַרויסריידען. זאָג איך צו איר אַ גוטע נאכט און לאָז זיך צו מיין שוועסטער, אפשר וועל איך דאָ האָבען מעהר מזל און וועל קענען אַרויסריידען א וואָרט. — איז די זעלבע זאך. איך קום אַריין צו איר אין הויז, איז טונקעל און אַלע זיצען ארום טעלע־וויזשאָן און הערען זיך אויפמערקזאם צו צו עפּעס א מאָדנעם אידיאָט, וואָס מאכט זיך נאַרישעוואטע און נעהמט דעם עולם אויף זיכער. — „זעץ זיך און וואטש טעלעוויזשאָן"! — מאכט צו מיר מיין שוועסטער — עס איז אַ פּראַכטפולע פּראָגראַם! עס איז אַן אויסנאהם! — נו, זיץ איך. א ברירה האָב איך! זיץ איך נעבאך און גענעץ אַזוי לאַנג, ביז וואנען איך שלאָף איין...

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. יעצט האָט זיך מיישב געווען מיין מאן און וויל אַריינגעמען אַ טעלעוויזשאָן אין הויז. איר הערט אַן איינפאַל? — יעצט וועל איך שוין ביי זיך אין הויז אויך ניט קענען אַרויסריידען אַ וואָרט... איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! איך וועל דאָס ניט אריבערטראָגען! איר הערט אַ חתונה, זיצען און שווייגען און הערען ווי אַנדערע ריידען... מען קען דאך צופּלאצט ווערען! מען קען דאך אַרונטער פון זינען! ניין! איך וועל מיין מאַן ניט לאָזען קויפען קיין טעלעוויזשאָן. איך וועל ניט לאָזען איינגעהמען מיין לעצטע פעסטונג, איך וועל ניט לאָזען!

ר׳ חיים דער חזן

ר׳ חיים, דער באַרימטער חזן און זיסער מנגן, האָט פאַרלוירען זיין שטימע.

ווער עס האָט געקאַנט ר׳ חיים׳ען און האָט כאָטש איינמאָל געהערט זיין דאווגען, זיין וואונדערבאַרע צויבערליכע שטימע, וואָס פלעגט פאַר־כישופען זיינע צוהערער און מאכען זיי פיהלען טעם גן עדן, האָט איהם באַדויערט און געהאט מיט אים גרויס מיטלייד.

ר׳ חיים איז געווען געבענשט מיט אַלע מעלות און איז ווי באַשאַפען געוואָרען צו זיין א חזן. הויך און פעסט געבויט, מיט א שעהנעם הדרת פנים און א פּאָר מילדע, ווייכע אויגען, וואָס פלעגען אימער גוטמוטיג שמייכ־לען, א שעהנע שוואַרצע באָרד, וואָס פלעגט צוגעבען זיין פנים פיל חן. היינט צו זיין שטימע איז גאָר ניט געווען קיין גלייכען. שטארק, קרעפטיג, הילכיג און האָט מיט איהר וועה און קרעכץ געקאָנט דערגרייכען די וויטסטע, פאַר־באָרגענע ווינקעלעך פון אידישע הערצער, אַרויסרופען ביי זיי טרערען. זיין עברי איז געווען ווי געשליפענע פּערעל: קלאָר, שאַרף, דייטליך, און עס פלעגט זיך אויסדוכטען, אַז מלאכים פליהען פון זיין מויל, און פלעגט ער ימים נוראים נעהמען אויסזינגען אַ „כבקרת״ אָדער „לאל עורך דין״, פלעגען ניט נאָר פרומע אידען גיסען מיט טרערען, נאָר אַפילו דער דאָקטאָר און דער אפטייקער, וואָס זיינען געווען פאַררעכענט אין שטעדטעל פאַר אפיקורסים, פלעגען ווערען גערירט און זייערע אויגען פלעגען פייכט ווערען פון טרערען.

וואָס איז דער וואונדער, אַז אויף ר׳ חיים׳ען פלעגען זיך געפינען פיל בעלנים און פון די אַרומיגע שטעט פלעגט מען אים אָנבאָטען די בעסטע באַדינגונגען, אַז ער זאָל ביי זיי אָנעמען די שטעלע אַלס חזן, אָבער ר׳ חיים האָט ניט געוואָלט הערען דערפון. „איך וויל ניט מאכען קיין לעבען פון בעטען דעם רבונו של עולם״, פלעגט ר׳ חיים שטאָלץ, גלעטענדיג זיין שעהנע, שוואַרצע באָרד, ענטפערען. „מיין שטימע איז אַ מתנה פון גאָט, און גאָט׳ס געשאַנק וויל איך ניט פאַרקויפען פאַר קיין געלד״.

און ווירקליך איז ר׳ חיים ניט געווען קיין אָרעמאן און האָט זיך ניט גענויטיגט צו מאכען אַ לעבען פון חזנות, ווייל אויסער א חזן איז ער געווען א קצב האָט געמאכט א בכבוד׳יגען לעבען, דערצו איז ער געווען אַ גרויסער

למדן און האָט געקאָנט אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא. ער איז געווען פאַרע־כענט פאַר דעם חשובסטען בעל הבית און האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין שטאָט. אָבער מיט די אַלע זאכען האָט ער זיך ניט איבערגענומען. ביי איהם איז דער נאָמען חזן געווען טייערער און הייליגער פאַר אַלץ אין דער וועלט. ער פלעגט שטאָלצירען מיט דעם, וואָס ער האָט די זכיה מיט זיין שעהנער, מתיקות׳דיגער, קרעפטיגער שטימע און מיט זיינע האַרצרייסענדע תפילות אויסבעטען ביים רבונו של עולם, געזונט, לעבען און אַ גוט יאָר פאַר דער גאנצער עדה אידען.

פלוצלונג איז געשעהן אַן אומגליק. א שטראָף פון גאָט! אַ גאַנץ יאָהר איז נאָך ווי עס איז צו דערליידען, הגם ר׳ חיים פאַרגעסט ניט איין מינוט אַן זיין ליבען גוטען פריינד — די שטימע וואָס איז אין איהם טויט און ווי אין א קבר באַגראָבען. אָבער קומט ראש חדש אלול, ווען דער בלאָז פון שופר לאָזט וויסען אַלע חזנים, אַז זיי דאַרפען זיך גרייטען מיט זייערע כלים. און די לופט ווערט אָנגעפילט מיט געזאנג, דעמאָלט ווערט ר׳ חיים׳ען אויפ׳ן האַר־צען אַזוי אומעטיג, א מרה שחורה באַפאַלט איהם ,און ער פיהלט זיך ווי אַ פויגעל מיט אָפּגעהאקטע פליגלען. די קלאַנגען, וואָס דערגרייכען צו זיינע אויערען, רייסען איהם און שטעכען ווי גיפטיגע נאָדלען. עס ווילט זיך איהם ווערען טויב און ניט הערען קיין שום קלאַנג... עראינערונגען כאפּען אים אויף זייערע פליגלען און טראָגען אים אַוועק אין דער ווייטער פאַרגאנ־גענהייט. אָט איז ער אַ יונגער, שטארקער מאן, זיין שטימע איז ווי אַ לייב, שטארק, קרעפטיג, די גאַנצע שול איז פון זיין דאַווענען ענטציקט, זיין נאָמען ליגט ביי אַלעמען אויף די ליפּען. א קלייניגקייט, ר׳ חיים דער חזן! פון אַלע ארומיגע שטעטלעך פלעגט מען זיך אויף ימים נוראים צוזאמענקומען אום צו הערען אים דאַווענען. די גרעסטע מבינים זיינען געווען פון אים באַגייסטערט. מען פלעגט זיך בענשען מיט איהם! היינט וויפיל כבוד מען פלעגט איהם צוטיילען? און אָט קומט בעפאָר ימים נוראים! זיין הויז ווערט פאַרוואַנדעלט אין א קאָנסערוואטאָריע. ער זיצט זיך בהרחבה אין הויז און שטודירט מיט זיינע משוררים איין זיינע אייגענע פאַרפאסטע זאכען. די משוררים זינגען איינציגווייז דאָס איינגעשטודירטע און ער זיצט ווי אַ שטרענגער ריכטער און זיין אויער הערט זיך צו אויפמערקזאם צו זייערע דינע, הילכיגע קול׳כלאך, וואָס

רייסען זיך אַרויס פון די אָפענע פענסטער און טראָגען זיך אַוועק ווייט, ווייט און ברייגגען מאַסען נייגעריגע זיך צוהערען.

און ווייטער:

זיינע לאַנדסלייט האָבען אים קוים מיט מאַטערניש איינגערעדט און איהם אראָפּגעבראַכט נאָך אַמעריקע, און דאָ אין אַמעריקא האָט איהם דער מזל אויך ניט פאַרלאָזט. זיין נאָמען איז געוואָרען באַריהמט און פאַר ימים נוראים פלעגט זיין בילד און זיין נאָמען געדרוקט ווערען אין די צייטונגען און אויף פּאָוסטערס, און עס פלעגט זיך לעזען: „קומט הערען דעם גרויסען, באַריהמטען, וואונדערליכען חזן פון היינטיגען דור, וואָס זיין מתיקות׳דיגע שטימע איז אַ טעם גן עדן". ער ווערט אַזוי הינגעריסען פון זיינע אמאָליגע זיסע עראינערונגען, אַז ער פאַרגעסט אָן אַלץ מיט אַן אנדער, און אים דוכט זיך אויס, אַז ער איז נאָך דער זעלבער אמאָליגער באַריהמטער ר׳ חיים דער חזן, און ער וויל זיך צוזינגען. . . אָבער זיין שטימע דינט איהם ניט. זי וויל איהם ניט פאָלגען. . . און אנשטאָט אַ הילכיגען, שטאַרקען טאָן רייסט זיך אַרויס פון זיין האלז אַ הייזעריגער יאָמער מיט אַ קרעכץ צוזאמען.

ר׳ חיים׳ס פנים ווערט ווידער פאַרצויגען מיט א וואָלקען. זיינע אויגען ווערען אויסגעשלאָשען. אָט דאָס איז געוואָרען פון דעם אַמאָליגען באַרימטען ר׳ חיים דער חזן. אַ פאַרגעסענער, אַ פארלאָזענער, אַ פארשעהמטער, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט אמאָל אויף דער וועלט.

אָבער ר׳ חיים וויל זיך נאָך אַזוי שנעל ניט אונטערגעבען. איהם גלויבט זיך ניט, אַז זיין צערטליכער ליבלינג, ווי ער פלעגט זיין שטימע רופען, זאָל איהם פאַרלאָזען. ער פּרוּאווט מיט גוטען, ווי א געטרייע מוטער פּיעס־טשענדיג איהר קינד, אַזוי פּרובירט ער צו צערטלען און צו בעטען זיך ביי זיין שטימע אַז זי זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. ער אַפּעלירט צו איהר מיט טרערען. . . ער וויל אויפהויבען א טאָן און אויסזינגען עפּעס פון זיינע אמאָליגע פאַרפאַסטע זאכען, וואָס ער פלעגט זינגען פאַר געפּאַקטע שוהלען און מען פלעגט איהם דערפאַר אויף די הענד טראָגען, אָבער זיין מיה איז אומזיסט. מעהר ווי אַ הייזעריגען קרעכץ קען ער פון זיין האלז ניט אַרויס־קריגען. . .

גוואלד, רבונו של עולם, טעהנה׳ט ר׳ חיים, אויפהויבענדיג זיינע הענד

אין דער הויך. וואָס האָסטו געהאַט צו מיר ? וואָס האָסטו ביי מיר אַוועקגעי־נומען דאָס הייליגסטע, טייערסטע וואָס איך האָב פאַרמאָגט ? איך האָב דיך געשאנק געהאַלטען אַזוי הייליג און טייער, טאָ וואָרום האָסטו מיך אַזוי באַ־שטראָפט ? און צוויי הייסע טרערען קייקלען זיך אראָפּ פון ר׳ חיים׳ס אויגען און פאַרשווינדען אין זיין באָרד.

איך האָב ר׳ חיים׳ען גוט געקענט און ווען איך פלעג אים הערען ווי ער טענה׳ט זיך אויס פאַר דעם רבונו של עולם, פלעג איך איהם שטאַרק באַדויערען און איהם געבען האָפנונגען, אַז ער וועט נאָך זיין שטימע צוריק־קריגען. ער האָט אָבער זיין שטימע קיינמאָל ניט צוריקגעקראָגען.

אומזיסט געוואָרט

(הומאָרעסקע)

— איר הערט ?— האָט זיך צו מיר אָפּגערופען מר. לעמפּערט, מיין שכן, ווען ער האָט מיך געטראָפען אין אַ פרימאָרגען שפּאַצירענדיג. — איך האָב אייך צו דערציילען זעהר אַ שפּאַסיג מעשה׳לע, וואָס האָט פּאַסירט ביי אונז דאָ נישט לאַנג.

— דערציילט, דערציילט — האָב איך געזאָגט — צייט איז ברוך־השם דאָ גענוג.

אַז עס האָט זיך דערנענטערט די דאַטע פון אונזער פינף־און־צוואַנ־ציגסטער „וועדינג עניווערסערי״ — האָט מר. לעמפּערט מיט אַ שמייכעלע אָנגעהויבען — האָט מיין אידענע גענומען מאַכען פּלענער, ווי אַזוי די שמחה צו פייערען. זי איז נאָר באַשטאַנען, אַז מיר זאָלען דאָס דורכפירען אָן רעש, אָן טומעל, נאָר אויף אַן אינטימען אופן.

— דו פאַרשטייסט ?? — האָט זי מיר גענומען דערקלערען — אונזערע קינדער זיינען צעשפּרייט — סעמעלע געפינט זיך אין דייטשלאַנד, סאָול גע־פינט זיך אויף אַ „ביזנעס־טריפּ״ אין די סטעיטס [און אונזער טאָכטער ראָזי, איז פאַרטאָן מיט איר זונדעל׳ס בר־מצווה. און נאָך אַלעמען גלויב איך, אַז

אונזערע קינדער וויסען נישט, אַז מיר זיינען שוין פאַרהייראַט פינף־און־צוואַנציג יאָר.

— אָבער אַ פינף־און-צוואַנציג יאָריגע „עניוועראַסערי" איז אַ גרויס געשעעניש — האָב איך ארגומענטירט. — און עס וואָלט ניט געשאַדט איינצולאַדען די גאַנצע משפחה און אַלע אונזערע פריינט און פייערען דאָס אויף אַ אימפּאָזאַנטען אופן, אין אַ האָל, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ געשעעניש.

— מאַך זיך נישט נאַריש! — האָט מיין אידענע זיך נישט געלאָזט איבעררײידען — צו וואָס מאַכען אַזאַ טאַראַראַם מיט אונזער פינף־און צוואַנ־ציג יעריגער „וועדינג עניווערסערי", נעמען א האָל מיט מוזיק און איינלאַדען א סאַך מענטשען, וואָס זאָל אָפּקאָסטען א שלל מיט געלט; אַז מיר קענען דאָס דורכפירען אויף אַן אינטימען אופן ביי אונז אין הויז און לאַדען די נאָענטסטע פון דער משפחה און פאַרבערענגען אַן אָנגענעמען אָווענט.

— אָבער אין הויז וועסטו דאָך אַלעמען נישט קענען לאַדען, און דו וועסט אַרויסרופען אַ ברוגז צווישען משפחה און פריינט — האָב איך איר געפּרואווט געבען צו פאַרשטיין.

— זיי ניט קיין קינד! — האָט מיין אידענע זיך צעלאַכט; — דו מיינסט, אַז אַלעמען ליגט נאָר אין זינען דיין „וועדינג־עניווערסערי?" פאַר־געס וועגען דעם! קיינעם פון אונזערע פריינט ליגט דאָס נישט אין דער לינקער פּאה. מיר וועלען בעסער האָבען דאָס געלט צו פאָרען נאָך פלאָרידע און דאָרטען אביסעל אַ לעב־טאָג.

— אויב דיר איז ליב איז מיר ניחא — האָב איך מיין פרוי נאָכגע־געבען.

און מיין אידינע האָט פאַרקאַטשעט די אַרבעל און זיך גענומען צו דער ארבעט; האָט געדרוקט איינלאַדונג־קאַרדס, האָט גענומען ראַמען און פוצען דאָס הויז, האָט אָנגעגרייט פון כל־טוב — פון אַלץ, וואָס אַ מויל קען אַרויסרעדען — און האָט אויך נישט פאַרגעסען אַן ביוטי־פּאַרלאָר און מיך געשיקט צום באַרבער.

— זאָג דיין באַרבער, אַז ער זאָל דיר געבען א ספּעשעל הער־קאַט צו דיין פינף־און־צוואַנציג יעריגער „וועדינג עניווערסערי" — האָט מיין אידענע

מיר אָנגעזאָגט, ווען איך בין געווען אויף יענער זייט טיר. — זע, פאַרגעס נישט.

און אָט איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטעטער טאָג. מיין אידענע האָט זיך אויסגעפּוצט אין אירע שענסטע קליידער — דאָס גלייכען איך, און מיר האָבען זיך געזעצט וואַרטען אויף די געסט.

מען וואַרט און מען וואַרט און קיינער ווייזט זיך נישט. די צייט רוקט זיך, אָבער מען זעט קיינעם נישט. מיין אידענע ווערט שוין אַביסעל נערוועז. זי פּרובירט דעם טעלעפאָן, אָבער זי קען קיינעם נישט קריגען. מיר זיצען ביידע און רעדען נישט אַרויס קיין וואָרט, ווי מיר וואָלטען זיך געשעמט איינער פאַר׳ן צווייטען. מיין אידענע האָלט אין איין קומען אויפ׳ן זייגער און אויף די אָנגעגרייטע מאכלים און זוכט פון מיר סימפּאַטיע.

— זאָרג נישט! — טרייסט איך זי — די אַלע שפּייזען וועלען מיר קענען פארנוצען ביי אונזער פּאַמיליע־סוירקעל מיטינג, וואָס מיר וועלען האָבען אין א פּאָר טעג ארום — עס וועט צונוץ קומען. אָבער פאַרוואָס האָבן זיי אונז אַזוי אַלע איגנאָרירט? אַזוי מיאוס פאַרשעמט? לאָזט זי זיך נישט טרייסטען. — דאָס איז דאָך גאָרנישט מענטשליך.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. מיין אידענע ווערט ווי ניי אויפגעלעבט.

— מען גייט, מען גייט! — רופט זי אויס מיט פרייד, און לאָזט זיך גיין צום טיר.

עס באַווייזט זיך אונזער שכן, מר. ראַבינאָוויטש.

— אנטשולדיגט, וואָס איך שטער אייך — רופט ער זיך אָפּ אביסעל פאַרשעמט — איך וויל פון אייך א געפעליגקייט. אַזוי ווי מיר האָבען היינט א פּארטי לכבוד מיין ווייבס געבורטסטאָג, וויל איך אַז איר זאָלט מיר אויסבאָרגען עטליכע טשערס, און טאָקע אַליין אויך אַריינקומען.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך! — ענטפערט מיין אידענע און קוקט אויף די אָנגעגרייטע מאכלים — נעמט אייך וויפיל טשערס איר דאַרפט.

שפּעטער האָט מיין אידענע אויסגעפונען, אַז די איינלאַדונגס-קאַרטלעך האָט זי אַוועקגעלייגט אין א שופלאָד און פאַרגעסען צו „מעילען..."

נ אָ ר ל אַ כ ע ן

אַ מאַנ׳ס פּראָבלעמען

(הומאָרעסקע)

ווען איך בין דאָ אנומעלט, אין א זונטאָג אין דער פרי, אַרויס אויף א שפּאציר אין גאַס, האָב איך אָנגעטראָפען אַ פאַרפּוצטען אונזער גראָסערימאַן, מר. צעלניק.

נאָך דעם ,ווי ער האָט מיר אָפּגעגעבען אַ ברייטען גוט מאָרגען, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איר זענט דאָך א מענש, קאָטאָרי, וואָס מען קאָן מיט אייך אויס־ריידען א וואָרט. וויל איך אייך דערציילען, אויב איר האָט צייט, וועגען אַ פּראָבלעם, וואָס פאַרשאפט מיר א סך אומאַנגענעמליכקייטען.

— דערציילט! דערציילט! — האָב איך אים דערמוטיגט.

— איר פאַרשטייט? — האָט ער מיט א שמייכעלע אָנגעהויבען — אַז איך האָב זיך ,אַ דאַנק גאָט, נישט צו באַקלאָגען אויף פּרנסה .מען מאכט אַ לעבען. עס זענען נישט די אמאָליגע יאָרען, ווען אַ גראָסערימאַן האָט גע־אַרבעט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. די קאָסטאָמערס פלעגען דעמאָלט נעמען אויף באָרג און דער גראָסערימאַן האָט געהאַלטען אין איין פאַרשרייבען אין זיין ביכעל. צום סוף האָט דער קאָסטאָמער אוועקגע־מופּט, און דער גראָסערימאַן איז געבליבען ביים ביכעל.

היינט, א דאַנק גאָט, מאכט יעדער איינער אַ לעבען, און מען ווייסט נישט פון קיין באָרגעניש און פון קיין בוכהאַלטעריע. און טאָמער טרעפט, אַז א קאָסטאָמער באָרגט יאָ עפּעס, איז דאָס ראַיעל ווי געלד, ווייל דעם דריטען פון יעדען מאָנאַט קומט אָנקעל סעמ׳ס טשעקעלע, און מען באצאָלט דעם חוב.

— אָבער מיין פּראָבלעם איז אַן אנדערער — האָט דער גראָסערימאַן ווייטער גערעדט — איר ווייסט דאָך, ברוך השם, די גראָסערי ביזנעס. די פרוי מוז אַ ביסעל אַרויסהעלפען. עס פאַרשטייט זיך, אַז זי איז אויסגעבונ־דען און אויסגעקנעפּעלט מיט אַלע פרויען פון דער נאַכבאַרשאפט, וואָס קומען אין מיין גראָסערי קויפען. זי ווייסט וואָס ביי יעדער איינער אין טעפּעל טוט זיך. א מאָל דאַרף זי אויסהערען אַ פאַרביטערט האַרץ; אמאָל ווענדט מען

זיך צו איר נאָך אַן עצה. און עס טרעפט אויך נישט איין מאָל, אַז מען קומט צו איר אויסבאָרגען א גמילת חסד׳ל. מען איז דאָך אין ביזנעס, דאַרף מען יעדען איינעם צופרידענשטעלען.

גראָד איז מיינע פון די פרויען, וואָס אינטערעסירען זיך מיט אַלץ און מיט אלעמען; זי וויל פון אַלץ וויסען, און זי ווייסט טאַקע אויך.

— איר זעט, מרס. צעלניק? — ווייזט מרס. פינקעלשטיין מיין פלונית׳טע אַ דימענטענעם רינג — דאָס האָט מיין מאן מיר געקויפט אַ פרעזענט צו מיין געבורטסטאָג. איז דאָס נישט א שיין שטיינדעלע?!

זעהר א שיינער! — טראָגט עס געזונטערהייט! — ווינשט איר מיין אידענע.

און ווען די מרס. פינקעלשטיין פאַרלאָזט די גראָסערי, רופט זיך אָן צו מיר מיין אידענע:

— דו זעסט? לייטישע מענער געדענקען דעם געבורטסטאָג פון זייערע פרויען.

— און איך? — וויל איך איר מאכען פילען גוט — איך געדענק אפילו נישט מיין אייגענעם געבורטסטאָג.

— איר זעט דעם מינק-קאָוט — לאָזט זיך אַריין אין אַ פרימאָרגען די מרס. האָלצמאן — וואָס מיין מאַן האָט מיר געקויפט צו אונזער צענטער ווערדינג עניווערסערי? — איר זעט כאָטש וואָס פאַר אַן אנטיקעל דאָס איז?

—זעהר שיין! אויסגעצייכענט! — רופט אויס מיין אידענע — טראָגט אים נאָר מיט א פריילין האַרץ!

און ווען מרס. האָלצמאן איז שוין אויף יענער זייט טיר, טוט מיין אידענע צו מיר א זאָג:

— דו זעסט? אַזאַ מיאוס׳קייט און זי האָט אַזוי פיל מזל!

— איר ווערט אפשר מיט אונז פאָרען — לאָזט זיך אַריין מיט א קוויטשעדיג קולכ׳ל די מרס. גאָלדבערג — קיין פלאָרידע? דאָ איז דאָך די קעלט נישט אויסצוהאַלטען! כ׳לעבען, איר מעגט זיך פאַרגינען א פאָר צו טאָן קיין פלאָרידע און פאַרברייננגען דאָרט מיט אונז אַ פאָר וואָכען. עס וועט אייך גאָרנישט שאַטען!

— איך דאַנק אייך זעהר — ענטפערט מיין אידענע — ערשטענס,

ווייל איך נישט איבערלאָזען מיין מאַן אַליין דאָ, מיט די ביזנעס; און צוויי־טענס, האַלט ער נישט פון פלאָרידע...

— זע, וואָס לייטישע מענער טוען פאַר זייערע פרויען — טוט צו מיר א זאַג סאַרקאַסטיש מיין אידענע, ווען מיר זענען געבליבען אַליין — אַט דאָס הייסט אַ פיינער מאַן!

אַט אַזוי האַלטען די פרויען קאָסטאָמערס אין איין קומען און דער־ציילען די גליקען, וואָס זיי האָבען ביי זייערע מענער, און איך האָב פון מיין אידענע קאָלטס און וואָרעמס.

— נו? — האָט פאַרענדיגט מיין גראָסערימאַן — ווי געפעלט אייך מיין פּראָבלעם?

איך האָב געמוזט צוגעבען, אַז עס טאַקע א פּראָבלעם.

אַ ראָמאַנטישער שווינדעל

(הומאָרעסקע)

מיין אַלטער, גוטער פריינט גוטערמאַן האָט זיך צוגעזעצט נעבען מיר אויף דער באנק אין פּאַרק, און האָט מיר גלייך, אָן הקדמות, אָנגעהויבען צו דערציילען, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ווען ער איז ניט לאַנג צוריק געווען אין פלאָרידע:

— איך האָב זיך באקענט מיט דער פרוי, — האָט ער פאַרשעמט אָנגעהויבען צו דערציילען, — ביי מאָדנע, אויסטערלישע אומשטענדען: איך מיט מיינעם אַ פריינט זענען געקומען קיין פלאָרידע צו פאַרברענגען אונזער וואַקאַציע, האָט פּאַסירט, אַז מען האָט מיין פריינט באַלד צוריק אַרויסגערופען קיין ניו יאָרק, ווייל עפּעס האָט פּאַסירט אין זיין פאַמיליע, און איך בין געבליבען אַליין.

— זיץ איך מיר איינמאָל א שבת אָוונט אין אַ קאַפעטעריע אויף דער רווישיגער, לעבעדיגער קאָלינס עווענין, און טראַכט, ווי צו פאַרברענגען די צייט. ס'איז אַפילו געווען אַ גרויסע צאָל פרויען, וואָס האָבען געזוכט מיין באַקאַנטשאַפט, אָבער זיי האָבען צו מיר ניט אַפּעלירט. בין איך מיר געזעסען

אַליין און געהאַלטען אין זופען איין טעפּעלע קאַווע נאָך דעם צווייטען. ווען איך האָב שוין געהאַלטען ביים פאַרלאָזען די קאַפעטעריע, זענען מיטאמאָל אריינגעקומען צוויי פרויען און האָבען זיך, אָן צערעמאָניעס, אַוועקגעזעצט נעבען מיין טישעל.

— איר קוקט מיר אויס צו זיין באַקאַנט! — האָט איינע, א בלאָנדע, זיך צו מיר אָנגערופען, — אויב איך מאַך ניט קיין טעות, קומט איר פון ברוקלין.

— געטראָפען! — האָב איך געענטפערט, — איר מוזט האָבען א גוטען זכרון.

— אויב אַזוי, — האָט זי זיך מיט א שמייכעלע אָבגערופען, — וויל איך אייך בעטען מיר צו טאָן אַ געפעליגקייט פאַר וואָס איך דאַנק אין פאָראויס. איך וויל אַז איר זאָלט אונז טריטען מיט קאָפע.

מיט פאַרגעניגען — האָב איך געענטפערט.

נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער קאַווע, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי מיט איר פריינדינע זענען געקומען צו פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן אין פלאָרידע; אַז זיי שטייען איין אין א האָטעל, און אַז זי דערוואַרט דאָ אין א פּאָר טעג אַרום איר ברודער, וואָס דאַרף מאַכען אַ גרויסען ריעל־עסטעיט „דיעל״.

איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז פאַר די לעצטע צען יאָר, וואָס איך בין אַן אלמן, האָב איך שוין געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפען זיך מיט א סך פרויען, אָבער קיין איינע פון זייז האָט אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ איינ־דרוק, ווי אָט־די בלאָנדע. זי האָט פאַרמאָגט א ים מיט חן! איר שמייכעל, איר אַרטריידען, האָבען מיך באַצויבערט, און איך האָב זיך אין איר פאַר־ליבט מיט׳ן גאַנצען פייער פון מיין מאַנסבילשער נשמה.

איך האָב אָנגעהויבען מיט דער בלאָנדער פרוי אויסצוגיין און פאַר־ברענגען. איך פלעג קוים זיך דערוואַרטען די מינוט זיך מיט איר צו טרעפען. איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט פאַר דער געלעגענהייט צו רעדען מיט איר וועגען תכלית

אין א פּאָר טעג אַרום האָט זי פאַר מיר פאַרגעשטעלט איר ברודער — אַ הויכער, העלדישער חברה־מאַן. דער ברודער האָט מיר דערציילט, אַז ער

איז געקומען דאָ איינצוהאַנדלען א פּאָר טוצען „פּאַרסעלס״, וואָס וועלען באַ־טרעפען אַ ריזיקע סומע געלט.

— איר פאַרשטייט ? — האָט ער באַרימעריש גערעדט, רויכערענדיג אַ גראָבען ציגאַר, — אין א פּאָר יאָר אַרום וועט דאָס ווערט זיין צוויי מאָל אַזויפיל. איך ווייס, וואָס איך קויף; איך האָב שוין געמאכט דאָ „פּלענטי״ געלט אין ריעל־עסטייט.

איינמאָל, ווען מיר זענען געזעסען אויפ׳ן באָרדוואָק, און די בלאָנדע פרוי איז געזעסען נעבען מיר און זיך געלאַסטשעט ווי אַ קעצעלע, האָט דער ברודער אָנגעהויבען צו רעדען וועגען די „פּאַרסעלס״, און וואָס פּאַר אַן אוצר מיט געלט עס שטייט פּאַר צו מאכען.

— איר ווייסט ? — האָט ער זיך צו מיר אָנגערופען, — איך האָב באַ־שלאָסען ארייננצונעמען אייך אַלס שותף! איר קוקט מיר אויס צו זיין אַן ער־ליכער מענש. איר דאַרפט ניט ארייגלייגען צופיל, א טויזענט דאָלאַר וועט דערווייל זיין גענוג. שפּעטער וועלען מיר קאָנען מאכען א הלוואה און עס וועט אייך נישט פאַלען שווער.

— זעט, וואָס פאַר א גוטען ברודער איך האָב! האָט זיך די בלאָנדע פרוי אָפּגערופען — ער וויל אייך מאַכען פּאַר א מיליאָנער. אויף מאָרגען איז די בלאָנדע פרוי, מיט איר ברודער, געקומען צו מיר אין האָטעל. זי האָט צו מיר געשמייכעלט מיט אייער צויבער־שמייכעלע, מיט וועלכען זי האָט מיך פאַר־כישופ׳ט ביי דער ערשטער באַגעגעניש, דער ברודער האָט מיר געצייגט אויף אַ מאָפּע די „פּאַרסעלס״, וואָס מיר גייען קויפען, און איך האָב אים געגעבען די טויזענט דאָלאַר.

— איר וועט מיר שטענדיג דאַנקבאר זיין, וואָס איך האָב אייך אריינ־גענומען אַלס שותף, — האָט ער קלאַפּענדיג מיר אין פּלייצע געזאָגט — מיר וועלען מאַכען „פּלענטי״ געלט!

איך בין געווען זעהר צופרידען, וואָס דער ברודער האָט מיך אריינ־גענומען אין דעם „דיעל״! איצט האָב איך געקלערט, וועל איך טאַקע קאָנען אַ רעד טאָן מיט דער בלאָנדער פרוי וועגען תכלית.

אויף מאָרגען נאָכמיטאָג, ווען איך האָב אָפּגערופען דער בלאָנדער פרוי, צו מאַכען מיט איר אַן „אַפּאָינטמענט״, האָב איך אויסגעפונען אַז זי האָט שוין פאַרלאָזען דעם האָטעל, און אַן דער חברה־מאַן, וואָס זי האָט מיר

פאַרגעשטעלט אַלס איר ברודער, איז גאָר — איר מאַן!...

—— נו, ווי געפעלט אייך מיין וואַקאַציע אין פלאָרידע? — האָט מיין פריינט פאַרענדיגט, — און אַלץ דערפאַר וואָס איך האָב זיך געלאָזט פאַרפירען פון אַ פרוי׳ס שמייכעל...

אַ באַזאַר

(הומאָרעסקע)

זינט מיין פלונית׳טע איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס טשערליידי פון דער באַזאַר־קאָמיטע פון איר טשאַפּטער בין איך געוואָרען א נע־ונד׳דינק. עס איך נישט קיין מאָלצייט ביי זיך אין הויז. איך רייד צו די פיר פוסטע ווענט. מיין פלונית׳טע גייט ארום מיט געשוואָלענע פיס און קומט גלייך מיטן מילכמאַן אהיים.

שוין פיר וואָכען פאַר׳ן באַזאַר, האָט מיין אידענע מיר געלאָזט וויסען, אַז בכן מיר האָבען אַן אויטאָמאָבילכעל וועט מען מיך „דרעפטען" צו דער אַרבעט צו העלפען זאַמלען זאַכען פאַר׳ן באַזאַר.

איז ווי קען מען זיך אָפּזאָגען פון אַזא נאָבעלער ארבעט צו העלפען קראַנקע אומגליקליכע מענשען?

פלעג איך אַרומפאָרען ביז שפּעט אין דער נאַכט און שלעפּען פעקלעך פון הויכע פלאָרס, פון בעיסמענטס און קומען אַ פאַרמאַטערטער, אַן אויסגעוויקטער פון שוויס, מיט געשוואָלענע פיס און נישט קענען רירען מיט קיין אבר...

און טאָמער פלעג איך זיך אָנהויבען באַקלאָגען פאַר מיין אידענע, אַז די ארבעט פאַלט אויף מיר שווער, פלעגט זי מיך אָנהויבען צו טרייסטען, אַז איך דאַרף זיך פילען שטאָלץ, וואָס איך טו אַזוינע גוטע אַרבעט פאַר קראַנקע, אומגליקליכע מענשען און מיין אַרבעט וועט ווערן ריכטיג אָפּגעשאַצט.

האָב איך געאַרבעט שווער און ביטער ביז שפּעט אין דער נאַכט און פלעג כסדר אַרומגיין אַ פאַרמאַטערטער, נישט קיין אויסגעשלאָפענער און

ציילען די טעג און וואָכען, אַז דער באַזאַר זאָל אַריבער און זאָל זיין אַ דער־פאָלג און מיר זאָלען דערנאָך נעמען אַ וואַקאַציע.

מיין פלונית׳טע איז גאָרנישט מיד געוואָרען. זי האָט געאַרבעט אויף טיש און אויף בענק. געקאָכט הונדערטער פונטען פיש, געבראָטען טעפּ מיט פלייש און האָט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. איך האָב געדאַרפט זיין איר אַרויסהעלפער און שווייגען, ווען זי האָט אויף מיר געשריגען. איך האָב געדאַרפט שלעפּען די טעפּ מיט די פיש און פלייש אין דער אַרמאַרי מיט אַ הונגעריגען מאָגען... ווייל עסען איז נישט געווען קיין צייט, אַרבעט איז געווען איבער׳ן קאָפּ, און מיין אידענע האָט אויף מיר געהאַלטען אַן אויג...

די צוויי טעג פון באַזאַר איז געווען הימעל עפּען זיך!! איך בין געווען אַ סעילסמאַן, אַ וועיטער, אַ קאַסירער און געטאָן כל עבודת פרך.

אויף מאָרגען נאָכ׳ן באַזאַר, ווען איך בין געזעסען אַ פאַרמאַטערטער און געהאַט מיט מיין אידענע דעם ערשטען מאָלצייט, רופט זי זיך אָפּ מיט אַ שמייכעל:

— דו ווייסט, איך האָב נייעס פאַר דיר.

— נייעס? — האָב איך איבערגע׳חזר׳ט — איך גלויב, אַז איך וויים שוין די נייעס.

— אנו, לאָמיר הערען! — איז מיין אידענע געווען נייגעריג צו וויסען!

— אַז מיר זאָלען איצט נעמען אַ וואַקאַציע און זיך אַביסעל אָפּרוען?

— נישט געטראָפען! — האָט מיין אידענע געענטפערט.

— טאָ לאָמיר שוין הערען — האָב איך פאַר׳חידוש׳ט געפרעגט.

— מיר גייען אין אַ מאָנאַט ארום האָבען אַ באַזאַר פון אונזער תלמוד־תורה און מיר דאַרפען זיך נעמען צו דער ארבעט פונדאָסניי!

וואָלף אַיווענסקי

אַ סדר אויף אַ שיף

איך בין געווען איינער פון אַ גרופּע וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון רוסלאַנד אין דער פינסטערער צייט ווען פּאָגראָם־וואָלקענס האָבן גע־שוועבט אין דער לופט און אידען האָבן מורא געהאַט, אַז יעדער מינוט זאָלען זיי, די ווילדע כוליגאַנעס אונז ניט אומברענגען. גראָדע פאַר פּסח האָבן מיר זיך אַרויסגעכאַפּט פון יאָמער־טאָל און מיר זיינען געפאָרען נאָך דער פרייער און ליכטיגער אַמעריקאַ.

מיר האָבן מיטגענומען מצות, און אַלעס וואָס מען דאַרף האָבן צו פּראַווען אַ סדר, ניט פאַרגעסענדיג הגדות. אַ פּאָר טעג פאַר פּסח האָבן מיר גערעדט וועגען דעם, אויב עס איז דאָ אַ מעגליכקייט צו פּראַווען דעם סדר כהלכתו, טאַקע אויף דער שיף. יענע יאָרען פלעגט ביי אַ שיף נעמען פון דריי ביז פיר וואָכען, און אמאָל מער צו אַריבערשפּרייזען דעם ים נאָך אַמעריקע. און אַזוי ווי מיר זיינען אַרויף אויף דער שיף צוויי וואָכען נאָך פּורים איז אונז אויסגעקומען צו זיין פּסח אויף דער שיף.

צו דיזען צוועק האָבן מיר אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון דריי וואָס זאָלען זיך זען און איבעררעדען מיט'ן קעפּטען פון שיף, ער זאָל אונז טאָן אַ געפעליגקייט און געבען אַ פּלאַץ וואו מיר זאָלען קענען פּראַווען אַ ריכ־טיגען סדר.

אין דער קאָמיטע איז געווען איינער אַ וואַרשעווער, אַ איד פון אַ יאָר זעכציג מיט אַ לאַנגע, געדיכטע שוואַרצע באָרד און מיט אַ שעהנעם הדרת פּנים. ער איז שוין געפאָרען אַ צווייטען מאָל נאָך אַמעריקע און האָט געקענט אביסעל ענגליש. דער צווייטער איז געווען אַ סטודענט פון אַ מעדיצינישען פאַקולטעט אין וואַרשע, וואָס איז געפאָרען צו אַן אָנקעל און דער דריטער בין איך געווען. דער קעפּטען האָט אונז אויפגענומען זעהר פריינטליך. מיר האָבן אים איבערגעגעבען אונזער פאַרלאַנג, און ער האָט אונז העפליך פאַרשפּראָכען צו געבען דעם גרויסען זאַל, וואו מיר זאָלען קענען באַקוועם, און אומגעשטערט פּראַווען דעם סדר. אָבער איין באַדינג האָט דער קעפּטען געשטעלט — און דאָס איז, אַז מיר זאָלען אים ערלויבען אָנוועזענד צו זיין ביים סדר, ווייל ער גלייכט צו זען ווי אידען פּראַווען אַ סדר.

מיר האָבען אים מיט פאַרגעניגען נאָכגעגעבען זיין פאַרלאנג. ס'איז פאַרנאכט, אין מערב זעצט זיך די זון און לאָזט זיך אַראָפּ אין ים פאַר טבילה... דער טיפער רייגער הימעל האָט זיך צו דעם ים אראָפּגעלאָזען און זיך מיט אים צונויגעגאָסען... עס ווערט טונקעלער און טונקעלער.. גרויע שאָטענס לאָזען זיך אַרונטער אין דעם שטיל־דרעמלענעדען ים, וויקלען אים איין און פאַרוויגען אים אין אַ ליבען שלאָף; א געהיימניספולע הייליגקייט הערשט אויפ'ן שיף מיט אירע עטליכע מנינים אידען, דער זמן חרותנו האָט אין אַלעמענס אויגען אָנגעצונדען אַ הייליגער פייערל, האָפענונג און אַ גלויבען אין דער צוקונפט און עס דוכט זיך מיר, אַז איך און די אַלע אויסגעפּוצטע יום־טוב'דיגע אידען געפינען זיך אין בית־המדרש און קלייבען זיך אָפּצו־געבען אַ לויב צו דעם באַשעפער פון דער וועלט.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען קלייבען צו מעריב. אין דעם גרויסען אויסגעפּוצטען, פּראַכטפולען זאַל, וואָס דער קעפּטען האָט באַזאָרגט. אויף יעדען אידען האָט געשוועבט א הייליגע צופרידענהייט. דער וואַרשעווער איד מיט זיין לאַנגע, שעהנע, שווארצע באָרד און מיט זיין הייליגען הדרת־פּניו, איז געוועזען דער חזן.

אַלע האָבען געדאַווענט ערענסט, מיט האַרץ. ס'איז קענטיג געווען, אַז די אַלע אידען לויבען און דאַנקען דעם אויבערשטען וואָס ער האָט זיי אויס־געלייזט פון דעם פינסטערען, חושך'דיגען מצרים און פירט זיי אין לאַנד פון פרייהייט און גליק.

איך האָב זיך אומגעקוקט און ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרען, ווען איך האָב דערזעהן ווי דער קעפּטען פון אונזער שיף שטייט אין אַ ווינקעל און דאַווענט!... יע, דער קעפּטען, אָנגעטאָן אין זיין יוניפאָרם!... און געדאַ־ווענט האָט ער מיט כוונה, מיט באַגייסטערונג, אַזוי, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז דאָס שטעהט א חסיד אין אַ ליובאַוויטשער שטיבל... נאָר זיין שלאַנקער, גלייכער קערפּער מיט זיין יוניפאָרם האָט ניט הארמאָנירט מיט זיין שאָקלען זיך.

מען האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען צום סדר. דער קעפּטען מיט צוויי אידישע מאטראָזען האָבען געגרייט די טישען. ער האָט געהייסען דערלאנגען

מצה, וויין און אַלע אַנדערע זאַכען וואָס א סדר פאָדערט, אפילו חרוסת האָט ער אויך באזאָרגט...

מיר האָבען זיך געזעצט צום סדר. מען האָט אָנגעגאָסען די כוסות. דער וואַרשעווער איד האָט גענומען דעם בעכער — וואָס ער האָט מיטגעפירט מיט זיך — און מיט ערפורכט האָט ער געמאכט א שעהנעם יום טוב׳דיגען קדוש.

אין שעהנעם, פרעכטיגען, ליכטיגען זאַל האָט געהערשט א היילי־גע יום־טוב׳דיגע שטילקייט. די פיער קשיות האָט געפרעגט א שעהנער אינגעלע, אַ יונגער אימיגראַנט, מיט א פּאָר שוואַרצע אמת׳ע אידישע אויגען. זיין וויך, זיס, ליב קינדיש שטימעלע האָט דורכגעדרונגען די גאַנצע לופט אינ׳ם גרויסען זאַל, פון די קליינע פענסטערלאך האָט דער ווינד אויפגעכאַפּט דעם אידישען „מה נשתנה״ און האָט אים אַוועקגעטראָגען ווייט, ווייט איבער דער גאנצער וועלט, פאָדערענדיג א גערעכטען ענטפער אויף דעם אייביגען אידישען מה נשתנה... ווייטער איז דער סדר צוגאַנגענגען אין דער בעסטער שעהנסטער אָרדנונג. דער קעפּטען פון שיף אי געזעסען און האָט מיט באגייסטערונג גע־זאָגט די הגדה. און הגם זיינע העברעאישע ווערטער האָבען געעקלונגען מיט אַ גוי׳שען אקצענט, האָט ער אָבער געזאָגט מיט האַרץ, מיט געפיהל, מיט דער גאנצער נשמה.

נאָר אָט איז געקומען צו „והיא שעמדה לאבותינו ולנו״, האָבען זיך ביי דעם קעפּטען געשטעלט טרערען אין די אויגען — און ער האָט זיך פונאנ־דערגעוויינט ווי אַ קליין קינד!...

אָבער ער האָט זיך באלד באַרוהיגט. צו הייליג, צו טייער איז איהם געווען דער סדר, אַז ער זאָל אים פאַרשוועכען מיט זיינע טרערען...

מיר האָבען פאָרגעזעצט זאָגען די הגדה. אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פּאסירט. דער קעפּטען פלעגט אַזוי באגייסטערט ווערען זאָגענדיג די הגדה, אַז ער פלעגט זיך אָנפאנגען באַוועגען און שאָקלען ווי א חדר אינגעל..

ביים עסען האָב איך געפרעגט דעם קעפּטען די אורזאכע וואָרום ער האָט זיך צוואויינט אין מיטען די הגדה.

„טראגישע עראינערונגען!״ — האָט ער געענטפערט מיט א זיפץ.

„זיינען זיי פאַרבונדען מיט׳ן סדר?״ —האָב איך געפרעגט.

נאָר לאַכען:

„יע, אין דער ערשטער סדר נאכט, האָט דאָס פּאַסירט״.

„וואָס ? !״

„א פּאָגראָם ! !״

„א פּאָגראָם ? ! ״

„דערציילט !״ האָבען איהם אַלע געבעטען.

„דאָס איז געשעהן מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק״ — האָט ער אָנגעהויבען מיט א ציטערנדע שטימע און ס׳איז קענטיג געווען, אַז די עראינערונג פאַרשאַפט איהם פילע שמערצען. — „מיינע עלטערען האָבען דעמאָלסט געוואוינט אין א שטאָט אין זיד רוסלאַנד. ס׳איז געווען דער ערשטער סדר נאכט, אונזער גאַנצע פאַמיליע, באַשטעהענדיג פון זיבען פאַר־שוין, איז זיך צופרידען געזעסען ביים סדר. דער ליבער פרייהייטס יום טוב האָט פון מיין פאָטער פאַרטריבען אַלע וואָכעדיגע זאָרג און דאגות און ער איז זיך געזעסען מיט זיין שעהנעם הדרת־פּנים און מאַיעסטעטיש געפּראַוועט דעם סדר. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי מיין פאָטער האָט פאַרטייטשט די הגדה און די גאַנצע הויזגעזינד האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. מיין מוטער האָט געקוקט מיט ליבע, מיט צערטליכקייט אויף מיין ליבען פאָטער און האָט געשלונגען יעדען וואָרט. נאָר אַט איז געקומען צו „והיא שעמדה לאבותינו ולנו״, און מיין פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען, מיט זיין שעהנער שטימע צו זאָגען אין דער הויך, האָט זיך פּלוצלונג דערהערט פאַרצווייפעלטע, האַרצרייסענע געשרייען, באַגלייט מיט צובראָכענע שויבען... באַלד האָבען מיר דערהערט ווילדע גראָבע געשרייען : „שלאָגט די זשידעס !״ א טויט די אידען. און עס האָט זיך אָנגעהויבען די שרעקליכע וואָקכאַנאַליע פון ברעכען און שטעכען וואָס ס׳איז אונטער׳ן האַנד געקומען. די הילפלאָזע געשרייען פון די אומגליקליכע פאַרפאָלגטע מיט דעם ווילדען, שכור׳ן גע־שריי פון די ווילדע, צובושעוועטע כוליגאַנעס, האָבען זיך צוזאַמענגעמישט און פאַרטויבט די אויערען, און איידער מיר האָבען נאָך צייט געהאַט צו קומען צו זיך פון איבעראַשונג און שרעק, זיינען שוין די כוליגאַנעס געווען ביי אונז אין הויז ... ווי וועלף, ווען זיי באַפאַלען א שעפּסעלע, אַזוי האָבען זיי באַפאַלען אונזער רוהיגע פאַמיליע, מיין פאָטער האָבען זיי דערלאַנגט מיט אַן אייזען איבער׳ן קאָפּ און ער איז געבליבען ליגען אין א טייך בלוט, מיין

מוטער און מיינע שוועסטער האָבען אויך געהאַט דעם זעלבען סוף! די כולי־גאנעס האָבען זיי גרויזאם דערמאָרדעט!... און אין איין מינוט איז דער שטילער, הייליגער, רוהיגער נעסט וואָס האָט געאָטעמט מיט גליק, ליבע און צופרי־דענהייט פאַרוואנדעלט געוואָרען אין א חורבה, אין אַ באַרג אש!!!...

דער קעפּטען האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעווישט די טרערען פון די אויגען און האָט פאַרגעזעצט

„מיר האָט געראַטעוועט א קריסטליכע שכנה. זי איז געווען זעהר באַפריינדעט מיט אונז. מיין פאָטער האָט זיך געמאטערט א גאנצען טאָג אין שרעקליכע יסורים, ביז וואנען ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם פאַר׳ן טויט האָט ער ביי מיר גענומען א האנד, אַז ווי לאַנג איך וועל לעבען, זאָל איך אָפּהיטען די סדרים, מיט דער פאַרבלוטיטגטער הגדה, וואָס ס׳איז איהם פאַרבליבען אַ ירושה פון זיין זיידען.

„און שוין אכט אוני צוואנציג יאָהר אַז איך בין א קעפּטען, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט פאַרפעהלט צו פייערען דעם יום טוב פסח און פראַווען די סדרים. ווי מיין פאָטער האָט מיר געהייסען. און הגם דער שיקזאַל האָט מיך אַ צעהן יעהריגען אינגעלע פאַרוואָרפען צווישען קריסטען און איך האָב זיך צווישען זיי ערצויגען, פונדעסטוועגען בין איך פאַרבליבען א איד און דעם סדר מיט דעם „והיא שעמדה לאבותינו״ וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען. און צווייטענס! — האָט ער זיך פלוצלנוג א באגייסטערטער גע־נומען ריידען — ווען איך זעה ווי מיינע עלענדע, אָרעמע, הילפלאָזע ברידער לויפען צושראָקענע, פאַרפאָלגטע פון דעם פינסטערען פאַגראָמען לאַנד — רוסלאנד, דוכט זיך מיר אַז איך בין דער משה, וואָס פירט זיי אין אַ לאנד פון פרייהייט און גליק״.

ווען ער האָט געענדיגט זיין טרויעריגע געשיכטע, האָט ער געבעטען, אַז מיר זאָלען אים זינגען עפּעס אַ אידיש שטיקעל.

און מיר האָבען געזונגען:

ווער מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער אידען זיינען מיר!
וואָס מיר טוען, טוען מיר
אָבער דעם סדר היטען מיר!

און דער קעפּטען האָט אונטערגעכאַפּט:
ווער מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער אידען זיינען מיר!
אין גאָט'ס וועג געהען מיר,
און צו איהם האָפען מיר
און צו גאָט דינען מיר . . .
און אין איהם גלויבען מיר...

און לאַנג איז דער קעפּטען מיט אונז געזעסען און פאַרבראַכט און אים איז געווען שווער צו שיידען זיך מיט אונז.

א גוטער שכן

(הומאָרעסקע)

מען זאָגט אַ ווערטעל, אַז מען זאָל זיך אויסהיטען פון אַ שלעכטען שכן. אָבער ווי אַזוי אויסצוהיטען זיך פון אַ גוטען שכן, דאָס האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפונען..

הערט א מעשה:

אַזוי שנעל ווי מיר האָבען זיך אַריינגעצויגען אין אונזער נייעם אַפּאַרטמענט איז צו אונז אַריינגעקומען די שכנה פון נעקס דאָר און האָט זיך פאַר אונז פאָרגעשטעלט. זי האָט דערציילט אַז זי וואוינט שוין אין דעם הויז אַרום אַכט יאָר און האָט מיט אלע נעקסטדאָריגע געלעבט בשלום, אַז זיי זיינען זעהר שטילע און רואיגע מענשען. בכן האָפט זי, אַז מיר וועלען זיין איינע פון די אַנדערע צופרידען...

אין א פּאָר טעג ארום איז אונזער שכנה אַריינגעקומען און דערציילט אַ געשיכטע, אַז זי האָט נישט קיין טעלעוויזיע, אַז איר מאַן האָט פיינט טעלעוויזיע, אַז צוליב טעלעוויזיע איז ביי זיי אַרויסגעקומען קריגערייען און צוויסטיגקייטען, ווייל זי פלעגט זיין אַזוי אריינגעטאָן אין טעלעוויזיע, אַז זי פלעגט פאַרנאַכלעסיגען דאָס הויז און די קינדער און פלעגט פיל מאָל פאַרגעסען צו-

צוגרייטען דעם סאָפּער.. נו, פלעגט זיך טאָן חושך ! ביז וואַנען זיי זיינען פּטור געוואָרען פון דער טעלעוויזיע.

בכן וויל זי, אַז מיר זאָלען איר דערלויבען „וואָטשען" די פּראָגראַמען אין וועלכע זי איז פאַראינטערעסירט. נו, פלעגט אונזער שכנה אָפּזיצען גאַנצע אָוועגטען ביי אונזער טעלעוויזיע ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איז פרעגט שוין גאָרנישט ! מיר פלעגען דאַרפען גיין שלאָפען האלבע נאכט און אַרומגיין נישט קיין אויסגעשלאָפענע... דערצו פלעגט מען נאָך דאַרפען סערווירען קאַווע און צובייסען, ווייל ווי לאָזט מען עס א שכנה זיצען אַ פאַרשמאַכטע ביי דער טעלעוויזיע ?

און אַז זי איז געוואָרען נאָך מער באַפריינדעט מיט אונז, איז זי אמאָל אַריינגעקומען לייען „טשערס"", ווייל זי האָט קאָמפּאני, דערנאָך האָט זי פאַר-געסען זיי ברענגען צוריק, האָבען מיר נישט געהאט אויף וואָס צו זיצען. און ווען זי האָט זיי ענדליך געבראַכט צוריק זיינען זיי געווען צעבראָכען...

דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען צו מאכען טעלעפאָן „קאָלס" ביי אונז... מען איז דאָך שכנים, איז ווי קען מען אנטזאָגען אַזאַ נישטיגע טובה ווי אַ טעלעפאָן „קאָל" ?

דערנאָך האָט זי אונז איינמאָל גאַנץ העפליך געבעטען זיין בייבי סיטערס, ווייל זי און איר מאַן דאַרפען גיין צו א חתונה...

איך האָב אַפילו געהאַט בדעה איר צו זאָגען, אַז מיר האָבען א „דעיט" דעם אָוונט, אָבער מיין פרוי האָט מיר געגעבען א וואונק, אַז איך זאָל שווייגען...

די שכנה האָט אָנגעהויבען איבערצולאָזען אירע קינדער ביי אונז און פלעגט אַוועקגיין אויף גאַנצע טעג אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס „שאָפּען"...

מיין ווייבעל האָט געהאַט פולע הענט מיט אירע צוויי מזיקים — געבען זיי עסען און טרינקען, אָבער דאָס איז נאָך נישט דער סוף.

זי האָט אָנגעהויבען לייען ביי מיין פרוי גמילות חסדים און פאַרגעסען אָפּצוגעבען... אָבער דאָס האָט איר נישט אָפּגעהאַלטען פון לייען ווייטער... און אויב עס האָט געפעלט צום רומעל איז מיין שכן געקומען מאַכען סקאַנ-דאַלען פאַרוואָס זי זיצט אָפּ גאַנצע נעכט ביי אונז ביי דער טעלעוויזיע. עפּעס געפעלט אים נישט, וואָס זי איז געוואָרען א צו אָפטער גאַסט ביי אונז אין הויז.

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבען געמוזט אויסזוכען א נייעם אפּארט־מענט און מאכען אַ ויברח..

נו, איצט פאַרשטייט איר שוין, אַז פון אַ גוטען שכן איז אמאָל שווערע זיך אויסצוהיטען ווי פון א שלעכטען.

מיין בעסטער יום טוב

(הומאָרעסקע)

פון אלע אידישע יום־טובים וואָס מיר פאַרמאָגען איז ביי מיר סוכות דער בעסטער און שעהנסטער יום-טוב.

וועט איר דאָך מסתמא פרעגען מיט וואָס איז דער יום־טוב סוכות אַזאַ יחסן — איז דער דער ענטפער, אַז סוכות זיצט מען אין סוכה. אָבער דאָ מוזט איר׳ האָבען אַביסעלע געדולד און לייענען ווייטער.

איר דארפט וויסען זיין, אַז מיין פלונית׳טע איז א סאָסייעטי ליידי; זי באלאנגט צו אַ האלבען טוצן אָדער מער אינסטיטוציעס. דאָ איז זי פּרעזידענטקע, דאָ סעקרעטארין, דאָ אין די באָרד אָוו דירעקטאָרס און דאָ איז זי אין אַן אַראַנדזשמענט קאָמיטע. זי איז כסדר פאַרשמייעט, פארהאָרעוועט. דאָ לויפט זי צו א מיטינג, דאָ איז זי ביזי מיט א באָרד מיטינג און דאָ טומעלט זיך די מיט אראנזשירען א באַנקעטל. איר קענט זי קיינמאָל אין הויז ניט געפינען; זי איז תמיד פאַרנומען, זי האָט קיימאָל קיין צייט ניט.

ניט איינמאָל טרעפט, אַ ווען איך זעץ זיך אַ הונגעריגער צום טיש עסען — ערשט דער טעלעפאָן קלינגט. מיין אידענע שטעלט זיך אָוועק ריידען מיט דער פאַרזיצערין פון דער אָקזילערי און פאַרגעסט, אַז איך זיץ א הונגעריגער ביים טיש.. זי רעדט אַזוי לאַנג ביז וואנען דער סאַפער ווערט פאַרברענט און ביי מיר פאַרגייט דער אַפעטיט צום עסען.

אויך טרעפט, אַז איך געפין זי גאַרנישט אין הויז, אנשטאַט סאַפער

געפֿין איך א צעטעלע, אַז איך זאָל אַזוי גוט זיין און ארונטערכאפּען זיך אין רעסטאָראַן עפּעס עסען, ווייל זי האָט געדאַרפט גיין צו א באַזאַר, אָדער מיטינג.

אפילו אַז מיין מזל איז שוין גאָר גרויס און איך געפין זי יאָ אין הויז, מיינט דאָס אַלץ נישט, אַז איך האָב שוין מיין סאַפּער.

עס לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט זיך אַזוי לאַנג פאַררעדט אויפ׳ן טעלע־פאָן מיט אירע אַ שוועסטער, אַז זי האָט פאַרגעסען צוצושטעלען סאַפּער...

זאָגען מיין אידענע — טאָר מען ניט. איר קענט זיך מיט איר ניט אויס׳טענה׳ן, איר וועט פאַרבלייבען דער שלעכטער און אומגערעכטער. זי טענה׳ט, אַז איר אַרבעט פאַר די אָרגאַניזאַציעס שטייט ביי איר העכער ווי אַלץ אין דער וועלט.

און טאָמער כאפּט זיך ביי מיר אמאָל אַרויס א וואָרט, איז הימעל עפען זיך! איז ניט אָפּצושניידען א פאָלע! הויבט זי מיר אָן צו דערציילען וועגען די מענער פון אירע חבר׳טעס, וואָס ראַמען, וואַשען און קאָכען און טוען אַלץ אין הויז און זיי, די פרויען, האָבען פרייע צייט זיך אָפּצוגעבען מיט זייערע סאָסייעטיס:

אָבער דערפאַר אַז עס קומט דער יום־טוב סוכות און איך זיץ אַן אויס־געפּוצטער אין סוכה, באַדינט מיך מיין אידענע מיט׳ן גרעסטען רעספּעקט. זי דערלאַנגט מיר די שענסטע חלקים, זעט אַז עס זאָל מיר גאָרניט פעלען. זי פלייסט זיך פאַר די שכנים און ברענגט מיר די בעסטע מאכלים.

זי שמייכעלט צו מיר אַזוי צערטליך און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט מיר! און איך זיץ מיר שטאָלץ ווי א חתן און קוק אויף מיין אידענע און נעם פון איר נקמה...

איך ווינש מיר דאָן, אַז הלוואי זאָל דער ליבער יום־טוב סוכות זיך ציען אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר . . .

א דאָקטאָר

מיט א פּאָר וואָכען צוריק, אין א זונטיק. מיין פרוי איז אַוועקגעפאָרען צו דער טאָכטער אין לאָנג־איילענד, און איך בין געזעסען אַליין אין הויז ביי דער טעלעוויזיע און זיך געקוויקט מיט אַן אינטערעסאַנטען פּראָגראַם.

א קלאַפּ אין טיר, און עס לאָזט זיך צו מיר אריין מר. בערגער, אַ וואוילער און שטילער מענשל — דער איינציגער שכן, מיט וועמען איך האָב ליב צו פאַרברענגען.

— אויב איר האָט אַביסעל צייט און געדולד, האָט ער, אַ פארשעמטער אָנגעהויבען, — וועל איך אייך דערציילען וואָס עס איז זיך פאַרלאָפען ביי אונז אין הויז נישט לאַנג צוריק.

איך האָב אים געהייסען זיך זעצען, האָב פאַרמאַכט די טעלעוויזיע, און מיין שכן האָט אָנגעהויבען:

— מיט א פּאָר מאָנאַטען צוריק, ווען איך בין איין טאָג געקומען פון דער ארבעט, האָט מיין אידענע, א פריילּיכע, צו מיר א זאָג געטאָן, אַז זי האָט פאַר מיר נייעס.

— וואָס פאַראַ נייעס? — האָב איך אַ פארוואונדערטער געפרעגט.

— אונזער טאָכטער בעטי, — האָט זי אַ צופרידענע אַ זאָג געטאָן — האָט שוין א „באָי פרענד".

— א „באָי פרענד"?! — האָב איך איבערגעחזר׳ט — עפּעס אַ וואָזשנער באָי?

— וואָס וויס איך, — האָט מיין אידענע געענטפערט. — איך האָב אים נאָך ניט געזען, אָבער דו קאָנסט זיך פאַרלאָזען אויף אונזער בעטי׳ן, זי איז גענוג דערפאַרען און וויס וואָס זי טוט.

— אָבער דו ווייסט דאָך, אַז ליבע איז בלינד, און . . .

— יע, האָט מיין אידענע מיך ניט געלאָזט ענדיגען — איך האָב דיר פאַרגעסען צו דערציילען דאָס וויכטיגסטע: אונזער בעטי׳ס „באָי פרענד" דאַרף באַלד ענדיגען אויף דאָקטאָר.

— אויף דאָקטאָר?! — האָב איך זיך גע׳חידוש׳ט — איצט וועסטו האָבען אַן אייגענעם דאָקטאָר, וואָס זאָל דיך קורירען!...

— און וואָס איז דער מער מיט דיר ? — האָט מיין פלונית'טע מיר אָפּגעענטפערט — ער וועט דיר אויך צוניץ קומען !...

— דו ווייסט, — האָט מיין פרוי מיר פאַרטרויט, — אַז אונזער בעטי וויל אַרויפברענגען דעם באַי, מיר זאָלען זיך מיט אים באַקענען

—ניט מער ווי רעכט, — האָב איך צוגעשטימט, — איך בין נייגעריג צו זען דעם באַי, וואָס בעטי האָט אויסגעקליבען.

— אָבער אונזער הויז איז אַביסעל אָפּגעלאָזען, און עס איז ניט שיין אַרויפצוברענגען א באַי, וואָס דאַרף באַלד ווערען דאָקטאָר — זאָגט מיין פרוי.

— ער גייט דאָך ניט חתונה האָבען מיט'ן הויז — האָב איך פּרובירט באַרואיגען מיין פרוי — ער גייט דאָך חתוונה האָבען מיט אונזער טאָכטער !

— אָבער אונזער הויז איז אין אזא צושטאַנד... — האָט מיין אידענע מיט מיר געקומען איינ'טענה'ן — אַז עס איז ניט פּאַסיג אַרויפ־צוברענגען דעם באַי ! פאַרגעס ניט, אַז ער דאַרף באַלד ווערען דאָקטאָר...

— איז וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר ? — האָב איך געוואָלט וויסען.

— מען דאַרף קויפען נייע פוירניטשור, בייטען דעם ראָג, וואָס איז שוין אויסגעריבען; פאַרבען די צימערן, און מאַכען, אַז די הויז זאָל אויס־קוקען אַביסעל לייטיש. עפּעס א קלייניגקייט ,א „באַי פרענד", א דאָקטער !...

און מיין פרוי איז געוואָרען 'ביזי". זי איז געלאָפען אין דעפּאַרטמענט סטאָרס, געשוויצט, געהאָרעוועט, געקויפט נייע פוירניטשור, קאַרפּעטס. אין הויז אין געוואָרען אַ יריד. מען האָט געפאַרבט, געראַמט. מיין אידענע האָט אַלץ פאַרנאַכלעסיגט און זיך נאָר אָפּגעגעבען מיט'ן הויז, ביז וואַנען זי האָט אַלץ געמאַכט „אפּ־טו־דעיט"... ,

מיין אידענע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און דערציילט פאַר אַלע שכנים וועגען בעטי'ס „באַי פרענד", דעם דאָקטער — און אַז איצט וועלען זיי פּטור ווערען פון אַלע זייערע קראַנקהייטען...

און אָט האָט מיין טאָכטער בעטי אַרויפגעבראַכט איר „באַי פרענד" — א שיינער, העלדישער בחור.

מיר האָבען זיך מיט אים צערעדט און אויסגעפונען, אַז ער גייט טאַקע ווערען א דאָקטער, אָבער פון... פערד, הינט א. ז. וו.

נ אָ ר ל אַ כ ע ן

אז מיין אידענע האָט דאָס דערהערט, האָט זי שיער ניט געפאלען אין חלשות... איצט איז זי ניט צופרידען מיט׳ן שידוך, זי וויל ניט קיין איידים א דאָקטאָר, וואָס האָט צו טאָן מיט פערד, הינט און קעץ... זי טענה׳ט, אַז ווען מען האָט צו טאָן מיט בהמות, ווערט מען אַליין א בהמה!...

איצט זוכט מיין אידענע א נייעם אַפּאַרטמענט, ווייל זי שעמט זיך צו ווייזען פאַר די שכנים...

וו אָ ל ף א י ו ו י ע נ ס ק י

א ר יי נ ג ע פּ אַ ל ע ן

(הומאָרעסקע)

ס׳איז געווען גאַנץ פרי, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און מיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

— העלאָ! — האָב איך אריינגעשריען אין טעלעפאָן, און געווען נייגעריג צו וויסען ווער עס רופט מיר אַזוי פרי — ווערט רעדט דאָרט?

— דאָס רעדט זאַווערוכע, דער פּאָעט, — האָב איך דערהערט א שטימע פון צווייטען זייט, — זייט אַזוי גוט און קומט גלייך אַרונטער אין גאַרדען-קאפעטעריע.

—וואָס עפּעס אַזוי פיר אין קאפעטעריע? — האָב איך פארוואונדערט געפרעגט.

— איר הערט, — האָט יענער ניט אויפגעהערט צו רעדען, — עס איז מיר געלונגען נעכטען ביינאכט, אָנצושרייבען א ליד, איז דאָס איינס אין דער וועלט! די מוזע האָט זיך אין מיר צעשפּילט... און איך האָב געשאפען עפּעס אַזוינס, וואָס וועט פאַרבלייבען אומשטערבליך...

— איז דאָך גוט. וואָס-זשע דאַרפט איר מיך האָבען? — האָב איך זיך געוואָלט אַרויסדרייען.

— איך וויל דאָס ליד איבערלייענען פאַר אייך, איידער איך שיק עס אַוועק צום דרוקען.

— אָבער איך — — — האָב איך ווידער פּרובירט פאַרענדיגען דעם שמועס...

— פליז, — האָט ער מיר איבערגעשלאָגען אינמיטען, — טוט מיר די געפעליגקייט און קומט גלייך ארונטער.

ווען איך בין שוין געווען פאַרטיג צו פאַרלאָזען דאָס הויז, ערשט איך דערהער מיט אמאָל מיין פלונית׳טע׳ס קול׳כעל.

— וואוהין לויפסטו אַזוי פרי? — פרעגט זי מיך א שלעפערדיגע — עס איז נאָך פאַר אכט אזייגער.

— איך דארף לויפען וועגען א דזשאב — האָב איך געפונען א גלאטן תירוץ.

ווען איך בין געקומען אין קאַפעטעריע, האָב איך געטראָפען דאָרטען מיין פריינט זאווערוכע זיצענדיג ביי א טישל און זופענדיג קאַפע.

— זעצט זיך, זעצט זיך, — האָט ער אַ צופרידענער געזאָגט. און אַרויס־כאפענדיג א מאנוסקריפּט, האָט ער פאַר מיר גלייך אָנגעהויבען צו לייענען זיין לידל.

— לאָז מיך אויסטרינקען אַ טעפעלע קאווע פריער, — האָב איך א זאָג געטאָן, — און דערנאָך וועט איר פאַר מיר פאַרלייענען אייער ליד.

און אָט זיץ איך מיר, אַ פאַרשלאָפענער, און זופּ די קאַווע, און מר. זאַווערוכע, א באגייסטערטער, לייענט פאַר זיין לידל. אַלע זיינע אברים נעמען אָנטייל; די הענט, די אויגען, דאָס מויל און אפילו דער שטערן.

געענדיגט דאָס לידל, פרעגט מיך זאַווערוכע א מיינונג, און ניט ווארטענדיג אויף מיין ענטפער, כאפּט ער אַרויס אַ נייעם מאנוסקריפּט און וויל אָנהויבען צו לייענען.

— אנטשולדיגט, — האַלט איך אים אָפּ, — איך האָב קיין צייט ניט, איך דאַרף זיך מיט עמיצען טרעפען אין אַ באַשטימטער צייט.

וועט איר זיך מיט אים טרעפען שפּעטער, — גיט מיר זאַווערוכע אַן עצה, — מער ניט ווי דאָס לידל.

פאַרטיג מיט׳ן לידל, וויל איך באצאָלען פאַר ביידען, ערשט א נייע צרה: אין איילעניש האָב איך אָנגעטאָן אַ פאַר אַנדערע הויזען, און האָב ניט קיין סענט ביי זיך.

איך פרעג ביי מר. זאַווערוכע, צו ער האָט אויסצולייגען דעם דאָלאר, וואָס דיביידע „טשעקס״ באַטרעפען, און איך וועל אים אָפּגעבען שפּעטער, ענטפערט ער, אַז זיין גאַנץ פאַרמעגען באשטייט פון א קוואָדער..

וואָס טוט מען? שלעכט! זיץ איך און ווארט, אפשר וועט זיך באוויזען א באקאנטער — אָבער א נעכטיגער טאָג! דערווייל זיצט זיך זאַווערוכע גאַנץ רואיג און האלט אין איין טרינקען טעפּעלאך קאַפּע און לייענט פאר מיר פּאַר אַנדערע לידער, וואָס ער ציט אַרויס פון זיינע קעשענעס, ווי אַ פּאָקוס־מאכער — שטענגעס.

עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, איבערצולאָזען מיין זייגערעל, פּאַר א משכון, און ווערען באַפרייט. אָבער ווען איך דערגרייך דעם קאַסירער, פּאַרליר איך דעם מוט און קען נישט אויסריידען קיין וואָרט.

נאָר אָט באַוויזט זיך דער סעקרעטער פון מיין סאָסייעטי און איך אָטעם אָפּ פרייער. ענדליך, זיך דערוואָרט! און ער לאָזט זיך צו אונזער טישעל.

— גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפען, — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעל. — איצט וועלען מיר צוזאַמען האָבען קאַפּע — און באלד ווערט מיין טשעק העכער מיט פופציג סענט... דער סעקרעטאַר זאָגט מיר א שנעלען „גוד־באַי״ און פאַרשווינד. איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאט ווי אָפּ־צורופען מיין אידענע און איר בעטען, אַז זי זאָל קומען אין קאַפּעטעריא, מיר אויסצולייזען.

וואָס איך האָב ארייגעכאפּט יענעם פרימאָרגען פון מיין פלונית׳טע, קאָנט איר זיך אַליין פאַרשטעלען...

דער היסטאָרישער טאָג פון דערלייזונג

וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מלוכה

מאַי דעם 14טען, 1948

דער טאָג האָט זיך געצויגען ווי אַן אייביגקייט! היינט איז דער גרויסער היסטאָרישער משיח טאָג וואָס עס דאַרף פּראָקלאַמירט ווערען אַ אידישע מלוכה! היינט ווערען מיר מיט פעלקער צוגלייך! איך קען שוין ניט דער־וואַרטען אויף דער גליקליכער מינוט! דער זייגער רוקט זיך עפּעס אַזוי לאַנגזאַם . . . איך הער זיך צו צו דער ראַדיאָ און וויל שוין הערען די פרעהליכע נייעס וואָס אַ פאָלק וואַרט אויף דעם באַלד צוויי טויזענט יאָר. אָבער איך קען ניט איינזיצען. איך האָב ניט קיין געדולד צו וואַרטען. איך הויב אָן שנעל שפּאַנען איבער׳ן צימער ווי איך וואָלט געוואָלט מיט דעם פאַרשנעלערען די צייט פון דער אידישער באַפרייאונג.

און אָט גנב׳עט זיך אַריין צו מיר אַ מאָדנער געדאַנק. אפשר וועלען זיי ניט וואַגען. אַ קשיא אויף אַ מעשה, דער רייכער אָנקעל איז געגען דעם אַז אַ אידישע מלוכה זאָל פּראָקלאַמירט ווערען און זיי וועלען אפשר ניט וועלען איינצורייסען זיך מיט דעם רייכען און און מעכטיגען אָנקעל. אפשר — טראַכט איך מיר ווייטער — וועלען זיי פאָלגען דעם אָנקעל און אָפּלייגען די פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מלוכה ,און אפשר וועט נאָך די כיטרע און פאַלשע ענגלאַנד חרטה האָבען און וועט פאַרבלייבען אין פּאַלעסטינע. און ביי דעם געדאַנק הויבט מיין גאַנצער קערפּער אָן צו ציטערען און אינ־סטינקטיוו הויב איך אָן צו שפּאַנען נאָך שנעלער איבער דעם צימער ווי איך וואָלט זיך פּאָר עפּעס דערשראָקען . . . . .

וואָס איז דער מעהר מיט דיר היינט)! — צושרייט זיך מיין אידענע — וואָס ביזטו היינט אַזוי אויפגערעגט און נערוועאיש? וואָס לויפסטו עפּעס אַרום ווי דו וואָלסט געווען אַ געווינערין.

— מיר געהען געווינען אַ אידישע מלוכה, ענטפער איך מיין אידענע — און דעריבער בין איך אַזוי אויפגערעגט. (

אָבער עסען סאָפּער דאַרף מען — אַפּעלירט צו מיר מיין אידענע — וואָס האָט תהילים צו געשווילעכץ. דו האָסט אַ גאַנצען טאָג אין מויל גאָר־

ניט געהאט. יע, מען דאַרף עסען גיב איך איר נאָך. אָבער ווען קען עסען אין אַזאַ היסטאָרישען מאָמענט!

פאַרקערט! לאכט פון מיר מיין אידענע, מיר געהען ווערען אַ פאָלק ווי אלע פעלקער דאַרפען מיר זיך פרעהען און טאקע צובייסען אויך.

פרעה איך זיך טאקע! דער טאָג — הויב איך אָן איינצוָטענה׳ן מיט מיין אידענע, וועט פאַרבלייבען פאַרשריבען אין דער היסטאָריע אויף דור דורות — דעם טאָג וועט דאָס אידישע פאָלק קיינמאָל ניט פאַרגעסען. עס וועט — — — —

און פלוצלונג די פרעהליכע, איבעראשענדע נייעס! איך הער די נביאישע ווערטער, אז דאָס אידישע מלוכה איז פּראָקלאַמירט געוואָרען! און זי טראָגט דעם הייליגען נאָמען: „ישראל״. נאָך א גלות וואָס האָט אָנגעהאלטען באַהענט צו 1900 יאָהר, האָט דאָס אידישע פאָלק ווידער א מלוכה. אַ הייליגער ציטער לויפט דורך מיין קערפּער. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן פאַר פרייד. עס ווילט זיך מיר אַרונטערלויפען אין גאַס און שרייען הויך אויפ׳ן קול: אַז מיר זיינען געוואָרען א פאָלק; אַז די צוויי טויזענד יאָהריגע תפילה פון דעם רעליגיעזען איד, דעם הונדערט־יאָריגען טרוים פון דעם מאָדערנעם איד ווערט ענדליך פאַרווירקליכט. מיר האָבען אָן אייגענע לאַנד! אַז מיר זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות!.. און איידער איך קום צו זיך פון דער ערשטער איבעראשונג זאָגט די ראַדיאָ אָן אַז פּרעזידענט טרומאַן האָט אנערקענט די נייע אידישע מלוכה!!

הייסט דאָס אַז אונזער אָנקעל סעם האָט תשובה געטאָן (בעסער שפּע־טער, איידער קיינמאָהל ניט).

פון שמחה ווייס איך ניט וואָס צו טאָן. איך בין אַזוי הינגעריסען פון דער אויסערגעוועהנליכער היסטאָרישער געשעהעניש, אַז איך באַמערק גאָר־ניט אַז איך בין אַליין אין הויז און מיין אייניקעל ווייַנט דאָרט אין קריב. ווייַן ניט מיין קינד — שריי איך צו מיין אייניקעל האלטענדיג אים אויף די הענט, מיר דאַרפען זיך היינט פרעהען, מיר האָבען שוין אַן אייגען לאַנד. אונזער צוויי טויזענד יאָריגער חלום איז פאַרווירקליכט געוואָרען און איך פיהל גאָרניט אַז אויך מיינע אויגען זיינען פייכט פון טרערען.

דאָס קינד קוקט אויף מיר מיט זיינע צוויי שווארצע, אומשולדיגע אויגעלעך און שמייכעלט צו מיר פון דער גוטער בשורה.

גוואַלד, דער אויטאָמאָביל!

— איך זאָג אייך, אַז איך האָב גאָרנישט געוואוסט ווי גליקליך איך בין געווען אײדער איך בין געשטרויכעלט געוואָרען און זיך אײנגעשאַפּט אַן אויטאָ־מאָביל. איר גלויבט מיר נישט? איר דענקט אַוודאי, אַז איך בין לאַ־עליכם׳דיג ניטט ביים זינען? . . . ווייל ווער אַ שטייגער חלומ׳ט עס ניט צו האָבען אַן אויטאָמאָביל?

זאָג איך אייך נאָך אמאָל, אַז זינט איך האָב זיך געלאָזט אָנרעדען פון מיין פלונית׳טע און זיך אײנגעשאַפּט די מאכערייקע אויף פיר רעדלעך, האָב איך קאָלטס און ווארעמס, איך האָב נישט קיין רו, איך בין כסדר פאַר־נומען, עס טומעלט זיך אין הויז ווי אויף אַ יריד און איך ווייס נישט אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין.

אדרבא, הערט נאָר וואָס פאַראַ צרות דער אויטאָמאָביל האָט מיר פאַרשאפט! ,

מאָנטאָג דאַרף איך נעמען די פעקלעך וועש אין דער לאָנדרי, און נישט נאָר מיינע, נאָר אויך פון אַלע שכנים פון הויז וואָס שפילען מיט מיין פרוי „מאדזשאָן״.

נו, שלעפּ איך גרויסע, שווערע פעק און באָד זיך אין שווייס . . . און אַז איך קום פון לאָונדרי קאָן איך קוים שטיין אויף מיינע פיס . . .

דינסטאָג איז „שאָפּינג־דעי״, דאַרף איך נעמען מיין פלונית׳טע אין די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, און ניט נאָר איר, נאָר אויך אַלע אירע חבר׳טעס. איך מוז זיך נאָך זיין נאָכשלעפּען, גיי זיי נאָך ווי אשאָטען, און קום קוים אַ לעבעדיגער אַהיים מיט א „טיקעט אַלס צוגאָב, וואָס אַ פּאָליסמאַן האָט מיר באזאָרגט פאַר לאָזען דעם אויטאָ שטיין אין גאָס.

מיטוואָך דאַרף איך נעמען מיין ווייב צו אירע חבר׳טעס שפּילען מאדזשאָן און קומען פאַרטאָג איר אָפּנעמען צוריק אהיים.

דאָנערשטאָג אין דער פרי דאַרף איך נעמען מיין שוויגער אין שוויץ, אַזש קיין קאָני־איילאַנד (זי איז אַ גרויסע ליבהאָבערין פון די ים־בעדער, און קומען שפּעט ביינאכט איר אָפּנעמען א היים . . .

אין די „וויק־ענדס״, פרעגט שוין גאָרנישט! איך דאַרף נעמען מיין

ווייב מיט אירע חבר׳טעס צו פּאַרטיס, באַזאַרס א. אז. וו. שלעפּען גרויסע באַנדעלס און זיין אויף ביז האַלבער נאכט און קומען אהיים מיט א קאָפּ-ווייטאָג . . .

נו, זעט איר שוין וואָס פאַר א קאָפּ און האַרץ-ווייטאָג דער אויטאָמאָביל האָט מיר פאַרשאַפט ? . . .

יאָ פאַרהייראַט, ניט פאַרהייראַט

קלאָגט זיך פאַר מיר אַן אלטער בחור וואָס זיצט אָפּ ביז האלבער נאכט אין די רעסטאָראַנען און גייט דערנאָך אַליין שלאָפען מיט די פיר ווענט:

— איך זאָג אייך, אַז עס איז שווערער צו זיין פאַרהייראַט ווי צו זיין סינגעל.

— הייראַט מען ניִשט — גיב איך אים אַן עצה.

—אָבער ס׳איז נישט גוט צו זיין סינגעל אויך — איז ער נישט צופרידען מיט מיין עצה.

— האָט מען חתונה . . .

— ס׳איז גרינג צו זאָגען חתונה צו האָבען, אָט האָב איך מיט א צייט צוריק זיך באקענט מיט א מיידעל, ראָזע האָט זי געהייסען, זי איז מיר בע-פעלען געוואָרען מיט׳ן ערשטען קוק. זי האָט אויסגעקוקט נאַאיוו און אומ-שולדיג ווי א מלאכ׳ל. אָבער ווען איך האָב מיט איר אָנגעהויבען ריידען וועגן תכלית, וועגען חתונה האָבען, האָט זי, ערשטענס, געפאָדערט, אַז איך זאָל איר קויפען א דאַימאָנד-רינג פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל; אויסמעבלירען אַ שיינעם אַפּאַרטמענט מיט קאָסטבארע מעבל; דערצו וויל זי נעמען א האָני-מון אזש אין די באַהאמעס... און אַזויפיל און אַזויפיל וויל זי וואָכען געלט... און וואָס האָט זי נישט געוואָלט ? האָב איך געזען, אַז די ראָזע איז נישט פאַר מיר. האָב איך זי אויפגעגעבען און אין אַ קורצער צייט אַרום זיך באקענט מט א בעקי, און זי האָט געמאכט ביליגער... אַ קלענערער דאַימאָנד רינג; ביליגערע פּוירנטשור; וויניגער וואָכען-געלט און אָן א האָני-מון — און

PROPERTY OF THE CITY OF NEW YORK
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
MANHATTAN RESERVE

איך האָב מיט איר חתונה געהאַט. נו, האָט זי נאָך דער חתונה געצייגט איר אמת׳ן פּנים. זי האָט אָנגעהויבן צו פירען א רייך לעבען, טייערע קליידער, מינק־קאָוטס און אַן אויטאָמאָביל, און שפּילען אין קאָרטען.

— מיין טייערע! — האָב איך צו איר גע׳טענה׳ט — איך האָב נישט, איך קען דאָס נישט אָפּאָרדען!

— דאַרף מען נישט זיין פאַרהייראַט! — האָט זי מיר געענטפערט.

מיר האָבען זיך גע׳גט און איך בין ווידער סינגעל.. כ׳האָב זיך באקענט מיט אַ יונגער אלמנה. זי האָט גאָר ניט געפאָדערט, געווען שטיל ווי א טויב. איך האָב געקלערט, אַז ענדליך האָט איך שוין געפונען מיין גליק. אָבער אַ נעכטיגער טאָג. אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה האָט זי אָנגעפאנגען צו געמבלען. פלעגט ווערען פאַרפאַלען גאַנצע נעכט... פלעגט זיך מיט מיר האַלטען אין קריגען; אין איין דערציילען ווי גוט איר איז געווען ביי איר ערשטען מאַן... און אַז איך בין א שלימ׳מזל, א לא יצלח און מיר האָבען זיך ווידער גע׳גט....

בלאַנק איך ווידער אַרום אַליין אין די גאַסען; זיץ אָפּ ביז שפּעט אין דער נאַכט אין רעסטאָראַנען. ווערט דאָס לעבען מיאוס און עס הויבט זיך ווידער אָן בענקען נאָך אַן אייגען ווינקעל. ס׳וואָלט זיך וועלען חתונה האָבען, אָבער מען האָט שוין מורא...

זיין ווייב׳ס דיעטע

(הומאָרעסקע)

זינט דער דאָקטער האָט געשטעלט מיין פלונית׳טע אויף אַ דיעטע, האָב איך אויסגעריסענע יאָרען. איך גיי אַרום אַ פאַר׳חלש׳טער פון הונגער, איך זע נישט קיין שטיקעל ברויט פאַר די אויגען. מיינע מאָלצייטען ווערען געמאָסטען און געוואויגען. איך האַלט אין איין פאַרלירען וואָג. איך קען קוים שלעפּען מיינע פיס פון שוואַכקייט, און איך קוק אויס ווי אַן אָפּגעפליקט הענדעל...

נאָר לאַכען

איר דאַרפט וויסען זיין, אַז מיין אידענע איז זעהר פּינקטליך מיט איר דיעטע. זי היט די דיעטע אָפּ אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. זי פאָלגט אויס אַלץ וואָס דער דאָקטאָער האָט פאַראָרדענט. זי איז באַהאַוועגט אין די קאלאָריס, ווי אַ פרומער איד אין „אשרי״. זי האלט אין איין שטודירען דעם צעטעל, וואָס גיט אָן די גענויע צאָל קאלאָריעס פון יעדען מאכל, זי טענה׳ט, אַז אויב דאָס איז גוט פאַר איר, דאַרף דאָס אוודאי גוט זיין פאַר מיר אויך.

— אָבער איך בויטיג זיך דאָך נישט אין קיין דאיעט — טענה איך צו איר — איז פאַרוואָס זאָלסטו מיר אַזוי צוטיילען דעם ביסען, אַז איך זאָל דאַרפען ארומגיין אַ הונגעריגער ?

— עס וועט דיר גאָרנישט שאָטען — טרייסט מיר מיין אידענע — דו וועסט זיך פילען בעסער, אַז דו וועסט עסען ווייניגער. און עס העלפען נישט מיינע רייד. מיין אידענע וויל פון קיין זאַך נישט וויסען, זי טיילט מיר צו יעדען ביסען, עס איז שוין ניט איין מאָל געקומען צו א שאַרפען איבער־רייד, אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפען, איך האָב גאָרניט אויסגעפּירט, און אַלץ איז געבליבען ביים אַלטען.

— דו הערסט —טו איך א זאָג צו מיין אידענע ווען איך ווער פאַרטיג מיט מיין סאָפּער —איך בין הונגעריג און איך וואָלט נאָך עפּעס געגעסען.

— וואָס רעדסטו ? — וויל זי נישט גלויבען — דו האָסט געהאַט גענוג קאלאָריס מיט דיין מאָלצייט.

— וואָס טויגען מיר דיינע קאלאָריס, אַז איך בין הונגעריג — הויב איך אָן צו אַפּעלירען צו איר — איך וויל נאָך עסען.

— דו זעסט ? — ווייזט מיר מיין אידענע די קאלאָריס ליסטע, וואָס דער דאָקטער האָט איר געגעבען — ווערדליג דער ליסטע האָסטו געהאַט גענוג קאלאָריס מיט דיין מאָלצייט.

אָבער איך בין פאָרט הונגעריג !— הער איך נישט אויף צו אַפּעלירען צו איר — איך בין הונגעריג און איך וויל עסען. — צוליב מיר אַליין דארפסטו זיך א ביסעל אָפּהאלטען מיט׳ן עסען — רעדט שוין מיין אידענע מיט געבעט — דו ווייסט דאָך אַז איך בין אויף אַ דאיעט און דו וועקסט מיין אַפּעטיט מיט דעם, וואָס דו פאָדערסט נאָך עסען

— דו ביזט גערעכט — שטים איך צו, און איך גיב זיך אונטער. דערהויפּט קומט מיר אויס צו ליידען, ווען מיר זיינען געלאַדען צו שמחות, ווי א חתונה, אָדער א בר־מצוה. מען זעצט זיך עסען, און מען הויבט אָן צו דערלאַנגען צום טיש פאַרשידענע מאכלים, ווי געפילטע פיש, געהאַקטע לעבערלעך, געבראָטענע קישקע, און פאַרשידענע מינים געבראָטענע פליישען. מיין אַפּעטיט צופלאַקערט זיך, און איך הויב אָן צו שלינגען די באַ׳טעמ׳טע מאכלים, דעמאָלסט קומט צו מיין אידענע און טוט אין דער שטיל א זאָג:

— סעם, הער אויף צו עסען! — דו האָסט שוין געהאַט גענוג!

— אָבער איך האַלט דאָך אין מיטען! — בעט איך זיך ביי איר — לאָז מיר ענדיגען! די מאכלים זיינען דאָך אַזוי געשמאַק און באַ׳טעמ׳ט!

— צוליב מיר אַליין דאַרפסטו צאַמען דיין אַפּעטיט — ענטפערט זי שוין מיט כעס — דו דאַרפסט זיך מיט מיר אויך רעכענען.

— אָבער עס ווילט זיך נאָך א שטיקעל קישקע! — אַפּעליר איך צו איר — און וואָס קען דאָס שאַדען?

— גענוג! חזר׳ט זי שוין איבער מיט טאָן העכער — דו האָסט שוין געהאַט צופיל קאַלאָריס היינט! — זאָל זיין גענוג!

און איך מוז אויפהערען עסען און מאַכען א שוויג, און קוקען מיט זשעדנע אויגען אויף די געשמאַקע מאכלים, און ווי אַלע אַרום מיר עסען דאָפּעלטע פּאָרציעס.

און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל מיין אידענע איז אויף א דאַיעט...

אַריינגעפאַלען!

(הומאָרעסקע)

אפשר ווייסט איר פון א מענטשען, וואָס זאָל זיין אַזאַ פאַרברענטער פישערמאַן, ווי יונה פישעל איז?

יונה פישעל, אַ קליין, דאַר מענטשעל מיט א פּאָר וואַסערדיגע אויגעלעך און מיט אַ הייזעריגען קול׳כעל האָט געהאַט א „האבי" צו כאַפּען פיש.

ער איז געווען אריינגעטאָן אין דעם מיט זיין גאַנץ לייב און לעבען, ער האָט געקענט אָפּרעדען מיט אייך שעה׳ן לאַנג וועגען פיש, טייכען, לייקס, דערציי־לעטן אייך מעשה׳לעך, עפּיזאָדען וואָס מיט אים האָט פּאַסירט ביים כאַפּען פיש. ווען ער פלעגט נאָר האָבען אַ געלעגענהייט פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן דאָס „ראַד״ (ווענדקע) מיט די איבעריגע מכשירים און זיך אַוועקלאָזען ער־געץ צו א טייך, אָדער צום ים צו כאַפּען פיש.

יונה האָט אָבער קיינמאָל ניט געהאט קיין מזל צו די שטומע באַשעפענישען, וואָס שווימען ארום אין וואַסער און לאָזען זיך ניט כאַפּען. און טאָמער פלעגט אים אמאָל יאָ געלונגען צו כאַפּען א פּאָר פישלאך, פלעגען זיי אויך ניט טויגען; און ער פלעגט זיי אַוועקוואַרפען.

יונה פישעל איז געווען באקאַנט מיט אלע לעיקס (אָזערעס טייכען און וואַסערען ארום ניו־יאָרק, און אין די בערג. ער האָט געוואוסט אַלע מינים פיש ביי די נעמען און אין וואָס פאַר א וועטער זיי איז גינסטיג צו כאַפּען. —פיש — פלעגט יונה א באגייסטערטער זיך צו לאָזען און זיין פּנים פלעגט אָנעמען א מאָדנעם אויסזען — זיינען די אינטערעסאנטסטע און אויסטער־לישע באַשעפענישען אויף דער וועלט. זיי גרייפען קיינעם נישט אָן, שווימען זיך פרידליך אַרום אין וואַסער, און זיינען צופרידען, אַז מען טשעפּעט זיי ניט.

און אָט קומט יונה אהיים אַן אויסגעמאַטערטער, א פאַרהונגערטער מיט זיין קלאפּערגעצייג, מיט איין פישעל אין קערבעל. דאמאָלסט הויבט זיך אָן פאַר יונה׳ן די ריכטיגע צרות.

— וויפיל פיש האָסטו היינט געכאַפּט ? — פרעגט אים סאַרקאַסטיש זיין אידענע, אַזוי שנעל, ווי ער באַווייזט זיך אין טיר. עס איז היינט געווען דער וואַסער צו אומרוהיג און די פיש האָבען ניט געוואָלט בייסען — ענט־סערט יונה מיט אַן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ.

— פאַרוואָס האָט אונזער שכן פון ערשטען פלאָר געכאַפּט אַזוי פיל פיש, — לאָזט אים די ווייב ניט אָפּ — און דו ביזט געקומען מיט ליידיגען ?

—מסתמא האָט ער אָנגעטראָפען א גוטען פלאַץ, וואו ס׳איז דאָ א סך פיש און זיי האָבען זיך געלאָזט כאַפּען — פלעגט יונה געפינען אַן ענטפער.

— דו קענסט אויסטראכטען גוטע תירוצים, אָבער נישט כאַפּען קיין

פיש — פלעגט אים זיין פּלוניתטע ווייטער קיבעצען.

פלעגט נעבאך יונה פישעל אויסשטיין געברענטע רות פאַר זיין „האבי״ צו זיין אַ פישערמאַן, אָבער ער האָט עס געטומען ווי אַ העלד, ווי א מארטי־רער, וואָס איז פאַראורטיילט צו ליידען. א סך מאָל, ווען זיין פלונית׳טע פלעגט אים אַוועקלייגען א מאַנאָלאָג פאַרוואָס ער פטר׳ט אַוועק אַזוי פיל צייט און מי מיט זיינע פיש, פלעגט יונה גאַנץ אומשולדיג ענטפערן:

— וואָס בין איך שולדיג, אַז די פיש לאָזען זיך נישט כאפּען, אַז זיי מיידען מיך אויס און אנטלויפען פון מיר.

איין מאָל, ווען יונה פישעל איז געגאַנגען אַהיים אַ פאַרצווייפעלטער און אַ פאַרמאַטערטער נישט כאפּנדיג קיין איין פישעל איז אים איינגעפאַלען א פּראַכטפולער געדאַנק: ער איז אַריין אין א דערבייאיגען פיש־סטאָר און געקויפט א קערבעל פיש...

— אָט דאָס הייסט געכאַפּט פיש! — האָט די מרס. פישעל גראַטולירט איר מאַן, ווען ער האָט זיך באַוויזען אין טיר מיט א פולען קערבעל פיש — איצט ביזטו א כוואַט! אַן אמת׳ער פישערמאַן!

היינט האָב איך ענדליך דערטאַפּט דעם ריכטיגען פלאַץ און די פיש האָבען געביסען, — האָט יונה מיט שטאָלץ זיך באַרימט.

א קלאַפּ אין טיר, און ווען אַ מאַן האָט זיך באַוויזען, איז יונה פישעל געוואָרען בלייך ווי קאַלך, ער האָט דערקענט דעם מאַן, וואו ער האָט געקויפט די פיש.

איר האָט ביי מיר אין סטאָר פאַרלאָרען אייער סאָשיעל־סעקיוריטי טשעק, ווען איר האָט געקויפט די פיש — האָט דער מאַן געזאָגט — און אים דערלאַנגט דעם טשעק...

יונה איז געבליבען שטיין א פאַראַליזירטער פון שרעק, ניט קענענדיג אַרויסריידען קיין וואָרט. און ווער דער מאַן איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָט די מרס. פישעל זיך אָפּגערופען מיט פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך צו איר צושראָקענעם מאַן:

— יאָ, יאָ! דו האָסט היינט דערטאַפּט דעם ריכטיגען פלאַץ!.. די פיש האָבען היינט געביסען, נישט נאָר ביזטו א שלים־מזל צו כאַפּען פיש, נאָר די פיש האָבען דיר געמאַכט פאַר אַ ליגנער.